STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10894

OYF DI BREGEN FUN PLATA

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ

זאַמעלבוך

פערלאַג

„אידישע צייטונג"

BUENOS AIRES

1919

אינהאַלט

יוסף מענדעלסאָן

אונזער סביבה און אונזער געשטאלט .... 3—15

אבא קליגער

לידער .... 16—49

נח וויטאַל

ערצעהלונגען און סקיצען .... 50—98

י. העלפמאַן

ערצעהלונגען .... 99—150

ל. מאַם

פון א סעריע „מאמענטען" .... 151—161

א. בראָדסקי

סאלאניא (ערצעהלונג) .... 163—173

ברוך בענדערסקי

ערצעהלונגען פון בהמה'שען לעבען .... 175—192

שפאנישע נעמען און ווערטער .... 192—194

יוסף מענדעלסאָן.

אויף די ברעגנען פון פּלאַטאַ.

אונזער סביבה און אונזער געשטאַלט.

איך ווייס ניט אויף וויפיל עס איז צוועקמעסיג צו געבען אנ׳איינלייטונג צו א זאמעלבוך, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך גאנץ פערשידענע שרייבער, פערשידען אין זייער פארם, אין דעם אופן פון אויפפאסען, בעאבאכטען און שילדערען.

ווארום אנ׳איינלייטונג, ווען זי ווערט געשריבען צו א בוך, דארף זיין איהר אבזיכט צו געבען די לעזער דעם פרצוף פון שריפשטעלער; די איינלייטונג צו א בוך דארף געבען דעם לעזער א בעגריף וועגען דעם בוך, איידער ער וועט לייענען די שריפטען און וועט האבען די מעגליכקייט צו שאפען זיך זעלבסט א מיינונג; אנ׳איינלייטונג דארף העלפען דעם לעזער זיך אריענטירען אין די שריפטען, וואס ער געהט נאכהער לייענען.

דאס קען געטון ווערען נאר, ווען דער בוך איז צוזאמענגעשטעלט פון שריפטען פון איין אויטאר, וואס ווי פערשידען זיי זאלען ניט זיין, האבען זיי פארט א אינערליכע איינהייטליכקייט, ווייל איינער איז זייער שעפער. עס איז אבער שווער, אדער כמעט אונמעגליך צו געבען אנ׳איינלייטענדע כאראקטעריסטיק צו אזא זאמעלבוך, ווי „אויף די ברעגען פון פלאטא", אין וועלכען עס בעטייליגען זיך יונגע שריפטשטעלער, וואס זענען אזוי פערשידען אין זייער ארט שרייבען, אז דאס איינציגע געמיינזאמע, וואס ביי זיי איז פאראן, איז די סביבה, דער בעגרעניצטער קוואל פון דאס אידיש ארגענטינישע לעבען, אויף די ברעגען פון פלאטא, פון וועלכען מיר אלע צוגלייך שעפען אונזער יניקה און דער ריינער נעט-זויבערער אידיש, די ריינקייט פון וועלכען מיר האבען מיט אלע כוחות געמיינזאם, געפלייסט זיך אפצוהיטען, ווי א טייערען אוצר, אין א פרעמדער לאנד צווישען א וויר-וואר פון פרעמדע שפראכען.

און אויב מיר אלע, די איינטיילנעמער אין דעם דאזיגען ליטעראַרישען זאמעלבוך האבען בעשטימט צו געבען די דאזיגע איינלייטונג, קומט די בעשטימונג פון אנ׳אנדער שטאנדפונקט און אנדערש זענען די אבזיכטען פון דער איינלייטונג.

ניט צו געבען א ליטעראַרישע כאראקטעריסטיק פון יעדען בעזונדער איז אונזער כונה, ניט צו געבען א בעזונדערע אפהאנדלונג פון יעדען שריפטשטעלער איבער זיין ארט שרייבען, נאר צו געבען די אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון דער סביבה, וואו מיר האבען זיך ענטוויקעלט, פון דעם אמביענט, וואו אונז איז אויסגעקומען געמיינזאם צו שאפען — אזוי ארום וועט אפשר ממילא קומען די כאראקטעריסטיק פון דאס ספעציפישע ארגענטיניש-אידישעס וואס מיר בעזיצען.

אזוי האב איך פערשטאנען די בעשטימונג פון די חברים, ווען זיי האבען מיר איבערגעגעבען צו שרייבען די איינלייטונג צום זאמעלבוך: שילדערען די סביבה. די אומבעקאנטע פאר דעם ברייטען אידישען פובליקום, — אויסערהאלב ארגענטינע — אידישע אומגעבונג; ווייזען אויף וויפיל אונזער ישוב שיידט

זיך אונטער פון דעם אַלטען אידישען ישוב, פון וואַנען ער איז אַריבערגעקומען און די נייע שטריכען, וואָס זענען דאַ איהם צוגעקומען — די ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיק וועט זיך באַקומען נאָכהער אַליין; — אַנדייטען אויף די שווע־רע בעדינגונגען אין וועלכע אונז איז אויסגעקומען צו אַרבייטען און אויף וויפיל מיר אַלע, שפּיגלען אַפּ דאָס היגע לעבען און שפּיגלען אָפּ זיך זעלבסט; ניט אַריינגעהענדיג אין דעטאַלען, דאַרף די איינלייטונג צום זאַמעלבוך דערווייזען אויף וויפיל מיר שטעהען אין אונזער שאַפונג „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ״.

אַזוי האָב איך פערשטאַנען די אויפגאַבע פון דער איינלייטונג.

— —

פריער פון אַלעס טאָרען די לעזער ניט פערגעסען פון וואַנען דער זאַמעל־בוך קומט:

— פון די ברעגען פון פּלאַטאַ. פון אַרגענטינאַ.

מען קען ניט און טאָר ניט פערגלייכען איהם צו אַנדערע פון דעם מין, ניט דערפאַר, וואָס ער איז בעסער אָדער ערגער, שוואַכער אָדער שטאַרקער פון אַנדערע זאַמעלביכער, אַרויסגעגעבען פון „יונגע״ אין אַמעריקאַ, אָדער אין רוסלאַנד, נאָר איבער דעם, וואָס אַרגענטינאַ, די אידישע אַרגענטינאַ וויל איך זאָגען, איז נאָך אַליין — און וועט אפשר אויף פיל יאָהרען נאָך פערבלייבען — אַ אומבעקאַנטע לאַנד, אַ terra ignota פאַר דעם ברייטען אידישען פּובליקום אין רוסלאַנד און אין אַמעריקאַ; אַרגענטינאַ איז נאָך אַליין איינע פון יענע „וויטע לענדער״, פון וועלכע די ברייטע אידישע וועלט האָט ניט, אָדער כמעט ווי ניט, קיין שום בעגריף.

ווייט איז אַרגענטינאַ, ווייט פון דער גרויסער אידישער וועלט, ווייט פון די גרויסע אידישע צענטרעס פון אייראָפּאַ און צפון אַמע־יקאַ און עס שפּירט זיך די דאָזיגע ווייטקייט אינ׳ם בעגריף, וואָס מען האָט דאָרט וועגען אונז, און מיר שפּירען די דאָזיגע ווייטקייט אויף זיך זעלבסט.

מען בעטראַכט דעם היגען אידישען ישוב, ווי אַ עפּעס אַ פאַלגע פון אַ דורכגעפאַלענעם קאָלאָניזאַציאָנס־פּרוב. מען ווייסט אין דער ברייטער אידישער וועלט, אַז אין אַרגענטינאַ איז פאַראַן אַ היבשע צאָל אידישע קאָלאָניסטען און קאָלאָניעס, וואָס האָבען צוטון און קעמפּפען מיט זייער זעלבסטהערשענדער פער־וואַלטערן, די יק״אַ; וועגען דעם איז פיל געשריבען געוואָרען אין דער אידישער פּרעסע פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ; מען שטויסט זיך אויך אָן, אַז אין אַרגענטינאַ איז מסתמא פאַראַן אַ שטאָדטיש־אידישער ישוב, אַ סימן: ציי־טונגען אידישע, פערשידענע אידישע אויסגאַבען ווערען פון דאָרט בעקומען; אָבער דער עקר, די הויפּט פערבלייבט די קאָלאָניזאַציאָן, ווייל פון דעם שטאָדטישען אידישען ישוב, פון די קליינע אידישע סוחרים און היבשער אידישער אַרבייטער־שאַפט, פון דער גאַנצער אידישער סביבה, וואָס ווערט לאַנגזאַם געבויעט און געשאַפען „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ״, פון דעם אַלעמען האָט דאָס ברייטע אידישע פּובליקום קיין אַהנונג ניט.

און פון וואַנען זאָל זי עס האָבען?

די פּאָאַר אידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבען בעזוכט אַרגענטינאַ, וועגען איהר געשריבען און, זאָגאַר, אַ בוך אַרויסגעגעבען זענען אויך אַריינגעפאַלען אין דעם זעלבען טעות זיי האָבען אויך ניט בעמערקט דעם גאַנצען אידישען ישוב, אַלזייטיג, נאָר איינזייטיג. די הויפּט געוויכט האָבען זיי אויך געלעגט אויף דעם קאַמף, און גערעדט, געשריבען, דערצעהלט וועגען קאַמף, ניט בעמער־קענדיג אָדער כמעט ווי ניט בעמערקט די איינציגע צעוואָרפענע שטריכען פון עטוואָס נייעם אידישעם, וואָס איז דאָ אין די שטעדטישע צענטרעס פאַראַן. זיי, די שריפטשטעלער, וואָס האָבען וועגען אונז דער גרויסער אידישער וועלט דערצעהלט, האָבען כמעט ווי ניט בעמערקט דאָס נייע, דאָס ספּעציפיש־אידישע, וואָס, אַבוואָהל נאָך ניט קריסטאַליזירט, נאָך פאָרמלאָז, האַלט זיך דאָך אין שאַפען, אין וועבען אין דעם גרויסען שטאָדטישען צענטר „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ“, אין דעם מיש־מאַש פון פעלקער און משפחות, וואָס וואוינען אין די ברייטע זוניגע גאַסען פון בוענאָס איירעס.

פון פּרץ הירשביינס „ווייטע לענדער“, ווייסט דאָס ברייטע אידישע פּוב־ליקום, אַז דער אידישער ישוב אין דער שטאָדט בוענאָס איירעס „בענקט“. נאָך וואָס בענקט ער? צו וואָס בענקט ער? — דאָס איז אומבעקאַנט געבליבען פאַר׳ן אויסער פונ׳ם בוך און פאַר דאָס אידישע פּובליקום, ווייל דאָס בוך גיט ניט קיין כאַראַקטעריסטיק פון דעם היגען אידישען לעבען, קיין בעזונדערע בילדער פון דער היגער אומגעבונג און בעגרעניצט זיך נאָר מיט אַפּאָר פּעראַלגעמיינונגען, וועגען דער שטאָדטישער יוגענד, דאַן ווען וועגען די קאָלאָניעס און דאָס אידישע לעבען דאָרטען רעדט ער מיט מעהרער דעטאַלען און עטוואָס אויספיהרליכער. אפשר קומט עס דערפון, וואָס פאַר אַ גאַסט, פאַר אַ פון דער פרעמד געקומענעם איז לייכטער געווען צו בעמערקען דאָס אידישע אין די קאָלאָניעס, ווייל דאָרט איז עס בולט׳ער אויפ׳ן אַלגעמיינעם פאָן פון דעם ישוב; אין שטאָדט אָבער איז שווערער צו בעאָבאַכטען די איינציגע, צעוואָרפענע שטריכען פון דאָס היגע אידיש לעבען, ווייל זיי ווערען פערשלונגען אין די טויזענדער קאָלירען און נאָמען, אין די טויזענדער פערשידענע פאָרמען, וואָס האַלטען זיך אין איין בייטען און ענדערען אין אַ שטאָדט פון אַנדערהאַלבען מיליאָן איינוואוינער, וואָס איז בעפעל־קערט פון אַלע משפחות פון דער ערד. און ווייל דאָס אידישע איז דאָ נאָך ניט רייף, נאָך ניט קריסטאַליזירט נאָר שטריכענמעסיג נאָך, האָט עס געמוזט, פאַר אַ גאַסט, פערשלונגען ווערען אין די אַלגעמיינע קאָלירען און נאָמען, וועלכע זענען שטאַרקער פון די אידישע.

פאַר אַ גאַסט — יאָ, אָבער ניט פאַר אונז, ווייל מיר זיין בלוט און פלייש פון דעם אידישען ישוב „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ“. מיר פיהלען די דאָזיגע ספּעציפישע שטריכען, וואָס דאָס אידישע לעבען האָט דאָ און נעמט דאָ, אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ אָן.

מיר פיהלען די שטריכען, אין זיך זעלבסט פיהלען מיר זיי, מיר בעגריי־פען אויף אַ ריין אינטואיטיווען אופן דאָס דאָזיגע אומבעשטימטע נאָך, דאָס דאָזיגע פאָרמלאָזע דערוויל, וואָס דאָס אידישע לעבען האָט דאָ, מיט וואָס דאָס אידישע לעבען שיידט זיך דאָ אונטער פון אַנדערע לענדער.

מיר פיהלען, אז דאס אידישע לעבען האט דא עטוואס אזוינס, וואס נאר ארגענטינא האט איהם עס צוגעגעבען, עטוואס אזוינס וואס איז דא אויף די ברעגען פון פלאטא אריינגעשמאלצען געווארען אין אידישען לעבען און, אבוואהל עס איז נאך דערווייל אומבעשטימט, אונקלאהר, פלייסען מיר זיך דאך צו בעטא-נען עס, צו מאהלען עס — אויף וויפיל מיר קענען און אויף וויפיל עס איז בכלל מעגליך.

אויף וויפיל עס איז מעגליך. — ווייל נאך אלעמען איז נאך דער ארגענ=טינער אידענטום יונג, צו יונג צו קענען שאפען עטוואס אזוינס, וואס זאל האבען מעהר ווי ליניען, ווי שטריכען, ווי ארטיגע קאלירען.

יונג איז דער אידישער ישוב אין ארגענטינא: סך הכל זיבען—אכט און צוואנציג יאהר זענען פאראיבער זינט דער זעליגער באראן הירש האט אנגעוויזען אהער דעם וועג די אויסוואנדערנדע אידישע מאסען, וועלענדיג פערווירקליכען זיין טרוים, צו שאפען א „פערשפראכענע לאנד" פאר'ן אידישען פאלק אויף די פרוכטבארע פעלדער, וואס דעם פלאטא'ס צוויי מעכטיגע טייכען-ארימס — פאראנא און אורוגוואי — טרונקען אן. זיבען-אכט און צוואנציג יאהר איז א קליינע, גאנץ קליינע פעריאדע, אין משך פון וועלכע, עס זאל קענען געשאפען ווערען עטוואס קאנקרעטעס, עטוואס בולט'עס, עטוואס אזוינס, וואס זאל שוין אויסגעשמידט זיין אין בעשטימטע פארמען און ניט זיין נאר שטריכענמעסיג.

צו דאס אלטע, דאס קריסטאליזירטע, דאס אויסגעשמידטע אין פעסטע פארמען, וואס איז א הער פון דער אלטער היים מיטגעבראכט געווארען דורך דער איינגעוואנדערטער אידישער מאסע, האבען פאר אזא קורצע צייט, ווי די דערמאנטע, געקענט נאר צוקומען קוים בעמערקבארע שטריכען, וואס טראגען א ריין ארטיגען כאראקטער און וואס זענען אבער דאך ניי, אין א געוויסער מאס, ווי ניי עס זענען די ארטיגע בעדינגונגען פאר דער איינגעוואנדערטער אידישער מאסע. די נייע שטריכען, די שטריכען פון די „פלאטא-ברעגען", ווי איך וויל עס אנרופען, האבען די אלטע בילד ניט געענדערט אין גאנצען, נאר א נייעם קאליר, א נייעם אויסזעהען איהר צוגעגעבען.

דאס איז דאס נייעס, וואס מיר פיהלען דא און האבען עס אין פערשידענע פארמען געפרובט איבערגעבען אין דעם זאמעלבוך „אויף די ברעגען פון פלאטא". אויף וויפיל עס איז אונז געלונגען אונזער אויפגאבע איז אנ'אנדער פראגע...

און פונקט ווי די סביבה אין וועלכער מיר לעבען, פונקט ווי דאס אידישע לעבען דא אין ארגענטינא איז א א מ א ל ג א מ א פון דאס אלטע אידישע לעבען אין רוסלאנד און נייע, היגע, ר י א פ ל א ט ע נ ס ע שטריכען, וועלכע געבען צו א בעזונדער פארמע דעם אידיש=בעל=הבית'ישען לעבען, דעם קאלאניסט אדער ארבייטער, — אזוי איז אויך אונזער היגע אידישע ליטעראטור — אויף וויפיל דאס, וואס איז אויף דעם געביט דא געשאפען געווארען קען בעטיטעלט ווערען מיט דעם נאמען — ניט קיין אלטע אין גאנצען און ניט קיין נייע, נאר אויך א נ' א מ א ל ג א מ א, א צונויפשמעלצונג פון דאס אלטע אין דער אידישער ליטעראטור מיט נייע היגע, ספעציעל „ריא=פלאטענס"ישע שטריכען. איך וועל ניט בעטאנען, איך וועל ניט אונטערשטריכען דאס ריא-פלאטענס"ישע. וואס אין אונ=

זערע ערצעהלונגען, בילדער, סקיצען און לידער געפונען זיך, ווייל עס איז נאך אומבעשטימבאר, אבער יעדער פערשטענדיגער לעזער וועט זיי פיהלען, לעזענדיג דאס, וואס „אויף די ברעגען פון פלאטא" איז געשריבען געווארען.

פאר די זיבען-אכט און צוואנציג יאהר, וואס דער אידישער ישוב צעהלט דא, איז קיין גאנץ-נייער אידישער טיפ ניט געשאפען געווארען, אבוואהל עס זענען דא געשאפען געווארען נייע געביטען פאר'ן אידישען לעבען, נאר א האלב-נייער אזוי צו זאגען, האט אויך אין דער היגער אידישער ליטעראטור, וועלכע איז דערוויל ריין-לאקאל, וועלכע האט זיך אין דער היגער אידישער סביבה ענטוויקעלט, געוואקסען מיט'ן וואוקס פון דעם היגען ישוב און תמיד געווען זיין ריכטיגע אפשפיגלונג, — קיין גאר נייעס, קיין ריין אידישעס-ארגענ-טינישעס, וואס זאל אבסאלוט זיך אונטערשיידען פון דער אלטער אידישער ליטעראטור, — ניט געקענט געשאפען ווערען.

— —

מיר האבען נאך דערוויל ניט פרעטענדירט דא צו זוכען נייע שטעגען, שטעגען וועלכע זאלען פיהרען אויף גאנץ אנדערע וועגען פון דער רוסיש-אידישער ליטעראטור, ווי דאס טוען איצט אונזערע יונגע קאלעגען פון נארד-אמעריקא, וועלכע בעפרידיגען זיך ניט מיט די אלטע פארמען פון דער אידישער ליטעראטור און פרובען שאפען אבסאלוט נייע.

מיר האבען עס ניט פרעטענדירט צו טון אפשר דערפאר, ווייל דאס לעבען דא אין דער יונגער ארגענטינא און אין דער נאך יונגערער אידישער ארגענטינא איז ניט גענוג רייף דערצו. מיר זענען דא נאכגעגאנגען דאס לעבען, וואס איז קיינמאל ניט אלט לחלוטין און ניט גאר ניי, נאר שטענדיג בענייעט עס זיך. פון זיך זעלבסט האבען מיר ניט געוואלט און ניט געקענט אנטלויפען. מיר האבען אויך ניט געקענט, — ווען מיר וואלטען אפילו געוואלט — איבער-רייסען אלע פעדעם, וואס פערבונדען אונז מיט דער אלטער היים, פונקט, ווי אונזערע טאטעס און זיידעס, אהער אריבערגעוואנדערטע, האבען די דאזיגע אונ-זיכטבארע פעדעם, וואס פערבינדען זיי מיט'ן אידישען לעבען פון יענער זייט ים, ניט איבערגעריסען נאר פארגעזעצט זיי וועבען דא אינ'ם נייעם לאנד, אין נייע אומשטענדען און בעדינגונגען, אין א נייער ריכטונג.

א זוהן אדער אנ'אייניקעל בעזיצט תמיד עטוואס אזוינס, וואס זיין פאטער אדער זיידע האט ניט געהאט — דאס איז דאס נייע — ער בעזיצט אבער תמיד פיל מעהר אייגענשאפטען, וועלכע קומען צו איהם בירושה פון זיינע עלטערן אדער אורעלטערן, דאס איז דאס אלטע. און אזוי האבען מיר דא פערשטאנען די אידישע ליטעראטור.

איז אונזער בעגעהר — דער ווילען פון א הייפעלע יונגע אידישע שרייבער אין דער ווייטער ארגענטינא — צו זיין זיהן און אייניקלעך פון אונזערע גרויסע טאטעס און זיידעס פון דער אידישער ליטעראטור, פונקט ווי די היגע אידישע בעפעלקערונג בעשטעהט פון זיהן און טאטעס פון דעם גאנצען אידישען פאלק.

צי האבען מיר רעכט? דערויף זאלען ענטפערען אנדערע.

מיר ווילען זיך ניט איינשמוסען, אז מיר האבען דא געשאפען גרויסע ווערק, וואס האבען א דויערהאפטע ווערד פאר דער אל=אידישער ליטעראטור; מיר ווילען זיך עס ניט איינשמוסען, ווייל:

— ווי איז עס גאר מעגליך אין ארגענטינא, ביי א בעפעלקערונג פון אומגעפעהר 150 טויזענד אידישע נפשות און דערצו נאך אין א קורצע פעריאדע פון א פערטעל יאהרהונדערט?

אבער קיינער קען ניט אוועקנעמען ביי אונז אונזערע פערדינסטען, קיינער וועט אונז ניט אפלייקענען, נאכדעם ווי ער וועט דעם זאמעלבוך איבערלעזען, ווען מיר'ן בעהויפטען, אז:

מיר פיהלען און בעמערקען דאס, וואס ווערט געשאפען אידישעס „אויף די ברעגען פון פלאטא" און ווילען עס דערצעהלען דער גרויסער אידישער וועלט פאר וועלכער דאס וועט זיכער זיין א נייעס.

איז עס דען א אוננוצליכע ארבייט?

איז עס דען קיין פערדינסט ניט פאר דער אידישער ליטעראטור?

וועט דאס אידישע פובליקום, לעזענדיג די ערצעהלונגען, סקיצעס, בילדער און ארטיקלען, וואס זענען „אויף די ברעגען פון פלאטא" געשאפען געווארען פון א נייעס געוואוירע ווערען:

א אידיש לעבען האלט זיך אין וועבען אויף די ברעגען פון דעם ריזיגען טייך; א אידיש לעבען, וואס האט שוין נייע שטריכען, איינענארטיגע ליניען, געוועבטע אויף דעם אלטען פאן, אויף דעם פאן, וואס איז אהער פון דער אלטער היים אריבערגעבראכט געווארען. דאס אידישע פובליקום וועט איניגע טיפען, אין די ערצעהלונגען און סקיצעס, זיכער דערקענען — פון דער אלטער היים זענען זיי אריבערגעקומען אהער — אבער דא אין א נייער וועלט האבען זיי א נייעם אויסזעהען בעקומען.

אזוי וועט מען אין דעם הויפט העלד פון דער ערצעהלונג „בונין", זיכער זעהען דעם גייסטיג צעבראכענעם, שטאנדלאזען אינטעליגענט פון דער אלטער היים, וואס גריבעלט זיך אין זיין אייגענעם וועזען, וואס גלויבט ניט, איבער זיין נערוועזיטעט, אין זיין אייגענעם כאראקטער און וועלכער איז דאך פול אזוי מיט לעבען, מיט שטימונג, לעכצט נאך גליק, ליבט און שטערט אליין אלע ווילע זיין לעבען און גליק, מיט אונערווארטעטע ווידערשפרוכען זיך זעלבסט. — אנ'אלטער בעקאנטער פערסאנאזש פון דער אידישער ליטעראטור, אבער דאך איז ער ניט עהנליך צו נאמבערגס העלדען, ווייל יענע געפונען זיך אין רוסלאנד און „בונין" לעבט אויף די ברעגען פון פלאטא, אין א נייער סביבה, אין א כמעט סוב-טראפיקאלישען קלימאט און אנדערע אויסערליכע און אינערליכע בעדינגונגען, וועלכע, ווילענדיג ניט-ווילענדיג, מוזען איהם, דעם לעבהאפטען, איינצייטיג הומאריסטיש געשטימטען און מעלאנכאליש פערטרוימטען פערסאנאזש, צוגעבען א נייעם פארב, א נייעם גלאנץ, א היגען, „ריא-פלאטענסע"ן קאלאריט.

אזוי וועט זיכער דער לעזער דערקענען אין „עטעל'ן" דעם „ענקארנאדאס„ טאכטער — אין דער זעלבער ערצעהלונג — די אלט בעל-הבתיש היימישע-מיידעל, פון דער אלטער היים, וואס טוט ניט קיין פינגער אין קאלטע וואסער,

אויסער, געוועהנליך, היימישע ארבייט; וועלכע „זיצט" און ווארט אויף א חתן, ווייל מיט נדן איז זי שוין ברוך השם פערזארגט, און שטילערהייד שדכנ'ט זי זיך צום שכן, אויף וויפיל טאטע-מאמע וויסען ניט דערפון. דא, אונטער דער שטארקער ארגענטינער זון, און דעם הייסען לײדענשאפטליכען קלימאט פון ארגענטינא, האט זי זיך עטוואס געענדערט, עטוואס נאכלעסיגער געווארען, עטוואס לײדענשאפטליכער; אבער די ענדערונגען זענען קוים בעמערקבארע. דער אויטאר האט זי פערבייגעהענדיג—נאר מיט עטליכע שטריכען—געבראכט ווי זי זעהט אויס דא, איבערלאזענדיג פאר'ן לעזער זעלבסט צו פערגלייכען איהר בילד מיט איהרע חבר'טעס פון דער אלטער אידישער ליטעראטור און אליין זעהן דעם אונטערשיד, די ענדערונגען, די ריא-פלאטענסע שטריכען. און די טרוימערישע פאני, די איינפאכע בערטא, וועלכע טראכט ניט, פערטיפט זיך ניט, נעמט פון לעבען דאס, וואס עס ברענגט איהר מיט א שמייכעל, אהן איבעריגע שאלות, אהן חקירות, און איז דערום דער געגענזאץ פון איהר חבר'טע מיט וועלכער זי לעבט, און וועלכער זי פערשטעהט דאך ניט; און חיים — דער פראסטער, עטוואס קאמישער אבער גוטהארציגער אידישער בחור, וואס ליבט אזוי שטארק פאני'ן און לײדט פון דעם וואס זי בעציהט זיך צו איהם אזוי קאלט, אזוי נידערשעצט, דאן ווען מיט בונינען לײדט זי — זענען זיי דען ניט אלטע בעקאנטע פיגורען פון דער אידישער ליטעראטור? אלטע אבער דאך נייע, ווייל ניי איז די אידיש-ארגענטינישע מיליע, וואו זיי אקטואירען, ניי איז אין דער אידישער ליטעראטור—בוענאס איירעס, מיט איהרע גאסען מיט זונענשיין פערפלייצט, מיט איהרע הייזער, צימערן, מיט דער „מאטע", וואס טראגט אזא פאטריארכאלען און עקזאטישען כאראקטער, ניי אין דער אידישער ליטעראטור זענען די אלע ארגענטינער שאטירונגען, ניואנסען, שטריכען, אומבעמערקבאר דא און דארט צעווארפענע אין דער און אין אלע אנדערע ערצעהלונגען און סקיצעס וואס זענען „אויף די ברעגען פון פלאטא" געשריבען געווארען — דאס איז דאס נייע, וואס איז ביי אונז מיט דאס אלטע אמאלגאמירט.

ניט ניי זענען, צום ביישפיל, די סטאליארעס, וואס ווערען געשילדערט אין די עטליכע „טאזשער-סקיצען" און אין דער ערצעהלונג „נחום":

דערוואקסענע מענשען זענען זיי אהער אריבערגעקומען מיט א פארמירטען קוק אויפ'ן לעבען, מיט א פארמירטען כאראקטער — און דאך — האבען זיי אין היגען לעבען עטוואס נייעס, וואס אין רוסלאנד, אין פוילען אדער ליטא האבען די סטאליארעס ניט בעזעסען. דאס זענען נאר קוים בעמערקבארע ליניעו. וואס געבען דא און דארט צו א ענדערונג דער אלטער בילד, וואס בייטען איבער, אפטמאל איגנאנציען איהר אויסזעהן. א גאסט, א פון דער פרעמד געקומענער, וועט די ניואנסען ניט פיהלען, ווי שטארק זיין בעאבאכטונגס פעהיגקייט זאל ניט זיין; א היגער אבער, וואס טראגט אליין אין זיך די שפורען פון דאס דאזיגע נייע, פיהלט דאס נייע, נעמט אויף די שטריכען אויף א ריין אינטואיטיווען אופן.

דער אידישער „טאזשער" זעלבסט, וואס ווערט אין די סקיצען געמאלט איז א ספעציעל ארגענטינער און טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון ארט. דאס איז ניט דער אמעריקאנער „שאפ", וואו עס ארבייטען הונדערטער ארבייטער, וואו

די אינטערעסען פון דער „ארבייט" און „קאפיטאל" קומען ווירקליך אין צוזאמענ־שטויס; דאס איז אבער אויך ניט דער היימישער אידישער ווארשטאט פון דער אלטער היים, וואו די ארבייט האט זיך נעפיהרט אויפ'ן אלט־מאדישען, גוטמוטיג בעלי־בת'ישען שטייגער, וואו די בעדערפענישען זענען געוועזן קליינע און נאך קלענער זענען געווען די פערדינסטען. דער „טאזשער" אין דעם אידיש־בוענאס איירעס'דיגען טייטש פון דעם בעגריף איז ווידער טאקע א אמאלגאמא, א צונויפשמעלצונג פון דעם רוסיש־קליינשטעדטעלדיגען ווארשטאט מיט דער גרויסשטעדטישער „עקספלאטאציע", מ'שטיינס געזאגט. דער בעל הבית אר־בייט צוזאמען מיט'ן ארבייטער, ווייל ער אליין האט זיך נאך ניט אוספיעט ארויפצוארבייטען, ער ווערט אפטמאל אויסגעריסען בעגלייך מיט זיינע „עקספלא־טירטע", וועלכע „קעמפפען" געגען איהם;ביידע צוזאמען זענען זיי גלייך פעראינטערעסירט צו ארויסענדיגען שנעל די „כועגא" מעבעל, און ארבייטען דורך נעכט, ווייל אין געגענטייל, וועלען זיי ביידע ניט האבען וואס צו עסען (די „שרפה"); און דאך זענען די אינטערעסען זייערע פערשידען, ווייל צום אלטען היימישען בילד זענען צוגעקומען נייע שטריכען, נייע ליניען. עס בעקומען זיך דערפון טראגי־קאמישע סיטואציעס: די ארבייטער פיהלען אפטמאל אינסטינקטיוו, אז זיי דארפען קעמפפען געגען דעם „בעל הבית", אז זיי מוזען „פערטיידיגען" זייערע אינטערעסען, זיי קענען אבער לאגיש ניט פערשטעהן צוליב וואס זיי קעמפפען, געגען וועמען קעמפפען זיי, ווען זייערע בעלי בתים זענען אזוי ארים, ווי זיי, אזוי נידערשלאגען, ווי די ארבייטער זעלבסט („נחום").

אין קאמפ איז די לאגע עטוואס אנדערש. דארט איז דאס אלטע, דאס קליינשטעטלדיגע אידישע לעבען פון דער אלטער היים גאנצער, בולטער, ווינצי־גער געענדערט, כאטש געענדערט האט זיך דער אינהאלט פון לעבען, ווייל די אריבערגעקומענע סוחרים'לעך און קרעמערלעך זענען קאלאניסטען געווארען און ווער מעהר, ווער ווייניגער, ווער פעסטער, ווער שוואכער, זענען זיי צו דער ערד צוגעבונדען געווארען. אינערליך האט זיך דארט, אבער, ניט געקענט נאך ענדערען דאס אידישע לעבען, ווייל די סביבה איז א ריין אידישע און די נייע שטריכען זענען דערפאר פיל ווייניגער בעמערקבאר ווי אין שטאדט. די הי געבוירענע, הי ערצויגענע קינדער וועלכע ווערען „אקריאזשירט" ביסלעכווייז, זענען נאך זעהר ווייניג און איבען נאך ניט אויס קיין גרויסען איינפלוס, קיין אינערליכען איינפלוס אויף דעם אידיש־קאלאניסטישען לעבען אין ארגענטינא, אלענפאלס ניט אזוי שטארק איז די ענדערונג, אז זי זאל זיך לאזען פיהלען און מערקען.

אפילו די הויז חיות אין די אידישע קאלאניעס זענען מיט קליינע אויסנאמען, אידישע הויז־חיות פון דער אלטער היים אין א ארגענטינער סביבה; זיי טראגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון דאס אידישע לעבען אין קליינעם שטעדטל מיט א צופאסונג צו די לאקאלע אומשטענדען. דער „סאינא", דער „לאבא", דאס זענען כמעט די זעלבע „קליאטשע", „מתושלח" און „ראבטשיק", וואס ביים ויידען מענדעלי און שלום עליכם'ען. כמעט די זעלבע, אבער א אונטערשיד איז דאך פאראן: די ערשטע זענען געבוירען און אויפגעוואקסען ביי אידישע קאלאניסטען אין ענטרע ריאס, פאמפא, אדער מאזעסוויל; די לעצטע זענען געבוירען און

אויפגעוואַקסען אין קאַבצאַנסק און כתריאלעווקע. דער אונטערשיד איז ניט קיין קליינער; עס איז אָבער איהם שווער צו בעמערקען, און דערפאַר איז אַזוי לייכט צו אַריינפאַלען און נאָכמאַכונגען. מען מוז זיין אַ טיפער בעאָבאַכטער אום צו דערקענען אין דעם „סאָינאַ" אין דעם „לאַבאַ" די שטריכען, וואָס שיידען זיי אונטער פון דער „קליאַטשע", און פון „ראַבשטיק": צומאָלס בעטראַכטענדיג די דאַזיגע מאָגערע, דאַרע, קוואַרע, הונגעריגע, קוים די פיס שלעפענדע, פערזאָרגטע, מרה־שחורה׳גע הויז־חיות פון דעם אידישען קלאַניסט, קען מען לייכט מיינען, אַז דאָס האָבען די היגע קלאַניסטען, ווען זיי זענען פון דער אַלטער היים אַוועק מיטגעבראַכט מיט זיך דעם זיידענס „קליאַטשע" אויף פּלאַד...

די שפּורען פון דער סביבה טראָגט אויף זיך די אידיש־קלאַניסטישע הויז־חיה; זי איז אַ אידיש־אַרגענטינישע הויז־חיה און צוזאַמען מיט איהר בעל-הבית ליידט זי הונגער, דחקות און נויט און שטאַרבט פון דאַרשט אַ עלענדע, אַ פערוואָגעלטע אין דער אונגעהייער, ברייטער, מיט ווילדע און שטעכיגע גראָזען בעוואַקסענע, וואַסערלאָזע פּאַמפּאַ. זי איז אויף אַזוי פיל עהנליך צו די אידישע הויז חיות פון דער אַלטער היים, אויף וויפיל איהר בעל־הבית איז עהנליך צום קליינשטעדטעלדיגען אידען פון דער אַלטער היים און שיידט זיך פון איהר אונטער אויך פונקט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס שיידט זיך אונטער דאָס היגע קאַלאַניסטישע לעבען פון דאָס קליינשטעדטעלדיגע אידישע לעבען אין רוסלאַנד. מען זעהט דאָ, אַז די סביבה האָט אַ ווירקונג געהאַט אויף דער הויז-חיה; וויל דער זעלבער „סאָינאַ" אָדער „לאַבאַ", ווען ער שטעהט אין ביים „גאַאוטש" האָט ער גאָר אַנ׳אַנדער אויסזעהן, אַנ׳אַנדער לעבהאַפטיגקייט; מעג דער גאַאוטש לעבען אין די זעלבע אומשטענדען, וואָס דער אידישער קאַלאַניסט. ביים גאַאוטש איז דער „סאָינאַ" אַ לויפער, אַ „סימאַראָן", אַ „רעבעלדע" און דער פילאָזאָפישער „לאַבאַ" איז אַ עזות׳דינער, בייזער הונד, וואָס לאָזט ניט דורך קיין איין האָז, אָדער פוקס אין דער אונגעהייערער „פּאַטרעראַ"...

דאָס איז די סביבה, איהר כוח און ווירקונג.

קיין נייער אָביעקט איז אויף דעם היגען אידישען באָדען ניט נעשאַפען געוואָרען נאָך — איך ווידערהאָל אום צו רעזומירען — נאָר נייע שטריכען זענען צוגעקומען צו די אַלטע; שטריכען וועלכע האָבען מוסיף געווען אויף די אַלטע, אָבער ניט אָוועקגענומען ביי זיי. און מיר אַלס סביבה-שרייבער הויפּטזעכליך, האָבען ניט געקענט שאַפען דאָס, וואָס אין דער היגער יונגער אידישער איינוואַנדערשאַפט איז נאָך ניט פאַראַן.

— —

עס קען זיין אַ פּלוגתא וועגען דעם, צי דער שרייבער ווערט פון דער סביבה בעפרוכפערט אָדער, פערקעהרט, די סביבה ווערט דורך איהם, אין זיין ליטעראַרישער שאַפונג פּראָדוצירט און ער קען זעהען די אומגעבונג גאָר אין אַנ׳אַנדער שיין, ניט ווי זי זעהט טאַקע אויס אין דער ווירקליכקייט, נאָר ווי ער דער שריפטשטעלער וויל איהר זעהן.

עס קען ווידער זיין אַ מיינונגס פערשידענהייט, צי מוז די אומגעבונג, פון

וועלכער דער שריפטשטעלער נעמט די נויטיגע פאַר זיין שאפפונג רויהע מאַטע-ריאַלען, זיין א פאָלקאָם קריסטאַליזירטע, א שוין איינגעשלאָסענע און פעסטע פאָר-מען, וואָס קענען זיך ניט בייטען אזוי שנעל, אדער דאַגעגען, דער שריפטשטעלער קען געפונען דאָס נויטיגע פאַר זיין ווערק אין א סביבה נאָך אַנ׳אַמאָרפע, אין אַזעלכע, וואָס וועבט ערשט איהרע שעפּפערישע פעדעם, וואָס מאַכט ערשט דורך איהר בוּיאונגס פּראָצעס, וואָס געפינט זיך נאָך אין עמבריאָנירען-צושטאַנד. פון דעם שטאַנדפּונקט קען אפילו א יונג פאָלק אַרויסגעבען גרויסע קינסטלער און א יונגע, נאָך, פאַרמלאָזע קולטור וואָלט געקענט שאַפען רייכע גייסטיגע אוצרות.

צו איינס אָבער מוז מען דאָך אַלע מסכּים זיין, אַז דער שריפטשטעלער מוז זיך דאָך ערגיץ וואו געפונען ווען ער שרייבט זיין ווערק — ער וועט דאָך אין די רוימען ניט שאַפען—נאָר אין א וועלכער ניט איז לאַנד, און יעדער לאַנד מעג זי יונג זיין, מעג זי ווי אינקולטורעל נאָך זיין, האָט דאָך איהרע אייגענע מנהגים, איהרע אייגענע זיטען, איהר מיליע און דאָס אַלעס, ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז געפונען א אָפּשפּיגלונג אין זיין שאַפונג, קען ער אפילו שאַפען זאַכען, וואָס האָבען דירעקט מיט זיין נאַציאָנאַלע אדער לאַנדעס קולטור קיין שייכות ניט, אויב נאָר דער שרייבער דופטעט מיט׳ן אטעם פון איין לאַנד, אויב ער איז אין איהר געבוירען געוואָרען אדער איינגעזעסען. דער שריפטשטעלער מעג ער אפילו שאַפען ניט קיין רעאַליסטישע זאַכען, ניט אפילו אזוינע, וואָס האָ-בען דירעקט צו טון מיט׳ן לעבען גיט אין זיינע ווערק, אָפּטמאָל בעוואוסטלאָז, א אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס אַרום איהם געפינט זיך.

דער שריפטשטעלער מוז זיין, ווי מען זאָגט אין העברעאיש, א מחובר לקרקע און ניט קיין תלוש, ניט קיין אָפּגעריסענער פון איין לאַנד און א פאַר-פלאַנצטער אין א צווייטער. דער שרייבער מוז האָבען איין באָדען, מוז האָבען זיין באָדען אונטער די פיס, פון וואַנען יניקה=זאַפט צו שעפּען, וואָס אין זיינע שאַפונגען בעוואוסטזיניג, אדער אינסטינקטיוו און בעוואוסטלאָז אָפּצעשפּיגלען און דאָן, ווען קיין מוטער ערד פעהלט איהם ניט, קען ער אָפּטמאָל שאַפען גרוי-סע זאַכען, ווערק וואָס זענען ווייט ניט אין פּראָפּאָרציאָן מיט דעם קולטורעלען ניוועל פון זיין לאַנד, וואָס שטייגען ווייט אַריבער די גאַנצע קולטור פון זיין פאָלק; ערד, באָדען, מעג עס זיין פאַרבלאָז, גרוי, טרוקען און זאַפטלאָז, קען א שעפּפערישען גייסט געבען דעם העכסטען שוואונג, קען איהם דערהויבען צו שאַפען אַלוועלט-ליכע אונשטערבליכע שעפונגען. עס איז גראָדע ניט נויטיג, אַז די לאַנד, וועלכע האָט דעם שרייבער געבוירען זאָל זיין פּערפעקט. די אומפּערפעקטסטע לאַנד קען אַרויסגעבען פּערפעקטע ווערק — אַבי לאַנד, אַבי באָדען אונטער די פיס.

עדות דערצו זענען די גאַנצע פּלעיאַדע שוועדיש=נאָרוועגישע גאונים, וואָס האָבען אַלמענשליכע ליטעראַרישע אוצרות געשאַפען אין אזא אָרים=טרויעריג לאַנד ווי סקאַנדינאַוויען; עדות דערצו זענען טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי און אַנ-דרעיעוו, וועלכע האָבען זיך דערהויבען אין זייער שאַפונגען צו אזא ניוועל פון קולטורעלער און ליטעראַרישער הויכקייט, וואָס זייער לאַנד, רוסלאַנד, האָט נאָך ווייט ניט דערגרייכט אין זייער צייט.

די שריפטשטעלער פון די אומות העולם האבען באדען אונטער זייערע פים, עס מאכט ניט אויס וואס פאר א באדען, שעפען זיי פון איהם בעהאלטענע אוצרות. די אידישע ליטעראטור אין רוסלאנד האט אויך געהאט א באדען,—ניט אזוי ווי די רוסישע—אבער פארט מעהר פון אונז. די אידישע שרייבער: די קלא-סיקער, ווי דער זיידע", פרץ, שלום עליכם און אש זענען געבוירען געוואָרען אין דעם אידישען „שטעדטעל", יעדער אין זיין געגענד, זיי האבען מיט'ן „שטעדטעל" געאטעמט. און דאס איז זייער באדען געוועזן. האבען זיי, שעפענדיג פון דער „ערד" געקענט קלאסישע, גאנצע ווערק שאפען יעדער אויף זיין ארט, אויף זיין שטייגער, כל זמן זיי זענען ניט אויסגעריסען געוואָרען פון דער ערד, וואו זיי זענען געבוירען און געוואקסען. האבען זיי אבער דאס „שטעדטעל" פערלארען, האבען זיי נאר פער-לארען די ערד, טראגיש איז דאן זייער גורל געוועזן... בלאנקען זיי זיך אום צווי-שען צוויי וועלטען און האבען ניט פוןביידע קיין כוח צו שאפען: איינע פער-לארען צו דער צווייטער קענען זיי ניט קומען...

טראגיש איז דער גורל פון דעם שריפטשטעלער, וואס ווערט פון זיין לאנד פערווארפען, וואס ווערט פון זיין ערד אויסגעווארצעלט, האט די ערד געמענט זיין פאר איהם א גלות ערד אפילו... טראגיש איז דער גורל פון די אידישע שרייבער, וואס האבען זייער „שטעדטעל" פערלארען און קיין אמעריקא פערווארפען געווא-רען; טראגישער פון אלע איז אונזער גורל, דער שיקזאל פון עטליכע „יונגע" וואס זוכען אליין, איינזאם, זייער ליטעראַרישען וועג „אויף די ברעגען פון פלאטא". טראגיש איז אונזער גורל און אונארמאל זענען די בעדינגונגען אין וועלכע אונז קומט אויס צו ענטוויקלען זיך...

ניט קיין געבארענע, ניט קיין אויסגעוואקסענע זענען מיר דא, אויף די ברע-גען פון פלאטא, נאר אריבערגעקומענע אהער, ווער פריער, ווער שפעטער, ווער יונגער, ווער עלטער. תלושים זענען מיר: אפגעריסענע פון אידיש שטעדטעל, אפגעריסען פון דער מוטער ערד אויף וועלכער מיר זענען געבוירען געוואָרען און אויסגעוואקסען, אויסגעווארצעלט פון דער ערד, וועלכערס דופט און זאפט מיר האבען איינגעאטעמט און איינגעזויגען און צו א נייער ערד קען מען זיך, אין בעסטען פאל, נאר צופאסען, אבער ניט איינוואקסען. אלענפאלס דארף עס נעמען פיל מעהרער צייט, וויפיל דער גאנצער אידישער ישוב איז אלט.

פון וואנען זאלען מיר אונזער יניקה-זאפט שעפען? אין דער ארגענטינער לאנד האבען מיר קיין טיפע ווארצלען ניט געלאזט, ווייל דער אידישער ישוב זעלבסט האט נאך קיין ווארצלען ניט געלאזט, און מיר זענען דאך אלענפאלס יונגער פון דעם היגען אידישען ישוב. פון רוסלאנד, פון דער אידישער רוסלאנד — ווען אזעלכע איז נאך געווען — זענען מיר אפגעריסען געוואָרען און מיר קענען ניט שעפען מעהר פון יענעם רייכען אונערשעפליכען קוואל, וואס האט זיך געריר-פען „דאס אידישע לעבען אין רוסלאנד". געפונען מיר זיך צווישען צוויי וועלטען: פון איינער אוועק צו דער צווייטער ניט געקומען. מוז עס זיך, דאך, אפרופען אויף אונזער שאפונג; מוז עס דאך געגען אונזער ווילען לאזען שפורען אויף דעם וואס מיר שאפען דא: מוזען מיר דאך ארייגפאל'ן אין אומבעשטימטקייט פון פאר-מען, אין קאלירען-בלייכקייט און עס מוז זיך שפירען ביי אונז א ארימקייט אין טעמעס, וואס ברענגט אפטמאל צו נאכאמונגען, צו ווידערהאלונגען.

די היגע קאָלירען ווערען פאַר אונז מטושטש און דער גרעניצלאָזער פלאַטאָ-טייך מיט די טונקעל-גרינע, צווייגהאַפטיגע, געדיכט-בעבלעטערטע אמבו'עס ביי זיינע ברעגען, ווערען מעהרערע מאָל פערדונקעלט פאַר אונזער בליק דורך דעם ווייכ-סעל, דנעפּער און דנעסטער מיט די וועלדער פון שלאַנקע גרינע סאָסנעס, גרוי-ווייסע בערעזאָס און נידעריגע פעסטע דעמבעס ביי זייערע ברעגען. עס שוועבען, כמעט שטענדיג, אין דעם הינטער-גרונד פון אונזער פאַרשטעלונגס קראַפט די פאַר דער צייט בלייך געוואָרענע קאָלירען פון דער אַלטער היים און פערשטעלען, פער-דונקלען, מישען אָפּטמאָל זיך צונויף מיט די היגע העלע פאַרבען, גאַנץ פרעמדע צו יענע... שווער, שרעקליך שווער איז צו קלאַסיפיצירען זיי, אָפּטיילען זיי, פאַ-נאַנדערקלייבען זיך אין זיי.

און טראַגיש איז אונזער גורל נאָך מעהר, ווי דער גורל פון אונזערע אַמעריקאַנער קאָלעגען, ווייל אויב יענע האָבען אין די ערשטע יאָהרען פון דער אידישער איינוואַנדערונג אויך געפיהלט דאָס זעלבע וואָס מיר, אויב זיי האָט גע-פעהלט דער אַלטער באָדען אונטער די פיס, איידער זיי האָבען דעם נייעם, דעם אַמעריקאַנער באָדען דערשפּירט, האָבען זיי דאָך אַזוי פיל ניט געליטען ווי מיר, זענען זיי דאָך אַזוינע תלושים, אַזוינע אָפּגעריסענע, ווי מיר, ניט געווען, ווייל אַנדערש זענען געווען די בעדינגונגען פון דער אידישער איינוואַנדערונג אַהינצו; די איינוואַנדערונג אויף די ברעגען פון האָדסאָן, האָט זיך ענטוויקעלט אַנדערש, ווי „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ". דאָרטען איז דער ישוב מיט אַמאָל גע-וואַקסען און עס זענען שנעלער געשאַפען געוואָרען נייע טיפּען, נייע אידיש-אַמעריקאַנישע אָביעקטען, עס איז שנעלער געשאַפען געוואָרען אַ נייער באָדען אונטער די פיס פון די שרייבער, וואָס האָבען זיך אַליין געפיהלט פאַר קינדער פון דעם נייעם ישוב. און אַפילו די, וואָס האָבען זייענדיג אין אַמעריקאַ, געלעבט מיט'ן פערלאָזטען אידישען שטעדטעל פון דער אַלטער היים, האָבען אויך ניט גע-שפּירט די אָפּגעריסענקייט, ווייל דאָס אידישע לעבען איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען איבערן אַטלאַנטיק קיין ניו יאָרק גאַנצער, ווי קיין בוענאָס איירעס — אַלענפאַלס אַזוי דאַכט זיך אונז — און האָט ניט פערלאָרען זיינע אינערליכע און אויסערליכע אייגענשאַפטען אין דעם פּראָצעס פון אימיגרירען.

האָט דערום געקענט שלום עליכם זעהן אין ניו-יאָרק „גאַנץ כתריאלעווקע" אין אַ עטוואָס געענדערטע פאָרמע; קען דערום רייזען, וואוינענדיג אין ניו-יאָרק, שאַפען סקיצעס פון דעם אידישען לעבען אין ליטאַ און קאָברין, אין היבשע עט-ליכע יאָהרען אַרום, נאָכדעם ווי ער האָט דאָס ליטוויש-אידישע שטעדטעל פער-לאָזט האָט עס געפּרובט מאָהלען ווי עס האָט ד אָ ן אויסגעזעהן. דאָס קומט ניט דערפון, וואָס די דערמאָנטע שריפטשטעלער פיהלען אין זיך אַזאַ שעפערישע קראַפט, וואָס א נ ע ר ק ע נ ט ניט די ווירקונג פון דער דיס-טאַנץ, נאָר דערפון, וואָס דער אימיגראַציאָנס שטראָם אַהינצו איז געווען מעהר אינטענסיווער, אַפילו אין פּראָפּאָרציאָן, ווי אַהער און די שריפטשטעלער האָבען זיך ניט געשפּירט אַזוי אָפּגעריסען, פערוואָרוואָרפען פ ו ן ד ע ר אַ י-די ש ע ר ה י י ם ווי מיר דאָ; יעדער שריפטשטעלער האָט אין דער רייזי-גער ניו-יאָרקער געטאָ געפונען זיין פערלאָזטע היים א י ן אַ מ י נ י אַ ט ו ר,

האָט געקענט זיך וואַרימען אין דער נאָהענטקייט פון זיין היים, אפּפרישען די בילדער פון ז י י ן שטעדטעל און שעפּען יניקה פון ז י י ן סביבה... אַז וואויל איז זיי!

גינסטיג זענען געווען פאַר זיי די אומשטענדען אין אַלעם, אפילו אין דעם קלימאַט, וואָס טאָר אויך ניט פערגעסען ווערען, ווען מען שאַצט אָפּ די שעפּ־פערישע פּאַטענץ פון אַ אויסגעוואַנדערטען שריפטשטעלער: דער קלימאַט איז דאָרט אומגעפעהר דער זעלבער, און די זעלבע יאָהר־טיילונגען, וואָס אין דער פערלאָז־טער היים.

מיר, דאָ, אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ, האָבען ניט דאָס זעלבע גליק:

אַנ'אַנדער וועלט, אַנדערע קלימאַטערישע בעדינגונגען. אַ פיל בלויערער הימעל, אַ פיל שטאַרקערע זון, מעהר ליכט, מעהר שיין, נייע פּלאַנצען, נייע בוימער און גרעזער, נייע קלאַנגען און קאָלירען, — אויפ'ן פאַן פון וועלכע עס האָלט ערשט ביים אַנהויב די אויסוועבונג פון אַ בענייעט אידיש לעבען: — דאָס אַלעס האָט ניט געקענט אַ ר ו י ס ש ט ו י ס ע ן נאָך פון אונזערע וועזענס די אַלטע קאָלירען און קלאַנגען, די אַלטע פאַרבען, וואָס זענען ביי אונז אַ י י נ ג ע־ב אַ ר ע נ ע און וועלכע מיר האָבען פון יענער זייט ים מיטגעבראַכט, נאָר אַ פּ־ש ט ו י ס ע ן ע ס צום הינטערגרונד פון וואַנען עס שווימט פון צייט צו צייט אַרויס און שאַפט אונז שווערע אומבעקוועמליכקייטען: עס פערדונקעלט פאַר אונז די היגע העלע פאַרבען, וועלכע מיר זעהען, בעגרייפען, פיהלען, אָבער זע־נען נאָך ניט געוואָרען קיין טייל פון אונזער וועזען; עס פערשטעלט, פערקלענערט פאַר אונז די היגע שטאַרקע זון, וואָס שטראַמט מיט אַ איבערפלוס פון ליכט און וואַרימקייט; עס פערשטעלט פאַר אונז די נרעניצלאָזע פּאַמפּאַ; עס שוואַכט אָפּ דעם ווילדען וואוּט פון דעם פּאַמפּעראָ און זיין הילכיגען אָפּקלאַנג אין די כוואַ־ליעס פון דעם ברייטען פּלאַטאַ־טייך, מעהר ענהליכער צו אַ ים ווי צו אַ טייך.

שווער זענען אונזער חבלי־לידה און שוואַך קומען אונזערע געבוירענע שאַ־פונגען אַרויס. —

און כדי די בילד זאָל זיין פאַלשטענדיגער, גאַנצער האָבען מיר אויך אַזעלכע שאַפונגען אין דעם זאַמעלבוך אַריינגענומען, וואָס שפּיגלען אָפּ ניט דעם פּלאַטאַ מיט זיינע ברעגען, נאָר אונז זעלבסט; אַזוינע וואָס זענען נאָר „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ" געשאַפען געוואָרען, אָבער האָבען ניט קיין דירעקטען צוזאַמענבונד מיט די „ברעגען" זעלבסט. —

בוענאָס איירעס, יאַנוואַר 1919.

אבא קלינגער.
לידער.

אויף די ברעגען פון פלאטא

אין פעלד

טאנגא

קארנאוואל

מענדאזא

נעבען די אנדען

טו אן מיין געליבטע..

און זעה איך די צווייגען

מארימבא

אונשולד

הערבסט מאטיווען

מיך ציהט וואוהין

סאנעטען

באנגען

נאקטורן

ווי איינזאם עס בלייבען די טויטע

אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ

ווייט אין זידען פון בראַזיליען, ווייט אין דרום פון אַטלאַנטיק,
פון זיין אויפגעבּרויזטען בוזים שווימט אַרויס דער טייך פון פּלאַטאַ.

גיסט זיך אויס אין ברייטע פעלדער, פּינעט אויף אין בערגער-קוואַליעס,
פליסט און פרוכפּערט ביי די ברעגען פון דער יונגער אַרגענטינאַ.

צו די ווייטע קאָנטינענטען, אויף צעשפּרייטע וואַסער-פליגעל,
שיקט אַ גרוס דער שטאָלצער פּלאַטאַ פון דעם לאַנד פון זעט און פרידען.

אויף זיין וויים-געשווימטען רוקען טראָגט ער פעלקער אין אָקרעטנען,
פול מיט גלויבען אָנגעפולטע, צו דעם ברעג פון אַרגענטינאַ.

שפּילט אַ וואַסער-טאַנץ מיט שמחה, שיקט אַ פּינע-כוואַל אַנטקעגען,
ווי אַ בשורה פון די ברעגען פול מיט ליבע און הבטחות.

ווי אַ אַלטער, טרייער דינער, היט ער אָפּ איהר גרויס עשירות;
ברענגט איהר אַרעמס צו דער סאָבע, שיקט אַרויס איהר גרויסע שפע;

און בעוואַכט איהר אַלע ברעגען וואָס ערהויבען זיך פון וואַסער;
קושט זיי ליבליך און דערצעהלט זיי אַלטע מעשה'ס און געשיכטעס.

אין די טיפע נעכט פון דרום, אין די ראָזעווע פריהמאָרגענס,
וועלבע שפּיגלען אין זיין וואַסער אלע פאַרבען פון די הימלען —

דאַמאָלט כשופ'ט אויס דער פּלאַטאַ דאָס געזאַנג פון זיין געליבטע,
פון איהר קינדהייט, פון איהר יוגענד פאַר די ווייטע אָקעאַנען...

ער געדענקט נאָך, ווען די „טריבּוס" אָנגעפיהרטע פון קאַציקעס,
האָבען אויף די פּלאַטאַ-ברעגען אומגעטאַנצט מיט פייל און בויגען;

אומגעיאָגט זיך אויף זיין רוקען אין די רונדע פעל-האַמאַקאַס,
פון די הירשען, קראָקאָדילען, ווי דער ווינט אויף פרייע פעלדער...

ער געדענקט נאך, ווען די טשאַקאָ האט אין ווילד-געדיכטע וועלדער
זיך צעשפּרייט אויף טויזענד מיילען, ביז די ברעגען פון זיין וואסער;

ווען אין זיי האט זיך צעטראָגען דאס געזאנג פון די טשאַררואַס,
פון טעהוילטשעס, גוואַראַניעס — ווי די אָדלערס פריי און מעכטיג.

איז פון ווייטע מזרח-לענדער, איבער גרויסע ברייטע ימים,
אנגעקומען אַ מכשף און אַ צויבער-שפּרוך געוואָרפען...

האבען ווילדע רויע סטעפּעס זיך אין בלומען-שטעדט פערוואַנדעלט,
און פון טשאַקאָ-קינד געוואָרען איז אַ פאָלק פון נייע לידער.

— —

און פון דאַמאלט טראָגט דער פּלאַטאַ צו די הערצער, די פערבענקטע,
אין די אלטע קאָנטינענטען גרוסען פון אַ וועלט אַ נייער.

רופט און שוימט צו זיינע ברעגען, אונטער בלויע ווייסע הימלען
— די קאָלירען אויסערוועלטע פון דער פרייער אַרגענטינאַ —

וואו עס טראָגט זיך אום אַ שירה אין די ווייטע האָריזאָנטען,
פון דעם פייערלאַנד ביז טשאַקאָ, פון די אַנדען-בערג ביז פּלאַטאַ;

גרייכט דאס ליד אַריבער ימים, פון אַ קרעפטיג יונגען לעבען,
וואס ערציהט זיך, וואס צעבליהט זיך אויף די ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ.

אין פעלד

דו געהסט פון שטאָדט אין פרייען פעלד אַרויס
און ביזט אַליין, און זעהסט דער טאָג געהט אויס...
עס נעמט דיין בליק די ברייטע וועלט אַרום,
דיין האַרץ פערגעהט פון אווענד־טוי און בלום;
ניט שרעק זיך פריינד אין דער איינזאַמקייט אַרום;
עס געהט דיין שאָטען טריי נאָך אומעטום.

פון טויזענד פריינד אין שטאָדט, דו בלייבסט אַליין;
דיין גליק און פרעהליכקייט, דיין לייד און דיין געוויין
פון עלענד ווערט ביי דיר אין האַרצען טיף פערצעהרט,
און ניט דיין וועה דיין חבר׳ס אויג בעטרעהרט,
און ניט דיין גליק דיין חבר׳ס האַרץ דערפרעהט.
אליין דיין שאטען נאר, דיך איינציג פיהלט און זעהט...

ניט שרעק זיך פריינד אין פעלד אליין ביי־נאַכט;
די שטאָדט האָט לאַנג פון דיר שוין אָפּגעלאַכט
און אָפּגעשפּאָט, ווען אין דיין פרייער שעה
האָסטו אַ בוים געזוכט, אַ ביסעל לופט און רוה.
דו עטעמסט פריי אין פעלד און הערסט ניט מעהר קיין שפּאָט —
דו ביזט אַ קעניג דאָ, דו ביזט אליין דער גאָט,
וואָס שניידט אַ דורך די וועלט מיט קלאָר און שאַרפען בליק,
און זעטיגט אָן דאס האַרץ און פולט עס אָן מיט גליק.

בעטראַכט פון ווייט די גרויסע שטאָדט אַצינד
און זעה: זי ליגט פער׳חלש׳ט־טויט, עס לעבט נאר אָפּ די זינד;
זי פויזעט אום אויף דר׳ערד און זוכט אין שמוץ איהר רוה...
עס איז קיין טראָפּען טרייסט, קיין ליבע היים נישטאָ!
נישטאָ קיין צווייג, קיין בלום, קיין גרינער קאָרן־זאַנג;
דאָס האַרץ נאר נאָגט און לעכצט און ווערט פערצעהרט פון באנג...
און דו, אליין, אליין, דו טרעטסט אין פרייען פעלד,
צועפּענסט ברייט דיין ברוסט און עטעמסט איין די וועלט.
אַ פעלד מיט בלומען פול, דער וועג מיט גרינס בעגראָזט;

א פרישע נאַכט דיך הילט, אַ ווינטעל גלעט און בלאָזט,
און נעמט דיך צאַרט אַרום און קושט דיר יעדער גליד,
און גיסט אין האַרצען דיר דעם פויגעל׳ס שירה-ליד.

דו האָסט דיין לעבען לאַנג די פרייד אין שטאָדט געזוכט —
דאָרט הערשט דער גיהנום נאר, דאָרט ביזטו נאר געפלוכט!
זי האָט דיין לייכט געמיט שוין לאַנג אַוועקגערויבט,
און האָט צו פריה דיין קאָפּ, דיין יונגען, ווייס בעשטויבט.
ווי דיין געמיט זאָל זי פערוויסט און עלענד זיין!
ניט זוך איצט מעהר איהר פראַכט, ניט קוק מעהר אָן איהר שיין!
נאר לעב דאָ, ווי דער ווינד וואָס וויגט די פעלדער איין,
און שטאַרבסטו — וועט די בלום דיין בעסטער קדיש זיין...

טאַנגאָ

שלאַנגען-פּיס און כשוף-אויגען,
הערצער — שטורמישע וואולקאַנען;
און די העלזער אויסגעצויגען,
ווי פון שלאַנקע, יונגע שוואַנען;

אין אַ ווירבעל-קנויל געפלאָכטען,
אין אַ פיבער-רינג פון גלידער;
איינגעקראַמפטע, ווי געשאָכטען,
אויפגעפלאַמטע ריטם-לידער!...

אטעמס — אנגעגליהטע לאַווע,
אויסגערינען פון די ברוסטען,
אין אַ הייסער, ווילדער תאוה,
אין אַ גיריג פייער-גלוסטען;

פיבער-הערצער יוגענד-צאַפּלען;
צאַרטע פרויען-לייב ענטבלויזטע;
בלויע הימלען אין די אַפּלען,
און ראָמאַנסען אויפגעבּרויזטע!..

ווי צעוויגטע הויכע גראָזען,
ווי אַ שוואַלבען-שנור דערשראָקען,
אין אַ ווירבעל-קרייז צעבלאָזען
זענען קליידער, זענען לאָקען;

אין אַ כשוף-ראָד פערציטערט,
אין אַ פלאַמען-גלוט פערזונקען,
ווערען אברים אויפגעוויטערט,
ווערען הערצער אנגעטרונקען!..

טויזענד טענער און געמעלען
בלוטען, שטורמיש-אויפגערייצטע;

ווילדער, ווילדער יונגע זעלען
אויפגעכוואַליעטע, פערפלייצטע;

ווילדער אין דעם ים פון קליידער:
רויטע, געלע, בלויע, גרינע,
איינגעפלאָכטען זיך אין רעדער
פון דער טאַנגאָ ארגענטינע!

ס'איז די טאַנגאָ אין דער ווילדער
רויער פּאַמפּאַ אויפגעבּוירען,
וואו פּאַמפּערא'ס ווילד געפילדער
ווערט אין סאָנדאַ-שוים פערלוירען;

וואו די ווינטען — ווילדע אָקסען —
אין אַ לילית-טאַנץ זיך יאָגען;
איבּער פעלדער אלט-בּעוואקסען,
האט די טאַנגאָ זיך צעטראָגען...

קאַרנאַוואַל

בעטרונק זיך ווילד, משוגע,
און רייץ אין האַרצען אויף דאס בלוט אין הייסען זאָט,
און צינד אין אויג אַ פלאַם פון תאוה-לוסט,
אַ חוזק-לאַך און שפּאָט
צו אַלטע און צו קלוגע,
און שפּיי און טרעט אויף אַלץ וואס האט אַ גאַל,
און טראָגט דעם אָפּשיין נאך פון גאָט;
און פול מיט חוצפּה וואַרף זיך דאן ארויס אין גאַס
צום קאַרנאַוואַל!

און זיי ניט פרעמד
אין ווירבעל-קאַראַהאָד וואס טאַנצט ארויס פון אומעטום:
פון יעדען רייכען הויז, פון יעדען לאָך
געטונקט אין גאָלד, אין זייד, אין בלום,
אין כשוף-גלאַנץ...
און ניט דיך קלעמט
און דריקט צו דר'ערד דער שווערער יאָך.
און פריי און גרינג זיך טראָג אין לעבעדיגען כוואַל,
אין פרעכען מאַרש, אין שדים-טאַנץ
צום קאַרנאַוואַל!...

און ווער דאן איינגעשלונגען
און וואהנזיניג מיט יעדען גלייך אין ווילדען משוגעת,
וואס האט פערשוועכט די ריינקייט און די קדושה —
און לאַך אין העלען טאָג אריין מיט טויזענד לונגען,
פון הינטערען פּאַיאַצען-קלייד אין מיט'ן גאַס,
וואו נעכטען ערשט געלעפּט האט נאך די בושה...
און שטרעק דעם סאַטיר-צונג ארויס און שאַל
אין הונד-געביל דעם מיאוסען שפּאַס
פון קאַרנאַוואַל!...

הוראַ, הוראַ! און הונדערט מאל הוראַ!
און פליק דאס האַרץ אין טויזענד שטיק ארויס,
און וואַרף זיי פרעך אין פּנים פון דער וועלט — — —
און לאַך זיך אויס
פון שאַנד, חאַ, חאַ! חאַ, חאַ!
ווי נאר דו קענסט און דיר געפעלט...
און וואס דו האסט קיינמאל אין חזיר-שטאַל
ניט אפּגעטהון, ערלויב זיך פריי אין דעם געשפּענסט
פון קאַרנאַוואַל!

מענדאָזאַ

מענדאָזאַ, אָ שטאָלץ פון דער גרויסער ארגענטינא!
די שטאָדט, וואס וועט בלייבען אויף יאהרען, אויף לאנגע
אין הארץ מיר מיט ליבע, און טיף אין זכרון
וועט לייכטען מיט די הערליכסטע פארב און קאלירען;
די שטאָדט, וואס געמאכט האט אין ווענינ מאנאטען
בעלעבען מיין צופריה-פארגרויעטע יוגענד;
די שטאָדט, וואס געמאכט האט אין תהום פון מיין הארצען
דערוועקען די שענסטע געזאנג-מעלאָדיען,
וואס האבען געשטומט אין אַ אומעט א שווארצען,
פארזונקען אין שווייגען, אין שווערע לעטארגיע —
איצט זעגען איך אפ זיך פון דיר און דיין שענקייט,
פון דיר און דיין צויבער וואס האט מיך פער׳כשופ׳ט,
וואס האט מיך געוואונען, וואס האט מיך געפאנגען,
מיט באנג, וואס פערוועבען מיר וועט מיין נשמה
אין נעצען אין שטארקע פון דאנקבארער ליבע.
איצט זעגען איך אפ זיך מיט אומעט און פריינדשאפט:
אַדיע, אָ, מענדאָזאַ!

אַדיע, אָ, מענדאָזאַ! געבענשטע פון הימעל,
געבענשטע פון אלעראָרט נעטער אין לעבען,
וואס וועבען און שפינען און שאפען און פלאנצען
דאס גליק און די שפע און האבען ערוועהלט דיך
צו זיין די געליבטע, די אייביגע יונגע,
וואס איז מיט די רייכסטע מתנות בעשאנקען;
געקושט און געצערטעלט און הייליג בעפרוכפערט
מיט אוצרות, עשירות, וואס נאר זיך פערלאנגען
אַ הארץ קאן, אַ דורשטיגס מיט ברענענדע ווילענס.

אַדיע, אָ מענדאָזאַ! וואו זאנפטיגע פרוכטען,
און הערליכסטע וויינען בעלאָדען און פליסען

דיין בארטען אריבער און באַטען א יעדען
די ברוסטען מיט ליבע, צו זויגען און קוויקען,
צוגלייך ווי די זון פון דיין ליכטיגען הימעל.
אַדיע, מיין געליבטע מענדאָזאַ, וואָס שפּיגעלט
מיט וואונדער-נאַטור'ן, וואָס וועלען אויף אייביג
דיך קרוינען די שענסטע פון גאַנץ זיד-אַמעריקאַ!
די שטאָדט פון דעם הערליכסטען צירונג, וואס הויבט זיך
מיט שטאָלץ פון אַראַבישען יחוס צום הימעל,
און האָט ניט קיין גלייכען צו אַלץ וואס דיך רינגעלט;
די שטאָדט פון די העכסטע און ערהאבענסטע בערגער!
די שטאָדט פון די אייביגע אנדען-פארשנעעטע,
וואס זענען פערוועבט מיט אַ טיול פון לעגענדען,
פיל געטליכער שענער פאַר די בערג הימאַלאַיאַ!

אַדיע, אָ, מענדאָזאַ! די שטאָדט פון גן-עדן!
די שטאָדט פון פאַנטאַסטישע גרינע אַלאַמעדען,
פון פּאַלמען-בולוואַרען, וואס זענען בעהאנגען,
בעצירטע מיט בליהענדע קווייטען און בלומען
און טרונקען די לופט אָן מיט ימים פערפומען,
וואָס רענען און רייצען דאס בלוט פון דער יוגענד
און וועקען אויף לוסטען צו לעבען און ליבען!..

אַדיע, אָ, מענדאָזאַ! וואו קלארענקע שטראָמען
פון בערגיגע הערצער, זיך ריזלען אהן אויפהער,
אין „סעקיאס" געפלאַסטערט, דורך גאַסען געפוצטע,
וואס מורמלען און שושקען אינם ריטם פון לידער,
ווי מעשה'ס פון קינדער פארטרוימטע אין וויגען!...

געזונד זיי, מענדאזא! וואוהין מיך דאס מזל
פון שטענדיג וואָגלען, געבראכט האט אַ גרויען,
געפאנגען אין עלענד, אין איינזאמען עלענד,
פערפרעמדט און דערוויטערט פון אלץ, וואס אין לעבען
פערזיסט און דערלייכטערט די נאגענדע בענקשאפט
נאך עפּעס פערבארגענס, וואס ציטערט אין הארצען...
איצט שייד איך מיך אפּ פון חברים געטרייע,
וואס זענען מיר הארציג, ווי דו און דיין אנדענק,
פון ליבע משפחות, פון יונגלאך און מיידלאך,
מיט וועמען איך האָב, אין די נעכט ביז באגינען,
געפלאָכטען אַ קשר פון פריינדשאַפט אויף צייטען.

אַדיע, אָ, מענדאזאַ! דאס לעבען, וואס בענקט נאָר
צום רייץ און צום כשוף, מיך ציהט ווי מיט קייטען
אין וועגען אין ווייטע, צום שטענדיגען וואַנדער,
צום זוכען אַלץ נייעס און פרעמד-אומבעקאנטעס,
וואס אטעמט מיט פחד און מאַכט מיר דערפיהלען
דעם גורל פון אייביגען גר, נע׳ונד׳ניק...
ווי וועהטאגט, ווי וועהטאגט אַ פרעמדער צו זיין נאָר,
אַ שטענדיגער פרעמדער, וואס האלט אין איין פלאנצען
די קערנער פון ליבע און הארציגע פריינדשאפט,
בעטוי׳ט און בעוואסערט מיט׳ן בלוט פונם הארצען;
און ענדליך די פרוכטען, דעם שאץ פון נשמה,
ניט קיינמאל געניסען... זאגאר ניט צו קענען
אפווארטען און זעהען ווי ס׳וואקסט און צעבליהט זיך
די ליליען, די ווייסע פון היימישער ליבע...
ווי וועהטאגט, ווי וועהטאגט דאס אלץ צו פערלאזען,
און שטענדיג און ווידער נאר אקער׳ן, זייהען!

אַדיע, אָ מענדאָזאַ! ווי קיינמאל נאך, קיינמאל,
פערפלאנצט האב איך איצט צווישען דיינע בעוואוינער
די זריעה פון פריינד און פון טרייע חברים,
וואס וועלען בעצירען מיין גרויסע משפחה,
וואס איך האב מיר עהרליך פערדינט און געוואונען!
און עהרליכער, שעהנער פון די אלע געווינסען,
די בלום איז, די יונגע, וואס איך האב בעשאפען,
און האט ווי דורך כשוף, זיך געטליך צעוואקסען,
זיך געטליך צועפענט אין אלע קאלירען
פון יוגענד און לעבען... און האט מיך בעוואונדערט;
און האט מיך, די ערשטע אין לעבען, געפאנגען;
און האט מיך בעטרונקען מיט טראפענס פון נייע
פערפומען, וואס האבען גערוהט וואו פערבארגען,
און האבען אליין מיך ערוועהלט צו געניסען...

אַדיע, אָ, מענדאָזאַ! די שטאָדט, וואס געפוירען
געמאַכט האט מיך ווידער צו לעבען און ליבען.

און האט מיך, דורך יאהרען פון טרוימען און בענקען,
בעלוינט מיט דער טרייהייט פון א ליבענדען חבר,
פון א הארץ פול מיט יוגענד און זיידענע צארטקייט,
פון אַ קינדער-נשמה און אויגען וואס ליבען,
וואס טרייסטען און בעטען א הייליג רחמנות.

אדיע, אָ, מענדאָזאָ! די שטאדט פון מיין יוגענד!
די וויג פון מיין ערשטער און עהרליכסטער ליבע!
וואס קען איך דיר געבען, מיט וואס דיר בעצאלען
פאר אלעס וואס איך האב פון דיר אפגענומען?
מיר פיינדליך און פרעמד איז דאס ערדיש פערמעגען,
וועל איך פון מיין ליד דיר א קראנץ פון געזאנגען
אויספלעכטען, מיט דאנקען און אייביגער ברכה,
וואס וועלען בעקרוינען דיין קאפּ און אפשפּיגלען
דאס ליכט פון א דאנקבארער דיכטער-נשמה.

נעבעך די אַנדערע

עס האָט אַ טיפע נאַכט זיך אויסגעשפּרייט אַרום,
אַ טיפע נאַכט, אַ מדבר-נאַכט, אַ אַנדערן-נאַכט...
אַליין נאָר איך האָב דאָן געוואַכט;
מיין שאָטען אויך, וואָס האָט בעגלייט מיך שטום,
און גאָרניט מעהר...
ווי ס'וואָלט קיין לעבען שוין ניט זיין
חוץ מיינס, געהילט אין טיפען, טיפען פּיין.
געפאַנגען אין אַ טרער...

געציטערט וואָס האָט ערגעץ טיף אין מיר — — — —

צי האָט מיין האַרץ געבענקט?...
צי האָט מיין מאַרך געדענקט?...
אַ גרויסער צער אָהן שיעור
האָט אָנגעפולט מיין תהום...
איך האָב דאָס מורא'דיג געפיהלט;
דאָך האָט מיין בלוט אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ געקיהלט —
בעוועגט זיך קוים...

וואו בין איך דאָ אַצינד?..
איז אפשר דאָס פון טויט די נאַכט?..
מיך האָט דאָ ווער געבראַכט,
און ניט איך האָב געפיהלט, און ניט איך ווייס;
צוגלייך אַ קינד געבוירען אויף דאָס ניי...

וואָס איז געשעהן?
אַ שוויים —
ניט קאַלט, ניט הייס, מיך האָט בעדעקט.
מיר דאַכט — איך שריי, און לאַך, און וויין,
און עמיץ שטעקט די צונג
און שרעקט — — —
איך וויל דערפיהלען זיך אַליין,

אָנשטרענגען דעם געהער, נאר אלץ ארום איז שטיל,
קיין שארך, קיין שטים, קיין קירך-געקלאַנג,
קיין ווינטען-שפיל...
נאָר איך — — —
נור איך און מיין שאָטען ניט מעהר...

ששש... מיר דאַכט איך הער...
יאָ, הינטער מיר: אַ טריט אַ טראָט —
אָ, גאָט!
ווער זעהט מיך, ווער?
נאָר שאַ... ס'איז ניט...
פון קיינעם ניט קיין צוויק, קיין שטער.
געווען איז דאס מיין טריט,
מיין אייגנער טריט ניט מעהר...

כאַ, כאַ, כאַ! עס האט ערוואַכט
אין הארצען מיר דאס יונגע בלוט...
עס צינדט זיך אָן אַ פלאמען-גלוט
און ציטערט אין דער שטילער נאַכט.
עס האט דער טויט געעקט...
און אויפגעוועקט אין מיר האט זיך
אַ ים אהן גרונד...
אין חושך טיף-געהילט,
און ניט בעמערקט פון וועם, פון קיינעם ניט דערפיהלט,
פערזונקען בין אין אייגענעם כאאָס,
פון דראנג און שטורמישען מיש-מאַש...
עס ברילט אויף וואו אַ ווילדער רעש,
איך הער אַ שטים:
דיין וועה איז דאס
אהן ענד, אהן ברעג...
עס איז די אלט-דערפיהלטע וואונד,
וואס וועקט זיך אויף ביי דיר אין זעל...
דו האָסט זי דארט פערזייהט
און אָפגעהיט.

אין צייטען העל, וואס זענען זעלטען דיר נעגרייט,
דערפיהלסטו ניט
און ניט דו ווייסט דיין מזל-פאַרב,
און ביזט אין העלען ליכט געטרייסט...
און ווערסטו ווען אין טיפער נאַכט געפאַנגען,
ווען אלץ שלאָפט איין...
דאן וואַכט דער פיין,
דאן וועקען אויף זיך שטומע, ניט געשטילטע באַנגען;
און ניט דו ווילסט דאן עפּעס וואָס,
און די פיהלסט
דעם ענגען לעבען מעהר...
אָט ביזטו קליין, אָט ביזטו גרויס,
ווי עמיץ וואלט, כאַ, כאַ, געלאַכט
פון דיר, ווי פון אַ קינדער שפּיל...
עס בלייבט דיר נאָר אַ גרויסע טרער,
און שאָטענס אהן אַ שיעור דיך רינגעלט אום
אין חושך פון דער נאַכט,
ווען אלץ איז פוסט און טויט און לעער...
און שאַ און שטיל — — —
קיין פויגעל-טריל, קיין ווינטען-שפּיל,
נאָר דו און דיין שאָטען ניט מעהר...

טו אָן מיין געליבטע...

טו אָן מיין געליבטע דיין טיולענע קלייד,
און לאָמיר אין גאָרטען זיך לאָזען;
און באָרוויס, ווי קינדער אומלויפען פאר פרייד,
מיט נאַקעטע פיס אין די גראָזען.

קום זעה ווי די ערד האט צועפענט איהר ברוסט,
מיט קרעפטיגע זאַפטען און קערנער;
בעדעקט איז מיט בליהטען דאס בוימעל, דער קוסט,
מיט צווייט זענען אויך שוין די דערנער.

עס הויכט מיט אַ לעבען איצט פריש אויף די וועלט,
עס עטעמט די צווייג די פערפומען;
און וואו נאר אַ וועלדעל, אַ לאָנקע, אַ פעלד
דארט קליידט זיך דער פרילינג אין בלומען.

קום ליבסטע, מיר וועלען פאַרלאָזען די שטאָדט,
און פריי איבער לאָנקעס אומשפרינגען;
דארט וועלען מיר זעהן די וואונדער פון גאָט,
און וועלען מיט לויב איהם בעזינגען.

און ווען איך די צווייגען...

און ווען איך די צווייגען וואס עטעמען אויס
אַ זילבערנעם צווייט,
דאן פרעג איך: וואו איז די אַמאָליגע רויז
וואָס האט דאָ געבליהט?

די בלעטער, וואס האבען אַ שאָטען געוועבט —
פון היצען בעשיצט;
די בלומען, וואס האבען געאָטעמט, געלעבט,
וואו זענען זיי איצט?

די ווינטלעך, וואס האבען די פעלדער פערוויגט
און טוי'ען געבראַכט,
די שוואַלבען, וואס האבען אין גאָרטען געצוויקט
אין זומער-פאַרנאַכט?

די פליגלעך, וואס האבען אין גראָז און אויף בוים
ווי פונקען געשיינט,
און האבען געלויכטען, געוועבט זיך אַ טרוים —
וואו זענען זיי היינט?

און ווען איך דעם פריליגג אָנקומען, דאן וואַכט
אַ טרויער-געמיט:
דאָס לעבען ווערט ערגיץ פערהילט אין אַ נאַכט,
פערוועלקט און פערבליהט...

פערגעהען וועט איצטער דאס לעבען דאָרט ווייט
אין קאלט-גרויער שיין;
און ס'ווערען פערהוילען אין שוים פון דער צייט
דאָס זיין און ניט זיין...

מאַרימבאַ

(נאָך פּ. פיגעראא)

זעהר לאַנגזאַם,
זעהר לאַנגזאַם, ווי פאַנטאַנען-טראָפּענס וואסער
וועלכע טריפען אָפּ פון מאַרמאָר,
אַזוי פאַנגט אָן איהר סימפאָניע די מאַרימבאַ.
יעדער טאָן — אַ הייסע בענקשאַפט, פיין געווייקטער,
מיט איהר׳ הילצערנע קלאַווישען...
וועלכער סוד פון טיפען טרויער ליגט פערבאָרגען
אין איהר מאָדנעם ווילדען שפּילען,
וואס אויפציטערט אין דער טיף פון איהרע טענער?
ווי געקלאָנגט וואלט דארטען עמיץ,
ווי דאָס כליפען פון אַ מענשען,
ווי אַ גרויסער, גרויסער וועהטאָג אונפערשטענדליך פאַר אַ פרעמדען,
לייד און טרויער אָהן אַ ענדע...

איהר מוזיק איז די נשמה פון אַ ראַסע,
פון אַ פאָלק וואס איז נישטאָ מעהר,
פון אַ ראַסע שוין פערגאַנגען, וואס געוועזן איז פריי און מעכטיג;
ליגט פערגליווערט אין די טעקלאַס פון מאַרימבאַ,
פון אַ מעכטיג גרויסען שבט די נשמה,
די נשמה פון וואָטאַן און פון לעמפּיראַ,
וואס ערוועקט זיך אין מוזיק פון איהרע טענער
מיט אַ וועה וואס איז אונענדליך.
ס׳איז די וויינענדע נשמה פון אַ גרויסען אינדיער-שבט;
פון דעם שטאַרקען און געוואַגטען טעקום-או-מאַן,
וועלכער האט געשיקט איהם תמיד צו טריאומפירען,
צום נצחון, צו דער גלאָריאַ.
ס׳איז דער גייסט, דער אומבעזיגטער
פונ׳ם שרעקליך-שטאַרקען קעמפער,
וואס איז העלדיש אויסגעגאַנגען אויף אַ לאַנזאַ-שפּיץ אַ שאַרפער
פון בעזיגער...
ס׳איז די אַלטע אינדיער-ראַסע

פון דעם רייך פון די קאַציקעס;
ס'איז דאָס פאָלק, וואס מיט זיין בלוט האָט
רויט געפאַרבט דאס קלאָרע וואסער
פון דעם גרויסען טייך קסעקיכעל;
וואס געצאָהלט האט פאַר זיין פרייהייט
מיט די הייליגסטע קרבנות,
און בעזיגט אין טויזענד שלאַכטען זיינע שונאים,
איינציג, איינציג אין זיין גבורה, אין זיין זיגען;
ביז עס האָבען די טעהוילטשעס, מיט בעטרוג און מיאוסען שווינדעל,
זייער שטאָלץ צום שטויב געבויגען,
זייער פרייען גייסט געפאַנגען.

ס'איז די ליד פון אָט דער ראַסע,
אָנגעזאַפט מיט איהרע טרערען,
מיט די טרערען פון פעראַכטונג און פון פיינען אייביג פרישע,
וועלכע ציטערט, וועלכע רעגט זיך
אין דעם שפילען אין דעם ווילדען, אין די קלאָגעדיגע טענער,
פון דעם אינדישען אינסטרומענט מיט די הילצערנע קלאַווישען...
ס'איז די ליד פון טיפען אומעט,
פון אַ טיפער מעלאַנכאָליע, וואס ערוועקט זיך
אין דעם קלאַפען פון די שטעקלעך
אויף דעם אינדישען אינסטרומענט...
לאַכט ניט קיינמאָל, זינגט ניט קיינמאָל;
ווי אַ פויגעל איינגעשלאָסען, וואס קען מעהר קיין פרייד אויסזונגען;
טרילט נאָר תמיד אין זיין קאַלטער גאָלדען שטייגעל
די עלעגיען פון זיין עלענד,
פון זיין ניט געשטילטען טרויער...

וואָס קען אַרען דער בעזיגטער,
טויטער ראַסע אייער רייכטום?
אייער שפּראַך וואָס זי פאַרשטעהט ניט?
וואָס קען אַרען, ווען אין נאמען פון בעשעפער, פון אל רחום,
שוועכט און טרעט איהר די אַלטאַרען פון זיין קדושה,
אַז פאַר איהר איז שטום דער הימעל,
אַז איהר לעבען איז געשענדעט,

איז געפאַנגען, איז פערהונגערט?
וואָס קען אַרען אָט דער ראַסע?
איהרע פעלדער, איהרע לאָנקעס וועלכע האָבען זיך געזעטעט
מיט דעם בלוט פון איהרע עלטסטע,
פון די נאָבלעסטע קאַציקעס
זענען מעהר ניט אין איהר הערשאַפט;
וואָס קען אַרען אָט דעם אינדיער אייער טומעל,
אייער הילכען וועגען פרייהייט, וועגען יושר,
ווען דער פריץ, ווילד און גרויזאַם, צוגענומען האָט זיין ווינקעל
האָט בעהערשט זיין פרוי און קינדער?

וואָס קען אַרען דער בעזיגטער?...
אָט די ראַסע וואס געוועזן איז
פריי און מעכטיג, בראַוו און נאָבעל,
אונערשראָקען פאַר די ליידען פון דעם טויט און פון דעם לעבען;
אָט דער ראַסע,
איהר געמאַכט האָט פאַר אַ פאַדלע, וועלכע שלעפט זיך
שטום און עלענד אויף די פוסטע, וויסטע וועגען,
מיט דער האַרטער שווערער משא פון איהר גורל.

לאָזט איהר רוהיג!
זאָל זי וויינען, זאָל זי קלאָגען אויף איהר שטייגער!
איינציג איז דער האָלץ-אינסטרומענט איהר געבליבען,
נאָר געבליבען איז איהר איינציג די מאַרימבאַ,
וואָס דערצעהלט איהר פון איהר יחוס,
פון די טעמפלען און פאַלאַצען פון אַנכיטשע און קאַפאַן;
פון קוקאַב — איהר גרויסען קעניג,
פון זיין גאָט וואָלום-וואָטאַן;
וואס דערצעהלט פון איהרע העלדען — שטאָל און ריזיג,
בראַוו און מעכטיג, שטאָלץ און פרייע,
אונטער ברייטע זונען-הימלען;
וועלכע האָבען שרעק געוואָרפען,
אנגסט און פחד אין די הערצער,
אין די קריג׳רישע געמיטערן
פון די ווילד געוואַגטע שפּאַניער.

אונשולד

געווען איז די נאַכט דאַן דער אָנהויב פון יאָהרען,
דער אָנהויב וואָס מאַכט אלץ אין לעבען געבאָרען,
און כשופ'ט די סטרונעס פון לידער און קלאַנגען,
וואָס וועקען אין האַרצען די שענסטע פערלאַנגען.

געווען איז די נאַכט דאַן דער אָנהויב פון יאָהרען,
וואס עטעמט און צינדט אָן אין טונקלען זכרון
מינוטען געצעהלטע, ווי הייליגע פלאַמען —
געזעסען דאַן זענען מיר, ביידע צוזאַמען,
אין שטילקייט פון אָווענד, אין נאַכטליכען ציטער,
ווי קינדער פעראייניגט דורך אַ האַרציגע מוטער.

עס האט דאַן דער אָטעם פון ניי-יאָהר געדרונגען,
און האט אונז געצערטעלט, געקושט און בעזונגען;
געוועקט אין די הערצער פערלאָזטע וואס דרימלען,
דעם סוד פון דער יוגענד, די שפראַך פון די הימלען...

עס האט אויף מיין ברוסט מיר דיין קעפעל געזונקען
פער'חלום'ט, די אויגען נאָר האָבען געוואונקען
און שטום און אונשולדיג דאס ליכט אָנגעצונדען
פון האַרץ מיר, וואס האט זיך צו דיינעם געבונדען;
פון האַרץ מיר, וואו קיינער נאָך האט ניט בעטראָטען,
וואָס איז, ווי דער הייליגסטער טעמפעל, פערבאָטען
געוועזען פאַר פרעמדע — דו האָסט עס בעצוואונגען,
וואָס איז נאָך ניט קיינעם, אָ, קיינעם געלונגען!

אָ, קינד מיין, קאָן זיין אַז דו האָסט זיך פערגעסען
מיט וועמען דו ביזט דאַן גאַנץ איינזאַם געזעסען —
דיין בליק דאָך, האָט פלאַמען פון בענקשאפט געשפּינעלט,
און האט ניט פערמאַכט זיך... איך האב איהם פערזיגעלט
מיט'ן הויך פון מיין אָטעם וואס איז, ווי די יאָהרען,
זיך שטיל אויסגעגאַנגען און ווידער געבאָרען...

געדרימעלט האט הילפלאָז דיין מיידעלשע קדושה —
דאָך טיעף אין דיין צניעות געוואכט האט די בושה
און שוואָך זיך געראַנגעלט, געמורמעלט, געבעטען:
— נו, ליב מיך, נו, קוש מיך, נאָר ניט מיך פעררעטען...

אָ, צניעות׳דיג מיידעל, מיך האט ניט געצאָרענט
די שטים פון דיין יונגענקען הערצעל, וואס וואָרענט
און ציטערט אונזיכער אין שוים פון א דיכטער,
אין שוים פון אַ דיכטער, וואס גיט אָפּ די ליכטער
פון האַרצען און בעטעלט אַליין אויף די שוועלען:
איין בליק כאָטש אַ טרייען, איין פונק כאָטש אַ העלען!

מיך האט ניט געצאָרענט דיין שטים, וואס געציטערט
האט דאָן אויף מיין האַרצען, וואו ס׳האט אויפגעוויטערט
דער אפגרונד, דער טיפער, פון דענקען און פיהלען...
צו-וואָס מיר, אָ, וואָגלער פערלאָזטער, דאָס שפילען!
צו-וואָס מיר דעם אומעט און בענקשאפט פערמעהרען!
וואוהין וועט דאס פיהרען? וואס וועט פון דעם ווערען?

אַ וואָגלענדער מזל, אַ איינזאַמער לעבען,
וואס האט זיך צום קאַלטען פערשטאַנד אָפּגעגעבען
און רעכענט און חשבונ׳ט און זוכט אין די ציפער
דעם זינען פון יאָהרען אַלץ טיפער און טיפער;
דעם זינען פון יאָהרען, וואס פלאָנטערט זיך מעהרער
און גיט ניט קיין שיין אָפּ, נאָר גראָבט זיך נאָך שווערער
אריין אין נשמה, וואס קאָן ניט פערדייהען
די שוואַרצע געוויכטער וואס וועהען נאָר, וועהען...

אָ, ליבענדע מיידעל, אָ, צערטליכע בלימעל!
דו האָסט מיר די הייליגע אונשולד פון הימעל
נאַאיוו אָפּגעגעבען אויף אייביג און תמיד,
צוזאַמענגעמישט מיט אַ גרעסערען אומעט
וואס האט מיך אין יענע מינוטען געפאַנגען...
ווי מעג איך, ווי קאָן איך, ווי טאָר איך פערלאנגען
דיין אידישע טרייהייט, דיין הייליגען פייער?
כאָטש איך בין דיר דאַנקבאַר און פיל מעהר געטרייער.
יאָ, פיל מעהר געטרייער! דאָך טאָר איך ניט לאָזען
דיך בונדען צום מזל, וואס וואַנדערט פערלאָזען,
אַזוי-ווי אַ שיפעל, אָהן ציל, אָהן אַ זינען,
און האט נאָך קיין ברעג ניט פון אָפּרוה געפינען.

הערבסט מאָטיווען

פון זומער דער טאָג איז דער לעצטער פערגאַנגען;
עס זענען פערשטומט שוין די פריידענס געזאַנגען,
וואָס האבען די הימלען דערגרייכט,
פון פעלד און פון גאָרטען, פון נעסטען און בלומען,
פון הערצער פערטרונקען מיט זון און פערפומען,
אין ליכטיגע מאָרגענס און נעכט.

עס פוסטעט דער גאָרטען אין טרויעריג שווייגען,
עס יאָמערען שטיל נאָר די עלענדע צווייגען,
ווי נאַקעטע צניעות, פערשעמט;
און שיקען פערציטערט אַ לעצטען געזעגען,
די בלעטלעך וואס ליגען פערוועלקט אויף די וועגען,
די שוואלבען וואס זענען פערפרעמט...

עס וועקט זיך אַ בענקשאַפט אין האַרצען פערטרויערט,
אויף דעם וואָס געלעבט האט און וועניג געדויערט,
און האט איבערלאָזט נאָר אַ נאַכט — —
אַ אומעטיג לאַנגע וואס וויקעלט אין שוואַרצען
די זון פונ'ם ליכטיגען טאָג און פון האַרצען,
די פריידען וואס האבען געוואַכט...

דאָס האַרץ וואס געהויכט האט מיט יוגענד-געזאַנגען,
דעם בוים פון די ליכטיגע בליהטען בעהאַנגען,
צוזאַמען איין אומעט בעשווערט — —
דאָך טרייסט זיי: דער זומער וואָס איז דאָ פערשוואונדען,
וועט ערגעץ וואו זונען איצט נייע אנצונדען,
וועט ערגעץ בעפרוכטען די ערד...

און ווייט, וואו דאָס לעבען געוואָרט האָט, געליטען;
אָנזעטען וועט איצט זיך מיט בלומען און בליהטען,
אויפוואַכען וועט האַרץ און געמיט;
זיך פרעהען וועט אַלעס וואָס איז נאָר פאַראַנען,
ביז ענדליך דער טאָג וועט, דער לעצטער דערמאַנען
דאָס אַלטע, דאָס אייביגע ליד...

מיך ציהט וואוהין...

מיך ציהט וואוהין, מיך ציהט וואוהין— — — —
איך געה ארום אהן ציל, אהן זין,
און ניט איך שלאָף און ניט איך וואַך,
און קוק אָהן טאָלק אויף יעדע זאַך...
צי וויל איך וואָס? צי דאַרף מיך ווער?
עס לעבט אין האַרצען א בּעגעהר,
נאָר אונבּעשטימט און טונקעל-שוואַך...
עס שרייט די גאָס: טאַראַך! טאַראַך!
א פייפעל רופט: פאַלא-פאַלער — — — —
צי איז נאך מיר געקומען ווער,
און האט א טרייסט מיין האַרץ געשיקט?
א וואָגען גאָר איז ראַש פערביי,
און טראָגט גאַלאָפּ זיך, ווילד און פריי;
א שלייפער שטופּט זיין ווענעל שווער,
און פייפט א ליד פון זעג און שער...

דאָך שפּאַן איך ווייטער אָהן א ציל — — — —
איך זוך און וויים ניט וואס איך וויל,
און הער ניט מעהר און זעה ניט מעהר...
מיר דוכט—ארום איז שאַ און שטיל,
נאָר פיהל—עס גליהט אין אויג א טרער,
און עפּעס-וואָס אין האַרצען טיף...
און פלוצים וואו: טשיריף-טשיריף — — —
און טענער שטיל: דאָ-רע-מי-פאַ — — —
דאָ-רע-מי-פאַ... טשיריף-טשיריף,
און דאָ און דאָרט און אומעטום.
צי רוישט דאס אין מיין האַרצען טיף?
צי רופט מיך ווער מיט קלאַנג און זשום?...
נאָר קיינער ניט... א פיאַנע בּלויז
און עמיץ קלאַפּט די גאַמען אויס;
א פויגעל שווימט אין לופט פערביי,
און טרילט פערשייט און יונג און פריי...

איך געה ארום גאַס אויס, גאַס איין,
און רינג-ארום איז ליכט און שיין...
נאָר טונקעל-גראָה איז וואו איך בּין—
מיך ציהט וואוהין, מיך ציהט וואוהין...

סאָנעטען

I

איך זעה מיך — אַ טראָפּען אין אָפּגרונד פון ימים פערלוירען,
אַ זעמדעל אין שטויב פון דעם איינזאַמען מדבר פערטראָגען;
אַ שימער פון ערגיץ וואס האלט אין איין צאַנקען, אויפטאָגען,
אַ טרוים וואס פערגעהט און ווערט טויזענד מאָל ווידער געבוירען...

איך זעה מיך — אַ אונשולד וואס ציטערט אין קינדערשע אויגען,
אַנ'אַלטע חרטה וואס טרינקט אין אַ קוואל זיך פון טרערען.
איך זעה אין דער נאַכט מיך אַ אייביג אומבלאָנזענדער שטערען;
בייטאָג אויפ'ן ליכטיגען הימעל—דער גלאַנץ פון דעם פאַרביגען בויגען...

איך זעה מיך אין לעבען פון אייביגען גאַנג און בעוועגען...
דאָך רוהט ניט די שטים אין מיין זעלע פון שטענדיגען פרעגען:
וואוהין רייסט זיך דאס האַרץ מיינס פון מעכטיגע בענקשאַפט נעפּאַנגען?

וואו איז ער, דער עפּעס וואס אייביג מיך ציהט צו דערלאַנגען?—
אויב איך בין אין אַלצדינג פאַראַנען, וואס האלט זיך אין וועבען,
וואס נאָגט עס אין האַרצען און וואו איז דער סוד פון מיין לעבען?..

II

צו הויך, אָ, גאָט, האָסטו די זון אין הימעל אָנגעהאַנגען!
עס האט מיין האַרץ געצווינגען זיך צו איהר, געבענקט — — —
איך האָב מיין הונגער-בליק ארויפצו אָנגעשטרענגט,
און האָב אין מיינע אויגען נאָר א בלינדע נאַכט געפאַנגען.

אין טיפער נאַכט בין איך אויף אַלע וועגען אומגעגאַנגען;
א אָפען אויג געזוכט, וואס זאל אויפפלאַמען אין דער בלינדער נאַכט,
און ווייזען מיר א האַרץ, וואס בענקט, ווי איך און וואַכט,
וואס זוכט, ווי איך, א וועג די ווייטע זון דערלאַנגען.

נאָר קיינער, גרויסער גאָט, האט מיך אין וועג געפונען.
מיט אָרעמס אויסגעשטרעקט און אויגען אויסגערונען,
געשפאַנט א מחנה האט, בעוועגט פון טויזענדער פערלאַנגען;

נאָר בלינד אין זייער גאַנג, האבען זיי אויף אַלץ געטראָטען,
און ווייט ארום דעם וועג, צו דיר, מיט חורבות אָנגעשאָטען...
צו הויך, אָ, גאָט, האָסטו די זון אין הימעל אָנגעהאַנגען!

III

נאָך אומבעקאַנט פאר דיר, מיין איינזאַם האַרץ, איז דער בלומען-וועג געבליבען.
האסט קוים געוואָגט דעם וועג בעטראַכטען נאר, דורך דיינע שוואַרץ-פערבענקטע אויגען;
דיין איינען בלוט האסטו א טראָפּ נאך טראָפּ געזויגען
און גאָט געבעטען אין דער שטיל ער זאָל דיין זינד פערגיבען.

דיין זינד?.. ווען דו האָסט עהרליך איהם געדינט, פערגעטערט פרום,
פערגליווערט אין עקסטאַז, אין שטומע תפלות און געזאַנגען
און ניט עס איז קיין ווידער-קול פון טרייסט צו דיר דערגאַנגען,
קיין פלאַטער פון א יונגער פרייד וואס האט געוואכט ארום.

וועק אויף זיך, האַרץ מיין, ווי א בלום ערשט אויפגעגאַנגען
צועפענט איהרע בלעטעלעך די זון-ליכט איינצוזויגען,
און שמייכעלט רייצענד פון דער וועלט מיט טויזענד קינדער-אויגען.

און טרויער ניט פאר גאָט אויף זינד, וואס דו ביזט ווען בעגאַנגען,
ווען דו האָסט אויך די יונגע פרייד פון לעבען אָנגעוואוירען.
מיין האַרץ — האָסט קיינמאל ניט געליבט — דו ביזט נאך ניט געבוירען.

IV

דו פרעגסט מיך: ווער בין איך? אַ שוואַלב בין איך, ליבער,
וואס רוהט אויף קיין צווייג ניט, נאָר חלומט פון שטענדיגען וואַנדער,
צו זוגען-בענאַסענע לענדער צעשפרייט עם די פליגעל פאַנאַנדער
און שוועבט נאר און ציהט זיך אַלץ ווייטער, דורך בערגער, דורך ימים אַריבער.

ווי אַ שמעטערלינג איז מיין נשמה, אויף בלומיגע בייטען געבוירען,
וואס פלאַטערט אַרום איינצווזיינגען דעם נעקטאַר פון פרישע פערפומען;
אַ שירה אין פרילינג, וואס איז אין די פעלדער צעשוואומען;
אַ אטעם פון לעבען, וואס האָט אין דער וועלט זיך פערלוירען...

איך בין ווי דער עלענדער פישער ביינאַכט אין אַ שטורם,
געפאַנגען אין נעץ פון אַ ווייטען, פער'כשופ'טען טורם,
וואס ציהט איהם צו זיך אינ'ם חושך, דורך טיפע און פינסטערע תהום'ען...

איך בין אַ באַהעמע וואס וואנדער אין שאָטענס פערהילטע אַלעען,
אזוי-ווי אַ טרוים אַ פערבענקטער פון איינזאַם-פערבלאַנזעטע פעען,
געטרייסט פון די שטערן-באַהעמע וואס טראָגט זיך אַרום אין די רוימען...

באַנגען

אָפט וועקט זיך אויף אין הארצען דיר אַ שטומע באַנג
נאָך עפּעס, וואס דיר איז ניט קלאָר—
און ס'ציהט דיך ערגעץ וואו,
ווי אַ צאַרטער כשוף-קלאַנג
וואס ציטערט אין אַ זומער-נאַכט
פון אַ קינדער כאָר...
און דאַמאלט ווען עס שלאָפט דאס פעלד,
די בוים, די בלום,
דאַן געהסטו שטום ארויס פון ענגען צעלט
און זוכסט אַ שטילע רוה,
אַ שווייגען אין דעם גאַנצען רוים...
און נידערסט טיף
אין אייגענעם תהום,
וואו ס'ליגט דער קנויל פון אפגעלעבטען פרייד און צאָרן;
און פלאַנטערסט אום
אַנטרעפען כאָטש אַ שוויכע שיין,
וואס זאל בעלייכטען קוים
די אפגעמעקטע בילדער און קאלירען,
פון דיינע טעג און וואָכען און פון גאַנצע יאהרען...
און קוקסט אין זיי זיך איין:
אַ וועלכעס פון זיי געקענט האט דיר אויפריהרען
דעם ניט געשטילטען באַנג...
צי איז דאס ניט אַ אלט געזאַנג
וואס האט אַמאל אַ מיידעלש האַרץ געטרייסט
און דאס בעזינגט?
און ס'נאָגט דיך איצט דאס ליד
וואס האט ערוואַכט...
צי איז'ס אפשר נאָר דאס בילד,
ווען דיר, נאָך קינד, האט איינגעוויגט
אַ מאמע צי אַ שוועסטער מילד
אום ווינטער-נאַכט?

און האסט דיין עלענד איצט דערשפירט...
צי האט אַ פריינד, אַ טייערער, פון דיר געשפּאָט
און נאכדעם דיך פעררעאַטען?
און ס'האט אַ שטומער וועה אַצינד דיין הארץ בעריהרט...
צי האסטו איינזאַם איצטער זיך דערפיהלט
און בענקסט נאך יענעם שטאַרקען גאָט
וואס האט בעגלייט דיין זיידען און דיין טאטען,
און האט מיט טרייסטען זייער לעבען איינגעשטילט?..
צי האסטו גאר פון אלע זיי
קיין איינציגס ניט געגאסען,
און וואַנדערסט אום פערלאזען אין דער וועלט —
און פלוצים האט אַ בענקען דיר
דיין האַרץ גענומען נאָגען,
צו דעם וואס האט ביז איצט דיר אויסגעפעהלט,
און איז פאר דיר געבליבען צוגעשלאסען?..
נאָר האט אַ שטומע באנג דיך וועהן געפאַנגען,
און רינג ארום דיין הארץ אַ ענגע נעץ געשפּינען...
דאַן געהסטו אום און זוכסט
און גערן וואלסטו עפּעס וואס דערלאַנגען,
נאָר ניט דו קענסט קיין רוה און אויך קיין טרייסט געפינען!

נאָקטורן

נאך פאוועדא

ווייס און צערטליך, ווי א ווייסע צארטע בלימעל,
האט זי ליבליך אויף מיין ברוסט זיך אנגעבויגען.
—זאג, וואס איז דיר?—נאָר מיר האבען איהרע גרויסע טרויער-אויגען
בלויז געענטפערט:—קעלט און דרימעל...

איהרע אויגען בלוי און טיפע, ווי דער הימעל,
אָנגעקוקט מיט אנגסט מיך האבען...
—נארסט מיך ליבסטע, טראגסט געהיים א וואונד בעגראבען.
זי האט בלויז נאר איבער'חזר'ט:—קעלט און דרימעל...

פלוצים איז זי צו דער פיאנע צוגעגאנגען,
די קלאווישען צו בעוועגען אנגעהויבען.
פון דער טיף האט אַ נאָקטורן, ווי דאָס פלאטערען פון טויבען,
אויפגעציטערט אין אַ ים פון טרויער-קלאַנגען.

אבער שטום איז באַלד געבליבען די סימפאָניע.
אין די ווינקלען נאָר די טונקלע פון דעם אוועגד-צימער
האָבען טענער זיך געראַנגעלט, אויפגעצאַפּעלט, ווי א שימער
פון א פלעמיל אין אַגאָניע...

אוועגד-קלאַנגען — — —
קלאַנגען אומעטיגע, שטילע
דורכגעזאַפּט מיט טרער און תפלה,
זענען איינציגוויז אין שאָטען פון דעם צימער אויסגעגאַנגען...

אין מיין האַרצען טיף פערטרויערט,
האט א וועהטאָג, א פערבענקטער, אויפגעציטערט,
גלייך ווי עמיץ וואָלט פער'עקשנ'ט און פערביטערט
אויף זיין קרבן דאָרט געלויערט...

כ'האָב פערשטאַנען, האָב בעגריפען די נאָקטורן:
דאָרט געצאַנקען האט א פלעמעל פון א איינזאמען נר תמיד,
האט געצאַנקען און בעלויכטען אין זיין אומעט
א פערוויאַנעט, עלענד בלימעל אויף א שווארצען ארון...

ווי איינזאם עס בלייבען די טויטע...

נאך א. בעקער

פערשלאסען אויף אייביג די אויגען פערגלאָצטע,
וואס זי האט נאך אפען געהאלטען;
פערצויגען דעם טויט מיט א שנעע-ווייסע ליילאך,
וואס האט איהר פון לעבען בעהאלטען;
דאן שטיל האבען נאכדעם פערלאזען דעם צימער
די טרויער-פערוויינטע געשטאלטען.

דער ברענענדער קנויטעל וואס האט אויפ'ן באדען
אין א גלעזערנעם בעכער געטונקען,
געצאַנקט האט ארויף און אראפ און דעם חדר
אין ריזיגע שאטענס פערטרונקען;
דערגרייכט דאָס פערדעקטע געשטאלט פון דער טויטער
און שטום זיך דערמיט איבערוואונקען...

די נאכט איז פערגאנגען. א ליכטיגער מארגען
איז פריילין און ראַש אנגעקומען,
דאן האב איך די טיפע און שארפע קאנטראסטען
פון ליכט און פון שאטען בענומען;
געקלערט האב פון טונקעלען סוד אינ'ם לעבען,
וואס איז אין מיין זעל אויפגעשוואומען:
גאט מיינער, ווי איינזאם
עס בלייבען די טויטע!

דעם ארון פון הויז אויף די אקסלען גענומען,
און שווייגענד אין טעמפעל געגאנגען;
אין לופט האט א בשורה פון טויט אויפגעציטערט
דורך טיפע מעטאלענע קלאנגען;
פערגרייט דער אַלטאַר איז מיט ליכטער און ווייַרוך,
מיט טיכער אין שווארצען פערהאנגען...

געבלייכט האט פון ארון איהר פנים פערגליווערט,
פון געלבליכע פלאַמען בעגאסען;
צוקאפענס האט עמיץ א תפלה געמורמעלט,
א טרער האט, א הייסע, געפלאסען;
א בליק און א זיפץ. פון דער קירך זיך צעגאנגען
און ענדליך דעם טויער פערשלאסען...

פון ערגיץ אַ זייגער האָט שטיל, מאָנאָטאָנע,
געלאָזען זיין אומרוה דערהערען,
און ליכטער וואָס האָבען נעצאַנקט און געבליפעט,
ווי קינדער פערגאַנגען אין טרערען...
אין פורכטליכען עלענד, וואס מיך האט געריננעלט
גענומען אַ רגע האָב קלערען:
נאָט מיינער, ווי איינזאַם
עס בלייבען די טויטע!

אין לופט האָט געוויגט זיך דער גלאָק פון דער קירכע:
דעם לעצטען אַדיע אָפגעגיבען;
דעם לעצטען געזעגען פאַר נאָהענט און ווייטע,
וואָס זענען אין טרויער פערבליבען;
אַ אָפשיד פאַר אַלע אבלים וואס האָבען
זיך איצטער צוזאמענגעקליבען.

אַ גראָבען אַ שמאָלער — די לעצטע מנוחה —
די ערד האָט איהר שוים אָנגעפאָטען.
פערשוואונדען, פערגאנגען, נאָר איבערגעלאָזען
אַ בערגעל מיט שטויב אָנגעשאָטען;
די גרויסע לויה, אויף וועגען בעזונדער,
צעגאַנגען זיך איז ווי אַ שאָטען...

אַוועק איך וואו ערגיץ דער קברן, מיט איהם האָט
אַ נגון אין ווייט זיך געטראָגען...
פערדעקט האָט דער חושך די בוימער וואס האָבען
גענומען אין נאַכט אריין קלאָגען.

אַליין אין די שאָטענס פערלוירען, האָט ווידער
אין האַרץ אָנגעהויבען מיר נאָגען:
נאָט מיינער, ווי איינזאם
עס בלייבען די טויטע!

ווען ס׳קומען די נעכט אָן, די אומעטיג-לאַנגע,
ווי בייזע געשפענסטער צו שפאנען;
די יונגע אין העלע חלומות פון לעבען,
אַזוי-ווי די בלומען פערוויאַנען
און פאלען ווי בלעטלעך פערוועלקט פון די צווייגען,
דאן נעהם איך אָן איהר זיך דערמאנען:

צי הערט זי, די טויטע, דעם אייביגען טרויער,
וואָס קלאָגט יענע נעכט אינם שטורם?
די ווילדע געלעכטער פון בייזען געוויטער,
וואס דרינגען אריין אין די קברים?
דעם שטעכיגען אָטעם פון אייז און פון קעלטען,
צי פיהלט עס איהר ביינערנער אָרם?...

. . . .

צי צאפּעלט אין לעבען אַ אייביגקייטס-אָטעם,
צוריק זיך אין הימעל צו קערען?
צי בלויז איז דער וועזען — אַ עלענדער בוימעל
פערוואַנדעלט אין שטויב נאר צו ווערען?
איך ווייס ניט, נאר פיהל אַז פאראַנען איז ע פּ ע ס
וואָס לאָזט זיך קיינמאל גיט ערקלערען,
ווען איינזאַמע לאָזען
מיר איבער די טויטע!

נח זויטאָל

ערצעהלונגען און סקיצען

אין צוויי צימער'ן

נחום

אין כשוף=קרייז

דער זיוג

א שרפה

אין א הייסען זומער-טאג

א שלעכטער טאג

אין טאזשער

אין צוויי צימער׳ן

א שווערע שטילקייט הערשט ביי שלאסבערג׳ן אין שטוב. קוים וואס עס הערט זיך דאס הייזעריג קלאפען פון וועק-זייגער. דער צימער איז איינגעהילט אין א ראזעווע טונקעלהייט, וואס קומט פון א עלעקטריש לעמפל ארומגעוויקעלט מיט א ראזעווע שטיקעל זייד.

די אויל בילדער, אין דיקע בעגאלדעטע ראמען וואס הענגען אין דער הויך אויף די ווענט, זענען פערהילט אין שאטען. די גרויסע שאפע מיט דריי שמאלע שפיגלען, שטעהט אין הינטער-וואנט ווי אנגעכמורעט, אין א טונקלען ראזעווען נעבעל פערהילט. אויפ׳ן טיש, מיט א ברוינער טישטוך איבערגעדעקט, ליגט א ווייס קעציל און וואשט זיך די לאפקעס. ווייל׳ענוויין פערקוקט זי זיך צום בעט אין ווינקעל און גיט א בליק מיט איהרע גרינע, ווי פאספאר, אויגען. די גארדינען פון פענסטער זענען אראפגעלאזט. דורך דעם ווייסען, שימערען טיול גלאנצען די שווארצע שויבען.

אין ווינקעל פון צימער שטעהט שלאסבערגס בעט, וואו שלאסבערג ליגט אונטער דער קאלדרע. פון זיין אויסגעדארט, פערטרוקענט פנים גלאנצען ארויס צוויי גרויסע שווארצע אויגען, וועלכע ברענען ווי אין פיבער. עס דוכט זיך, אז די שטילקייט אין צימער און ארום צימער, אז די שווארץ-גלאנציגע שויבען וואס לייכטען זיך דורך דורך די גארדינען אין דערצעהלען פון א שווארץ-שטילער נאכט, אז דאס וואשען זיך פונ׳ם קעציל און איהר פאספאר-בליק, האבען א שיכות מיט שלאסבערגס גרויסע, שווארצע אויגען, וואס הויכען מיט שטילקייט און אינערליכען פערבארגענעם טרויער. דאס שיטער שווארץ בערד׳ל זיינס איז ווי צוגעקלעפט צום פנים און גיט איהם צו א אויסדרוק פון א מארטירער. ער מאכט מיט די ליפען, ווי ער וואלט עפעס געקייעט און בלאנזעט אום מיט׳ן בליק איבער די אנטקעגענדיגע ווענט.

ער הויבט אויף די האנד פון אונטער דער קאלדרע און ווישט זיך דעם שטערען, דאן שטעלט ער אן די אויגען צו דער פערמאכטער טיר פון צווייטען צימער און רופט מיט א הייזעריג קול:

— דינה!... דינה!... קום נאר אריין.

קיינער ענטפערט ניט. דאס קעציל הויבט אויף דאס קעפ׳ל און קוקט אנגעשטרענגט אויף שלאסבערגען מיט איהרע גרינע פאספאר-אויגען, דאן נעמט זי זיך ווידער וואשען איהרע לאפקעס.

שלאסבערג טוט א הוסט, וואס הילכט אפ מיט א דומפיגען כריפ, נעמט פון נאכט-קעסטעל א פיל און שלינגט אראפ.

— דינה!... דינה!...— רופט ער נאכאמאל און קוקט מיט בייזקייט צום טיר פון צווייטען צימער.

פון יענעם צימער הערט זיך א שנעלער, שטילער געשפרעך, א סקריפּ פון א בענקעל און א דריבנער קלאפּען פון אפּזאצען אן דיל.

די טיר פון יענעם צימער האט זיך ראש געעפענט און א שטראם פון העלע עלעקטרישע ליכט האט א לייכט געטון אין שלאסבערגס צימער. דינה, א בעוועג־ליכע, א שלאנקע, אין א ווייס קורצען פארטוכ׳ל מיט טיול בענעהט, איז אריינ־געקומען, זיך אפּגעשטעלט ביי זיין בעט מיט א פראגע אין איהרע טונקעל־בלויע אויגען.

— דינה — האט זיך שלאסבערג ווי פערהיקעט — ווער איז איצט פאראן ביי דיר אין צימער?

— א שכנה...

— ס׳איז ניט אמת... דו נארסט מיך, דינה...

שלאסבערג האט זיך פערהוסט און זיך אנגעכאפּט ביים ברוסט מיט ביידע הענד.

— איך נאר דיך ניט... איך וויים ניט וואס דו ווילסט פון מיר — האט זיך דינה אנגע׳ברוגז׳ט.

— דו ווייסט יא, דו ווייסט... — האט שלאסבערג דעם אטעם ניט געקענט כאפּען און זיך ווידער פערהוסט.

— איך וויים ניט, און דו ווייסט אלעס! — האט שוין דינה אונגעדולדיג א זאג געטון און זיך געלאזט געהן צוריק אין איהר צימער.

— שטעה! — האט שלאסבערג א געשרעה געטון און א ברען געטון אויף איהר מיט זיינע שווארצע אויגען.

דינה איז שטעהן געבליבען א מטושטש׳ע. זי האט געקוקט אויף שלאס־בערג׳ן, אויף איהר מאן, ווי אויף א פרעמדען אויף וועמען זי האט רחמנות. דאן האט זי זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם און איהם גענומען בערוהיגען. שלאסבערג האט איהר אנגענומען פאר דער האנד, נאר זי האט די האנד אוועקגענומען.

א בליצעל האט אויפגעפינקעלט אין שלאסבערג׳ס אויגען און ער האט האסטיג אראפּגעווארפען פון זיך די קאלדרע.

— פיהר מיך אין דיין צימער — האט ער געזאגט מיט א הייזעריג קול — איך וויל זעהן...

— וואס ווילסטו זעהן? — האט דינה איהם פון דער זייט אנגעקוקט.

— איך וויל זעהן דיין צימער...

שלאסבערג האט זיך שווער אויפגעזעצט אויפ׳ן בעט און זיך געסטארעט ניט צוריק צו פאלען.

— ביזט דאך קראנק, זעה ווי דו פאלסט — האט איהם דינה אפּגערעדט.

— כע, כע... — האט זיך שלאסבערג אנגעשטרענגט צו שמייכלען און קוים געעפענט זיינע פערטרוקענטע איינגעצויגענע ליפּען.

דינה האט זיך אויפגעהויבען פון שטול און איז שטעהן געבליבען אין א ארויסרופענדער פאזע:

— ווילסט זעהן? קום!

זי האט איהם געהאלפען אראפקריכען פון בעט. שלאסבערג האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס; ער האט אויסגעזעהן ווי א סקעלעט, וואס נאר א דאנק דער הויט וואס האט אנגעצויגען זיין קערפער, צעפאלען זיך ניט די אויסגעטרו-קענטע ביינער. דער קאפ פערשוויצט און מיט צוגעקלעפטע נאסליכע האר, האט זיך קוים געהאלטען, א דאנק די אנשטרענגונג פון זיינע בלויע אנגעצויגענע אדערן פון האלז.

דינה האט איהם געפיהרט אונטערן ארם און זיך געסטארעט וואס ווייטער צו האלטען דעם קאפ פון איהם. זיין הייסער אטעם איז איהר געווען שרעקליך דערווידער, און זי האט זיך געמוזט אנשטרענגען ביז זי האט איהם אריינגעפיהרט אין איהר צימער.

א העלע בלענדענדע ליכט האט א שיין געטון שלאסבערג׳ן אין די אויגען. ביי דינה׳ן אין צימער האט אלעס געהאט א פרעהליכען אויסזעהן; א בלענדענדע זויבערקייט האט געבלאנקט אין אלע ווינקעלעך. אין מיט׳ן צימער איז געשטאנען א קיילכדיגער לאקירטער טישעל מיט א אויסגעהעפטען העל-בלויען טישטוך אי-בערגעדעקט. דאס בעט מיט א הימעל-בלויער געהעפטער דעקע, מיט זיידענע ראזעווע שלייפלעך און אויסגענעהטע טיולענע דעקלעך; די ווייכע סאפקע פון טונקלען בלויען פליוש, מיט דיקע פרענז ביי די עקען, די העלע שפאליר מיט מאטע זילבערנע קוויטען, די בילדער אין ווייסע ראמען; דאס אלעס האט גע-אטעמט מיט פרישקייט, מיט יוגענד.

שלאסבערג האט זיך אוועקגעזעצט אויף א בענקעל און געקוקט אויף דעם דאזיגען צימער מיט פערדרוס, מיט א טיפער הארץ-קלעמעניש. ער האט געקוקט אויף דער סאפקע, וואו דינה, זיין ווייב, האט ליב געהאט זיך אויסציהען אין א צופרידענער מידקייט, פלעג צומאכען די אויגען און א בעהאלטען שמייכעל, וואס האט זיך קוים דורכגעשפארט ביי די ווינקלען פון קליין מיילכעל, האט געשפילט אויף איהר פנים. און ער, שלאסבערג, פלעגט זיצען נעבען איהר און ניט אראפנעמען די אויגען פון איהר ליכטיג שיינענד געזיכט.

עס האט איהם א שטאך געטון אין מח ווי מיט א נאדעל און ער האט צוגעמאכט די אויגען. ער האט זיך פלוצים שטארק פערהוסט און זיך צוגעהאלטען מיט די הענד אן טיש.

— דינה...— האט ער א כריפ געטון.

— וואס ווילסטו?— האט דינה א קאלטען קוק געטון אויף איהם.

— ווער איז דא געוועזן ביי דיר?...

— כ׳האב דיר שוין געזאגט אז די שכנה...

— דו לייגסט!— האט שלאסבערג איהר א קוק געטון גלייך אין די אויגען אריין און איהר אפגעבריהט דעם פנים.

דינה איז רויט געווארען.

עס האט איהם פלוצים אנגעהויבען שווינדלען פאר די אויגען. דאס הארץ האט זיך ביי איהם אפגעשטעלט; ער האט זיך א ווארף געטון אויף הינטער, אויפ׳ן ווענטל פון שטול.

דינה האט איהם לאנגזאם צוגעפיהרט צו זיין בעט, אין זיין צימער, און איהם איינגעדעקט. ער האט זיך נעטרייסעלט ווי אין קעלט און געקוקט צו דינה׳ן מיט א דערשלאגענעם הילפלאזען בליק.

נאך פון יענעם טאג אן, ווען שלאסבערג איז געקומען פון דאקטאר א בלייכער, א צערודערטער און געזאגט אז ער האט שווינדזוכט, האט זיך דינה ווי אפגערוקט פון איהם.

איהר בליק האט פערלוירען דאס ליבליכקייט; דער טאן פון איהר רעדען האט זיך געענדערט. און נאכמעהר האט זי זיך געענדערט, ווען זיי האבען זיך נעמוזט ארויסציהען הינטערען שטאדט, אינ׳ם דאזיגען וואוינונג פון צוויי צימער׳ן. זי איז געווארען קאלט צו איהם, האט געטון יערע זאך אהן חשק, שטונדענלאנג אפגעזעסען איינגעקארטשעט אויף דער סאפקע א שווייגענדע.

שלאסבערג האט פון אנפאנג זיך כמעט ווי אויסגעלאכט פון זיין קרענק; ער האט געגלויבט אין זיין פעסטגעבויטען ארגאניזם און אין זיין געלד, וואס ער האט אין באנק געהאט. ער האט אנגעהויבען טרינקען מילך און זיך צערטלען. אין די לאנגע אווענדען, האט ער נאר געוואלט דינה זאל אנשפארען איהר שעהן קעפ׳ל אויף זיינע קניהעס און ער זאל איהרע שווארצע צעלאזטע האר גלעטען... זיינע אויגען האבען בעקומען א מאדנעם גלאנץ, ווי א שווארץ פייער׳ל וואלט אין זיי געברענט.

זיין קראנקהייט האט זיך שנעל פערערגערט און אויף דער עצה פון דאקטאר, האט דינה איהר בעט איבערגעפיהרט אין צווייטען צימער. דער רויש פון די רעדלעך פון בעט, ווען דינה האט עס ארויסגעפיהרט אין איהר צימער, האט יאמערליך אפגעקלונגען אין שלאסבערג׳ס נשמה; א אינערליכע שטים האט געקלאגט אין איהם. עס איז איהם געווארען אונהיימליך און קאלט, גלייך עמיצער וואלט איהם אין א קערקער פערשלאסען און פאר זיינע אויגען די שליסלען ערגיץ פערווארפען. א לאנגע צייט נאכדעם האט ער ניט געקענט שלאפען; עס פלעגען איהם בעפאלען קאשמארען און א האלב דערשטיקטער פלעג ער איהר רופען פון שלאף. עס האט זיך איהם געדאכט אז דינה פערשטיקט אין זיך א געלעכטער, דארט אין איהר בעט... אז זי נעמט נקמה פון איהם, כאטש ער האט אליין ניט געוואוסט פארוואס. זיינע אויגען האבען אנגעהויבען ברענען; און איז זי צוגעגאנגען צו איהם, נאהענט צום בעט, האט ער איהר ארומגעכאפט מיט זיינע ביינינע קאלטע הענד און געפרעסט צו זיך איהר ווארימע צארטע לייב; האט דינה דערפיהלט דעם גערוך פון זיין מויל, וואס האט געשלאגען מיט צעפוילטעס און עפעס אונערטרעגליכעס, זויערעס, האט זי איהם אפגעווארפען פון זיך און זיך פערשלאסען אין איהר צימער.

פון טאג צו טאג איז ער איהר געווארען מעהר דערווידער; זי האט שוין ניט דערקאנט אין איהם איהר מאן, זי האט געזעהן פאר זיך א פרעמדען מענשען, א שווינדזיכטיגען, וועלכער האט איהר אונערטרעגליך בעלעסטיגט.

זיי האבען אנגעהויבען לעבען צוויי פערשידענע לעבענס, יעדער אין זיין

צימער. אין די לאַנגע הערבסט אווענדען איז דינה געלעגען אויף דער סאָפקע און זיך פֿערטראַגען אין בלויע וועלטען, אין וועלטען פֿון גרינס און בלומען; זי האָט נאָר געזעהן פֿאַר זיך אַ פֿרילינג און עמיצער שפּאַצירט מיט איהר איבער גרינע פֿעלדער, העלפֿט איהר איבערשפּרינגען קריסטאַל-קלאָרע קוועלכלעך און שטיפֿט מיט איהר, ווי מיט אַ קינד. זי פֿלעג זיך צוהערען צום ווייטען פּייפֿען פֿונ׳ם ווינט און עפּעס ערוואַרט, גלייך ווי עמיצער דאַרף קומען און איהר אוועקנעמען ערגעץ אין אַ ליכטיגע וועלט.

שלאָסבערג האָט שוין פֿון בעט ניט געקענט אַראָפּגעהן. און קלערענדיג, טאָג איין טאָג אויס, פֿון זיין לעבען און פֿון זיין טויט, האָט ער ענדליך אין גאַנצען פֿערלוירען דעם פֿאַדים פֿון דער געגענוואַרט. אָפֿטמאָל פֿאַרנאַכט, ווען אַ ברעג פֿון דער רויטער זון האָט נאָך אַריינגעקוקט אין זיין פֿענסטער, האָט זיך איהם געגלוסט צומאַכען די אויגען און פֿערגעסען זיך, דאַן פֿלעג זיך איהם דאַכטען אַז ער וויגט זיך אויף אַ שיפֿעל און שווימט מיט׳ן שטראָם. ער ליגט אין גאַנצען אויסגעצויגען אין שיפֿעל און קוקט אין דער הויך צו די טונקעלע הימלען. די זון איז שוין לאַנג פֿערגאַנגען און דאָס וואַסער פֿליסטערט אַרום זיין שיפֿעל און סוד׳עט... און וואָס ער שווימט מעהרער, אַלץ טונקעלער ווערט. אַרום הערט זיך ניט קיין קלאַנג, קיין שאָרך, נאָר דאָרט אין ווייט, דוכט זיך איהם ווי ער וואָלט געהערט אַ שטילע מוזיק וואָס רופֿט און צויבערט און ער שווימט צו יענעם פּלאַץ... עס ווערט פֿינסטערער און פֿינסטערער ביז ער שווימט אַריין אין דער נאַכט...

אין יענע רגע׳ס פֿלעג זיך שלאָסבערג פֿערגעסען אָן אַלעס, אָן דינה׳ן, אָן דער גאַנצער וועלט. אַ אינערליכע פֿרייד פֿלעג איהם בעפֿאַלען — אַזוי האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט וועט זיין זיין טויט. ער וועט שטיל אַריינשווימען אין יענע אונ־בעוואוסטע פֿינסטערע פּלעצער. האָט ער אָבער נאָר אַ קוק געטהון אויף דער טיר פֿון דינה׳ס צימער, האָבען זיך זיינע אויגען אָנגעצונדען און ער האָט מיט אַ כּיון אַ בייזען הוסט געטהון, ווי ער וואָלט דערמיט איהר געוואָלט געבען צעוויסען אַז ער לעבט נאָך.

עס האָט זיך געצויגען אַ לאַנגער און פֿינסטערער הערבסט, מיט גרויע רעגענדיגע טעג און שוואַרצע ווייענדיגע נעכט. שלאָסבערג האָט פֿון בעט ניט געקענט אַראָפּקריכען, און דינה האָט איהם געמוזט יעדע זאַך צוטראָגען צום בעט. ער האָט ווייניג גערעדט און אַלעס אָנגעדייט מיט׳ן בליק פֿון זיינע ברענענדע אויגען. אָפֿטמאָל פֿלעג ער זיך פֿערהוסטען אַזוי, אַז ער פֿלעג בלייבען ליגען אַ האַלב טויטער מיט אויסגעגלאָצטע שטאַרע אויגען; און איינמאָל שפּעט אין אָווענד האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהון ביים האַרצען און איז געבליבען ווי פֿערגליווערט. דינה האָט איהם געגעבען שמעק-טראָפּענס, האָט איהם געמונטערט, ער האָט זיך אָבער ניט בעוועגט, פֿון זיינע אויגען-לעכער האָבען אַרויסגעקוקט צוויי פֿער־שטאַרצטע ווייסלען. אַ שרעק איז איהר בעפֿאַלען ווען זי האָט אַ קוק געטהון אויף איהם. זי איז געלאָפֿען אין דרויסען צו שכנים נאָך הילף. עס האָט געגאָסען אַ רעגען; דער רויש פֿונ׳ם רעגען האָט פֿערהילכט איהר געשרעה. פֿון די אַנטקעג־

געגדיגע הייזער האט זיך קיינער ניט אפגערופען. א פערצווייפעלטע איז זי געשטאנען אונטערן רעגען און געשריען ניט מיט איהר קול. א דורכגעהער אין א רעגענמאנטעל, מיט'ן קאפושאן טיף אראפגעלאזט האט זיך אפגעשטעלט. דינה האט איהם אנגעכאפט ביים ארבעל און געררופען אין שטוב אריין:— „מיין מאן, מיין מאן שטארבט!" דער דורכגעהער האט לאנג ניט איבערגעפרעגט און איז שנעל מיט איהר אריין אין שטוב, האט אראפגעווארפען זיין רעגענמאנטעל און זיך גענומען צום קראנקען.

ער האט אויסגעזעהן א מענש פון א יאהר אכט-און-צוואנציג, מיט גע-שווירענע שווארצע וואנצעס און רונדע שווארצע ברעמען. א וואוקסיגער, א בעוועגליכער אין א געפאסטען העל-געלבען אנצוג, האט ער דערמאנט אן א ספארטסמאן. ער האט איהם איינגעריבען די ברוסט און געלעגט הייסע פלעשער וואסער צו די פיס. נאך לאנגער מיה האט שלאסבערג געעפענט די אויגען און געשמייכעלט הכנעה'דיג צום אומבעקאנטען. דערנאך האט ער זיך פערקלערט און איהם האט זיך געדאכט אז ער האט דעם דאזיגען מענשען ערגיץ געזעהן.

— א דאקטאר?— האט שלאסבערג אנגעוויזען דינה'ן אויפ'ן אומבעקאנטען.

— איך וויים אויך ניט. איך האב זיי אריינגערופען פון גאס...

דער אומבעקאנטער האט דערלאנגט דינה'ן זיין וויזיט קארטעל, וואו זי האט איבערגעלייענט דעם נאמען „אסקאר".

זי האט געהאלטען דאס קארטעל און געקוקט אויף די בעגאלדעטע קאנ-טען וואס זענען געווען פערבויגען און געמאכט דעם איינדרוק ווי דאס קארטעל וואלט געווען צונויפגעלעגט. זי האט ניט געוואוסט וואס צו טהון מיט דעם, צי אפגעבען עס צוריק דעם יונגענמאן, צי בעהאלטען עס. ענדליך האט זי עס אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש נעבען וועק-זייגער.

זי איז געווען בלייך און מיד און האט ניט געוואוסט וואו זיך א הינצוטון. א שווערער שלאף האט איהר געמאטערט. זי האט זיך אוועקגעזעצט נעבען בעט און האט זיך געסטארעט וואך זיין. עס האט אבער ניט געדויערט קיין איין רגע האט זי' שוין געהאלטען פערמאכט די אויגען, האט זיך מיט א ציטער באלד אויפגעכאפט און געקוקט איבערראשט אויפ'ן אומבעקאנטען, ווי ער שפאנט ארום א רוהיגער הין און צוריק, מיט די הענד אין די קעשענעס.

דינה איז א מידע און דערשראגענע איינגעשלאפען אויף דער סאפקע אין איהר צימער. אסקאר, דער אומבעקאנטער יונגערמאן, איז נאך ניט אוועקגעגאנגען; ער איז געזעסען אויפ'ן בעט און געקוקט אויף שלאסבערג'ען. שלאסבערג האט געפינטעלט מיט די אויגען און ווי מורא געהאט צו קוקען אויפ'ן פרעמדען. איהם האט זיך אלץ געפלאנטערט אין קאפ אז ער האט איהם ערגיץ געזעהן, און עס האט איהם דערמאנט אן אונאנגענעמליכעס, אן פערדרוס. מיט אמאל איז איהם איינגעפאלען אז ער האט דעם דאזיגען מענשען געזעהן מיט פינף יאהר צוריק ביי איהם אויף זיין חתונה, ווען ער איז געשטאנען מיט דינה'ן אונטער דער חופה. וואס האט דער מענש דארטען געטון? דאס וויים ער ניט, ער געדענקט אט די ברוינע אויגען פונ'ם אומבעקאנטען, ווי זיי האבען געקוקט אויף איהם אנגעשטרענגט

און ניט פֿאַרגינעריש. נאָר דאַן, דוכט זיך איהם, איז דער דאָזיגער מענש ניט געגאַנגען אַזוי געקלײדעט ווי איצט; ער האָט געטראָגען אַ ענגלישען רײט־קאָס־טיום און געלע „פּאַלאָינעס”; ווי־זשע קומט עס — האָט זיך שלאָסבערג געפֿרעגט — ער זאָל קומען אויף אַ חתונה אין אַזאַ קאָסטיום? ער האָט די פֿראַגע אַרויס־געריעדט הויך, מיט אַ הײזעריג פֿאַרשלאָפֿען קול, אַזוי אַז אָסקאַר האָט אויפֿגע־הויבען אויף איהם די אויגען און אַ שמייכעל געטון. שלאָסבערג האָט זיך פֿאַרשעמט, האָט פֿאַרמאַכט די אויגען און אָנגעהויבען שווער אָטעמען, כּדי דער פֿרעמדער זאָל מיינען אַז ער שלאָפֿט.

ער איז ווירקליך באַלד אײנגעשלאָפֿען. אָסקאַר האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון בעט און מיט שטילע טריט געגאַנגען צו דינה׳ס צימער, ער איז שטעהן געבליבען אין טיר אומענטשלאָסען, האָט לאַנגזאַם אויפֿגעמאַכט די טיר און איז אַרײַנגעגאַנגען.

אויפֿ׳ן טישעל האָט געברענט אַ קעראָסין־לעמפּעל האַלב אַראָפּגעדרעהט. דינה איז געשלאָפֿען אויפֿ׳ן סאָפֿקע אין די קלײדער, אַ האַנד אונטער׳ן באַק, די האָר צעוואָרפֿען איבער׳ן פּנים. אָסקאַר האָט גענומען בעטראַכטען דאָס צימער, האָט זיך אײַנגעקוקט אויף דער בראָנזענער סטאַטועטקע וואָס איז געשטאַנען אויף אַ שוואַרצען געשטעל אין ווינקעל, האָט לאַנג געקוקט אויף דער בעט, איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער, געקוקט אין דרויסען אַרויס, וואו דער רעגען האָט נאָך אַלץ געגאָסען ווי מיט עמערס; ענדליך איז ער שטעהן געבליבען אַנטקעגען דינה׳ן און איהר לאַנג אָנגעקוקט, זײַנע ברוינע אויגען האָבען זיך אײַנגעגעסען אין איהר בלײך כמעט קינדיש פּנים; דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול בײַם טיש, פֿאַרוואָרפֿען דעם קאָפּ אויפֿ׳ן ווענטעל און לאַנגזאַם געלאָזט דעם רויך פֿון ציגאַר.

אַ לאַנגע ווײַלע איז ער אַזוי געזעסען, דערנאָך האָט ער גענומען דעם אַלבום פֿון טיש און געבלעטערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דינה׳ס מיט שלאָסבערגס קאַרטע פֿון באַלד נאָך דער חתונה. זי אין אַ ווײַסען שלײער מיט אַ ראָזען שלײף און אַ בלום אויפֿ׳ן ברוסט און ער, שלאָסבערג, אין אַ שוואַרצען פֿראַק און אַ ווײַסע רויז אין לאַץ. איהרע אויגען האָבען געריעדט פֿון בילד אַראָפּ. ווי זײ וואָלטען דערצעהלט פֿון גליק, פֿון פֿרייד, און שלאָסבערג איז געשטאַנען שטרענג, ווי אײנער וואָס שטאָלצירט שוין ניט מיט זײַן זיעג, ווײַל ער ווײס אַז ער איז בערופֿען צו דעם, ער איז בערופֿען צו זיעגען... ער האַלט איהר אונטער׳ן אָרם און עס דוכט זיך, ווי זי שטעהט ניט אויף דער ערד, נאָר שוועבט אין אַ ראָזעווער וועלט פֿון גליק און בלומען...

אָסקאַר האָט פֿאַרמאַכט דעם אַלבום און זיך אײַנגעקוקט אין דינה׳ן, ווי ער וואָלט איהר וועלען פֿאַרגלײַכען צו דער קאַרטע. דינה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און איבערראַשט זיך אויפֿגעהויבען פֿון סאָפֿקע. אָסקאַר האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון שטול און זיך פֿאַרנײַגט מיט אַ סאַלאָנען־העפֿליכקײט.

— איהר זענט נאָך דאָ? — האָט זיך דינה ניט געוואוסט קײן אָרט צו געפֿינען און זיך גענומען צערעכט מאַכען די האָר.

— אײַך צו דינען — האָט זיך אָסקאַר ווידער פֿאַרנײַגט.

— איך דאַנק אײַך פאַר אײַער מיהען זיך! — האָט דינה צעשטרייט גע־ענטפערט. — איך האָב זיך ווירקליך געפונען אַזוי איבעררעשט, ווען מײַן מאַן האָט בעקומען די אַטאַקע, אַז איך האָב זיך אינגאַנצען פערלוירען. און ווען ניט איהר, ווער ווייסט צי מײַן מאַן וואָלט נאָך געבליבען לעבען.

זי האָט אָפּגעקעהרט דעם פּנים און בעהאַלטען דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט.

אָסקאַר איז געשטאַנען אַ העפליכער און אַ פרעמדער. ער האָט געקוקט אויף דינה'ן מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי אײנער וואָס וואַרט ער זאָל, אויף דעם צווייטענס אַ וואונק, העפליך און אײַנגעהאַלטען בעדינען.

— איך בין דאָ אַזוי עלענד — האָט דינה גערעדט מיט וואַרעמקייט — קײנער בעזוכט אונז ניט, אַלע האָבען אונז פערלאָזען. און אַזוי זיץ איך אַפּ טעג און נעכט אַליין. דער מאַן מײַנער, ווי איהר זעהט, איז זעהר קראַנק און איך בין שוין אַזוי מיד...

— דאָס איז נאַטירליך — האָט אָסקאַר בעמערקט — ווען מען האָט אין שטוב אַ חולה, ווערענס טויט איז אַ לאַנגזאַמער און אומפערמײַדליכער.

— אָה!... — האָט דינה אָפּגעזיפצט.

זי האָט אָנגעצונדען דעם עלעקטרישען לאָמפּ און געבעטען אָסקאַר'ן זיצען. ער איז אָבער געשטאַנען ווי פריהער, מיט'ן האַנד אויפ'ן ווענטעל פון שטול אָנגעשפּאַרט. מיט אַמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו דינה'ן און אָנגענומען איהרע ביידע הענד:

— איהר זענט נאָך יונג און פריש, צו־וואָס זאָלט איהר לײַדען?

עס האָט זיך געפיהלט אַ וואַרמער און מיטפיהלענדער טאָן אין זײַן שטים, עטוואָס, וואָס האָט איהם מיט אַמאָל נאָהענט און אינטים געמאַכט מיט דינה'ן.

דינה האָט איהם אָנגעקוקט איבעררעשט, האָט איהם אָפּגעשטויסען פון זיך און אַליין געזוכט זיך אָפּצורוקען צום ווינקעל.

— געהט, איך בעט אײַך... קומט אַנ'אַנדערס מאָל.

אָסקאַר האָט איהר אָנגעקוקט אַ שווייגענדער, האָט לאַנגזאַם אָנגעטון זײַן רעגענמאַנטעל, טיף אַראָפּגערוקט דעם קאַפּושאָן איבער דער הוט און איז אַרויס־געגאַנגען זאָגענדיג אַ קאַלטען „גוט־נאַכט„!

סוף הערבסט. די טעג זענען מטושטש'ע און די פאַרנאַכטען — בלייך־ראָ־זעווע און קרענקליכע, ווי אַ חולה וואָס איז אַקאַרשט פון אַ קראַנקהייט אויפגע־שטאַנען.

אין די פריהמאָרגענס האָט די זון אָנגעפּולט שלאָפבערגס צימער מיט ליכט און אַוואַרען וואָס די גאַרדינען האָבען אָפּגעשלאָגען. די אַוואַרען האָבען זיך געלעגט אויף די רײנגעוואַשענע דילען, אויף שלאָפבערגס בעט און אָפּטמאָל אויף זײַן אײַנגעטריקענט, געל פּנים. קוקענדיג צום פענסטער און זעהענדיג פאַר זיך אַ שטיקעל בלויען הימעל איבער'ן דעכעל פון שכנה'שען הויף און די דיקע צווייגען פונ'ם אַמבו, וואָס האָבען זיך געשאָקעלט פאַר'ן פענסטער, פלעג שלאָפ־

בערג זיך דערמאנען אן די זונטאגען, ווען ער פלעג ניט גען אין געשעפט אריין און אויפ׳ן הארצען איז געווען אזוי אויפגעלעגט, אזוי יום־טוב׳דיג. מיט אראפגע־לאזטע שלייקעס און איין אויבערהעמד, פלעגט ער ארומשפאנען איבער די צימערן, כאפען א קוק אריין אין קיך וואס פאר א מאכלים דינה מאכט צו מיטאג, און אפטמאל זיך פארגינען, ביי דער געלעגענהייט, איהר אויף די הענד ארויסטראגען אין צווייטען צימער... האט אנגעהויבען ווערען טונקעלער און די אווארען זענען פערשוואונדען, האט שלאסבערגס פנים בעקומען א בייזען אויסזעהען. דאן פלעג ער זיך הייסען דערלאנגען פאפיר מיט טינט און ליגענדיג שרייבען בריעף צו זיינע פריינד אין נארד־אמעריקא. ער האט אבער קיין איין בריעף ניט אוועקגע־שיקט. ער האט אנגעשריבען א בריעף צו זיינער א מומע, וואו ער האט איהר אנגעזאגט איהרע קינדער זאלען זאגען קדיש נאך איהם, האט פערקלעפט דעם בריעף, אנגעשריבען דעם אדרעס און ארונטערגעלעגט אונטערן קישען. אזוי האט ער געהאט פילע בריעף וואס ער פלעג דערנאך עפענען און פאר זיך אליין לייענען.

צוויי מאל אין וואך פונקטליך פלעג קומען דער דאקטאר, און יעדעס מאל האט ער איהם געטאפט דעם דופק, געמאסטען די היץ, האט אויפגעהויבען דעם קאפ, בעטראכט דעם צימער און געזאגט:

— לופט! איהר מוזט האבען א סך לופט!

שלאסבערג פלעגט קוקען מיט א שפאטישען שמייכעלע אויפ׳ן דאקטאר, ווי איינער זאגט: „א נו, ווייז א קונץ און הייל מיך אויס... קענסט ניט!..

ער פלעג זיך דאן פיהלען אין גוטען הומאר, ווי איינער וואס האט זיך שוין איינגעלעבט מיט זיין שיקזאל, און איז געווארען היימיש מיט זיין קראנקהייט. אין די אווענדען איז שלאסבערג געווען גאר איין אנדערער, עס איז ניט אוועק־געגאנגען קיין האלבע שטונדע, ער זאל ניט האבען גערופען דינה׳ן א פאאר מאל; דא איז איהם אראפגעפאלען די קאלדרע פון די פיס און דא, דוכט זיך איהם, אז אין פלייצע בלאזט איהם א קעלט. דינה פלעגט יעדער מאל ארויסקומען פון איהר צימער און געזעהן די טיר פעסט צו פערמאכען, האט אפגעטון איהר ארבייט און איז צוריק אוועק א שוויינענדע און אפטמאל — א צושויבערטע, ווי זי וואלט געווען אין עפעס שטארק פערטון און דעריבער איילט זי זיך.

דארטען ביי איהר אין צימער, איז אווענד נאך אווענד געזעסען אסקאר. שלאסבערג האט איהם ניט געזעהען, ער האט איהם אבער געפיהלט מיט זיין נשמה. אפטמאל, ווען דינה האט געעפענט די טיר פון איהר צימער, האט שלאס־בערג בעמערקט א לאנגען שאטען אויף דער וואנט זיך באוועגען און פערשוואונדען, דאן פלעג זיך איהם עפעס אנצינדען אין מח און ער פלעג שרייען:

— טרייב ארויס דעם פערפיהרער!

— וואס׳ער פערפיהרער? וואס רעדסטו זיך איין? — פלעג זיך דינה בייזערען.

שלאסבערג פלעגט איהר אפברענען מיט זיין בליק, זיך אומקערען מיט׳ן פנים צום וואנד און זיך מאכען שלאפענדיג. ווען דינה איז צוריק אוועק אין איהר צימער, פלעגט ער אנשטעלען די אויערען און זיך איינהערען אין יעדער שארך, אין יעדער ריהר, וואס איז געקומען פון יענער זייט וואנט.

דארטען, בײ איהר אין צימער, פלעגט אסקאר זיצען דורך די נעכט. דינה האט זיך איהם איבערגעגעבען אהן א װידערשטאנד; זי האט װי מורא געהאט פאר איהם און מיט א ציטער, און אפטמאל שרעק, זיך געװארפען אין זײנע ארעמס. פיל מאל, שפעט בײ נאכט, װען דינה איז מיט אסקאר׳ן אין בעט געלעגען, פלעג זי אױפציטערען און א לײכטען קװיטש טון: עס פלעג זיך איהר דאכטען, אז שלאסבערג, איהר מאן, האט בעריהרט איהר לײב מיט זײנע קאלטע, בײניגע פינגער. פון שלאסבערגס צימער פלעג זיך דערהערען א פערשטיקט הײזעריג קול:

— איך שטארב נאך ניט!...

עס פלעגט איהר קלאפען א צאן אן א צאן, און א שטיק צײט נאך דעם פלעג זי ליגען א פערפרױרענע אין בעט.

פארטאג פלעגט אסקאר מיט שטילע טריט זיך ארױסשלײכען פון צימער אהן א „גוטען טאג״.

דינה פלעג נאך לאנג ליגען אין בעט א װאכעדיגע; זי האט געפיהלט, אז זי האט פארלױרען איהר איך, אז זי עקזיסטירט ניט, אז עפעס א אונבעװאוסטע קראפט װאס אסקאר בעזיצט אין זײנע אױגען און אין גאנצען אױסזעהן פון זײן פנים, האט איהר בעהערשט. זי קאן זיך ניט װידערשטעלען, זי קען ניט זאגען „נײן״, װען אסקאר גיט אױף איהר א קוק מיט זײנע ברױנע אונבעװעגליכע אױגען, און קלערענדיג װעגען דעם, פלעג זי זיך פלוצים צעװײנען הױך אױפ׳ן קול; זי האט זיך געפיהלט װי א שפילצײג אין זײנע הענד... און װער איז ער, אט דער אסקאר? זי האט איהם ניט געקאנט און זי װיל אפילו איהם ניט קאנען. איהר דאכט זיך אז זײן פערגאנגענהײט דארף זײן א שרעקליכע, נאר זי װיל ניט װיסען װער און װאס ער איז.

אין אײנעם א אװענד, װען אסקאר איז געקומען, האט איהם דינה אױפגענומען א ברוגז׳ע. זי האט זיך אײנגעקארטשעט אױף דער סאפקע און ניט געװאלט רעדען; זי האט געװאלט אז אסקאר זאל זיך בײזער׳ן, ער זאל איהר זאגען עפעס שלעכטס און זי זאל דאן ארױסשפרינגען און איהם אױפװארפען אז זי װײסט ניט װער ער איז, אז קען ניט זײן פערגאנגענהײט. אז זי דענקט אז זײן פערגאנגענהײט דארף זײן א שרעקליכע, אז ער איז א דעספאט... זי האט אלײן ניט געװאוסט פארװאס אײגענטליך איצט איז זי בײז אױף איהם; עס האט איהר אבער געמאטערט א געדאנק אז זי איז זײנע, אינגאנצען זײנע און זי האט געװאלט זיך פרובען געגענשטעלען.

אסקאר האט אומגעשפרײזט איבער׳ן צימער און פון צײט צו צײט געװארפען א קוק צו דינה׳ן. ער איז מיט אמאל בערעדעװדיג געװארען.

— ער, אסקאר, איז א מענש װאס האט אומגערײזט א װעלט; ער איז געװען אין עגיפטען, אין יאפאן, אין אינדיען און אין די ענגלישע קאלאניעס פון זיד-אפריקא...

זײן קול האט איהר געקלונגען אנגענעם און זי האט געװארפען בעהאלטענע בליקען אױף איהם.

ארומגעהענדיג איבער׳ן שטוב, מיט די הענד אין די קעשענעס, װי בײ זיך

אין דער היים, האט אסקאר געהאלטען אין איין רעדען.

— אין אפגאניסטאן האט זיך אין איהם פערליבט א פרינצעסען, א פרוי וואס האט געהערשט איבער א מעכטיגען שבט. וואס האט די דאזיגע פרוי ניט אפגעטון, כדי זי זאל געווינען זיין ליבע. זי האט אויף איהם אנגעשטעלט מענשען מען זאל איהם נעמען מיט געוואלד, עס האט אבער ניט געהאלפען — ער האט מיט איהר ניט געוואלט לעבען. פארוואס?... פאר איין קלייניגקייט: ער האט פיינט טונקעל־הויטיגע פרויען.

— ער, אסקאר איז א מענש וואס האט שוין פיל דורכגעמאכט אין לעבען; ער האט מיט פיל פרויען געהאט אינטימע קענטשאפט, אבער דאס זענען אלץ געווען אזעלכע פרויען וועלכע האבען פערנומען א קליינעם פלאץ אין זיין נשמה — עס איז געווען א צייט פערטרייב. זי דינה אבער, פולט אוים אלע ווינקעלעך פון זיין איך. ער האט נאך ביי קיינעם ניט געפונען אזוי פיל רייץ, אזוי פיל שענקייט ווי ביי איהר.

דינה האט איהם אויסגעהערט און זיך ניט געריהרט פון דער סאפקע, זי האט געשמייכעלט פאר זיך, און ווען ער האט געוואלט אריינקוקען אין איהר פנים, אנבויגענדיג זיך צו איהר, האט זי געמאכט א שטרענגע, קאלטע מינע.

אסקאר האט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר אויף דער סאפקע.

שלאסבערג איז זיך געלעגען אין בעט און זיך איינגעהערט צום נערוועזען אומשפאנען אין יענעם צימער. זיין קראנקער מח האט געברענט. מיט דער פונקט־ליכסטער דייטליכקייט האט ער זיך פארגעשטעלט אסקארס אומשפאנען. דערנאך, ווען עס איז שטיל געווארען, האט ער געפיהלט ווי ער גליווערט, ווי דער אטעם שטארבט ביי איהם אפ. ער האט זיך פארגעשטעלט ווילד שענדליכע בילדער: אין טונקעלען שיין פון זיין צימער האבען זיך געוויסט פאר זיינע אויגען דינה׳ס און אסקארס נאקעטע קערפערס איינגעפלאכטען איינס אין צווייטען.

א גיפטיגער כעס האט אויפגעברענט ביי איהם אין הארצען. ער האט געחלום׳ט פון נקמה, פון א משונה׳דיגע, ווילדער נקמה. ער שטעלט זיך פאר, אז ער איז אינקוויזיטאר און הייסט זיינע מענשען פייניגעןביידען — איהר מיט יענעם אומבעקאנטען... און אט טוט מען זיי אוים נאקעט, מען בינדט זיי די הענד אהינטער און מיט לאנגע דינע בייטשען שמייסט מען זיי... עס רינט דאס בלוט פון זייערע לייבער; און אט שמייסט מען איהר דינה׳ן איבער די בריסטען... זי שרייט שרעקליך און ער, שלאסבערג, קוקט מיט א קאלטען שמייכעל אויף איהר: „וועסט זיין אונטריי! וועסט זינדיגען?!“ שרייט ער איהר אין אויער אריין. די בייטשען פייפען איבער זייערע קערפער און לאזען איבער בלוטיגע שטרייפען...

און אט שטעלט ער זיך פאר, ווי ער געהט פלוצים אין צימער אריין צו זיי; ער איז שטארק ווי בחור־ווייז. ער איז נאך שטארקער. ער נעמט באלד אן יענעם אומבעקאנטען און גיט איהם א קעהר איבער, און עס געדויערט ניט קיין פינטעל מיט׳ן אויג, שטעקט ער יענעם אין הארצען אריין א שארפען לאנגען מעסער... דערנאך שטופט ער דאס מעסער אלץ טיפער, טיפער, ביז דער שפיץ קריכט דורך דער פלייצע דורך.. און דאן נעמט ער זיך צו איהר, צו דינה׳ן...

מיט איהר מאכט ער ניט קיין גרויסע קונצען... ארומגענומען די פינגער ארום העלזל און פארטיג... און גלייך אין דיין רוה אריין...

שלאסבערג האט געמאכט מיט די ליפען, ווי ער וואלט עפעס געקייעט מיט גרויס הנאה.

פון יענעם צימער האט זיך פלוצים דערהערט א קלינגענדער קוש. שלאסבערג איז ווי פארשטיינערט געווארען. א קאלטער שווייס איז איהם בעפאלען. ער האט זיך מיט אמאל ווי אויסגעניכטערט; עס איז איהם פלוצים קלאר געווארען עפעס, וואס ער האט די גאנצע צייט אזוי קלאהר ניט געקענט בעגרייפען. ער איז געווען ביי זיך זיכער אז דינה לעבט מיט'ן פרעמדען, ער האט זיך עס אבער פארגעשטעלט ווי דורך א נעבעל, ווי זיין אייגענע פאנטאזיע וואלט עס געשאפען. און דאס איז געווען ענג פארבונדען מיט אלע מארנע איבערטראכטונגען און חלומות זיינע. אין יענער רגע אבער איז דער געדאנק, אז זיין ווייב לעבט מיט א צווייטען אויף יענער זייט וואנט און ער איהר מאן, ליגט דא אוןווארט מי־נוטענווייז אויפ'ן טויט, שארף און בולט ארויסגעטראטען. די דאזיגע לאגע זיינע איז איהם איצט אויסגעקומען ניי, ווי ער וואלט דאס אקארשט דערפיהלט.

— פערברעכען... פערברעכען...— האט ער געמורמעלט און זיינע אויגען האבען געגליהט, ווי אנגעברענטער אייזען.

דורך זיין מח האט זיך אין איין רגע דורכגעטראגען דאס גאנצע לעבען זיינס; די חתונה מיט דינה'ן, ווען ער איז מיט איהר אונטער דער חופה געשטאנען, האט זיך פאר איהם בולט געמאלט אויפ'ן טונקעלען, ראזעווען הינטערגרונד פון זיין צימער, גלייך די חופה וואלט ביי איהם אין צימער געוועזען. און אט זעהט ער זיך נאך פאר דער חתונה, ווען ער פלעג בחור־ווייז אריינקומען צו דינה'ן אין דער היים, ביי איהרע פריינד, ווי זיכער ער איז געווען אז ער האט אויסגעפונען דאס בעסטע צווישען אלע פרויען. ער האט זיך באלד פערגעסען אין דעם און איהם האט זיך געדאכט ווי ער פאלט ערגיץ אין א טיפען תהום און ארום איהם הערשט א פינסטערניש. ער האט געפיהלט ווי עטוואס גליווערענדעס קומט איהם צו צום הארצען; לאנגזאם קומט עס צו, פון די פיס ארויף, העכער... און אט וועט ער באלד דעם אטעם ניט קאנען כאפען. א אונקלארער געדאנק פון טויט האט איהם בעהערשט. אין דער רגע איז ער געווען זיכער אז ער שטארבט, כאטש עס האט איהם קיין זאך ניט וועה געטון, און ער האט זיך געפיהלט ניט איבעריג שלעכט... א מארנע שווערקייט איז איהם געלעגען אויפ'ן גאנצען קערפער און דער עיקר אויפ'ן הארצען, און דאס איז געווען דאס איינציגע וואס האט איהם געמאכט ווי אומבעקוועם.

אין טיפען גרונד פון זיין בעוואוסטזיין האט זיך נאך געמאטערט א געדאנק; א געדאנק וועגען דינה'ן און וועגען אומבעקאנטען, אבער אזוי אונקלאר, אזוי צעפיצעלט, אז עס האט ניט געהאט קיין בעשטימטען אינהאלט. נור אט האט אויפגעשיינט א ליכטיג פינטעלע וואס ווערט אלץ העלער און העלער, און שלאסבערג האט ווידער דערזעהן פאר זיך די קאנטורען פון זיין צימער און דעם ראזעווען עלעקטרישען לעמפל אין דעם שטיקעל זייט פערוויקעלט.

דער געדאַנק וועגן דינה׳ן האָט ווידער אויפגעבליצט אין זיין מח מיט אַ מאָדנער דייטליכקייט.

— דינה...— האָט ער גערופען.

זיין קול אָבער האָט ניט געהאַט קיין קלאַנג און איז אָפגעשטאָרבען ביי איהם אין מויל, ווי אין וואַטע. ער האָט באַגריפען אַז זי קאָן איהם איצט ניט הערען, אַז ער רעדט שוין ניט, נאָר זי מוז זיין דאָ ביי זיין בעט, כדי איהם צו בעגרייפען מיט׳ן וואונק. און זאָל זי וויסען וואָס זיין וואונק בעדייטעט, וואָס זיין בליק וועט צו איהר רעדען.

— דינה...— האָט ער נאָכאַמאָל גערופען אָהן אַ קול און זיך אַ וואָרף געטהון מיט אַלע כחות פון בעט אַראָפּ.

שלאָסבערגס פאַלען אויפ׳ן דיל האָט אָפגעהילכט מיט אַ דומפּיגען, פּוסטען קלאַפּ. עס האָט זיך קיין שאָרך ניט געהערט; עס האָט זיך געדוכט אַז דאָרטען אין צווייטען צימער האָט עמיצער דעם אָטעם איינגעהאַלטען און פערגליווערט געוואָרען, אַזאַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום.

דאָס קעציל איז פון ערגיץ צוגעלאָפען צו שלאָסבערגען און זיך אַוועקגעזעצט נעבען זיין קאָפּ.

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר ראַש אויפגעעפענט און אַסקאַר מיט דינה׳ן זענען אַריינגעלאָפען. דינה האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, וואָס האָט געווייהט מיט פרעמדקייט, אַ טרוקען געוויין, וואָס האָט פּוסט אָפגעהילכט אין צימער.

שלאָסבערג איז געלעגען אויפ׳ן פּאָל אין איין העמד, מיט די אויסגעטרוקענטע פּיס צעשפּרייט. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ טויט קינד, ווען ניט דאָס שוואַרץ בערדל מיט די אַראָפּגעהאָנגענע צעפּלאָשעטע וואָנצעס.

אַסקאַר האָט איהם אַריינגעלעגט אין בעט און איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע. שלאָסבערג האָט דעם קאָפּ אַ קעהר געטהון און מיט מאָטערניש געעפענט די אויגען.

אַסקאַר האָט מיט גרויס נייגעריגקייט זיך איינגעגעסען אין שלאָסבערגס פּנים, ווי ער וואָלט וועלען שטודירען די שטריכען פון זיין געזיכט. ער האָט זיך געטראָפען מיט שלאָסבערגס נעבעלדיגען, כמעט בעוואוסטלאָזען, בליק.

דינה האָט מורא געהאַט צוגעהן צום בעט. אַ טיפער אַנגסט איז איהר מיט אַמאָל בעפאַלען. זי האָט מיט שרעק אין די אויגען געקוקט אויף אַסקאַר׳ן און ווי ערוואַרטעט דאָס וואָרט: „שוין״.

עס האָט זיך דערהערט אַ מאָדנער האַרץ-כאָרכלען און אַ אָפגעהאַקטער הוסט, און שלאָסבערג האָט אַ שפּיי געטהון אַסקאַר׳ן אין פּנים אַריין.

אַ גערע שטיק לח׳ע, מיט בלוט-שפּרינקלעך, האָט זיך צוגעקלעפּט צו אַסקאַרס פּנים, נעבען מויל-ווינקעל...

דער גוסס האָט זיך פערקרימט, וואָס איז עהנליך געווען צו אַ שמייכעל און איז אויסגעגאַנגען.

אויף שנעל האָט אַסקאַר זיך אָפּגעווישט דעם פּנים און אַוועקגעוואָרפען דאָס טיכעל.

—צום שוואַרץ יאָהר!—האָט ער זיך געבייזערט און געשעמט קוקען צו דינה׳ן.

דינה איז געזעסען אין א ווינקעל און שטיל געוויינט; ווען זי האט דערהערט דעם שפיי איז זי געבליבען ווי פערשטארצט. א טיפע שרעק איז איהר בעפאלען.

אסקאר איז געשטאנען מיט אנ׳אראפגעלאזטען קאפ. ער האט געהאלטען די האנד ביים באק, ווי זי וואלט איהם שרעקליך וועה געטון. ער האט אויסגע-זעהן מיט א קאפ נידעריגער און עפעס איינגעפאלענער, גיט דער אסקאר.

דאס קעציל האט א פינקעל געטון מיט איהרע פאספאר-אויגען, איז ארויפ-געשפרונגען אויפ׳ן בעט און זיך אוועקגעזעצט ביי שלאסבערגען אויפ׳ן הארצען. ביידע האבען זיי מורא געהאט אראפצעטרייבען דאס קעציל פון שלאסבערגס קערפער. א פערגליווערטע שטילקייט האט געפרעסט די לופט פון צימער.

דינה האט איינגעגראבען דעם קאפ אין די הענד; די אקסלען האבען איהר געציטערט. פלוצים האט דער וועק-זייגער אויפ׳ן טיש אנגעהויבען אונערטרעגליך קלינגען. אסקאר איז צו צום טיש און ארויפגעלעגט די האנד אויפ׳ן גלעקעל. דינה האט זיך איינגעוויקעלט אין איהר שאל און זיך שטיל ארויסגעשלייכט אין איהר צימער. ווען דער זייגער האט אויפגעהערט קלינגען, האט זיך אסקאר אריינגעכאפט אין דינה׳ס צימער, גלייך עמיצער וואלט איהם פערפאלגט, איבער-לאזענדיג דאס קעציל אויף שלאסבערגס ברוסט.

פון דינה׳ס צימער האט זיך פלוצים דערהערט א ביטערער פערצווייפעל-טער יאמער.

נחום

עס איז געווען ארום צעהן אזייגער פריה, ווען נחום האט זיך אויפגעכאפט און באלד דערפיהלט, אז ער איז הונגעריג.

דורך די שפארינעס פון הילצערנעם צימעריל האט זיך ארייגעריסען די זון פון אלע זייטען, און דאס דאזיגע צימעריל איז געווען דורכגעזופט ווי א זיפ מיט ליכט און זונען שטראהלען. עס האט איהם געברענט אין די אויגען פון ליכטיגקייט און דער קאפ פון א סך שלאפען, איז איהם אנגעגאסען געווען ווי מיט בליי. ער האט זיך פויל אויפגעהויבען פון בעטעל, און דערביי האבען זיך די שפרוזשינעס אויפגעבלאזען און ארויסגעשטופט קנוילען וואל פון צוריסענעם מאטראץ.

ער האט גענומען דעם האנדטוך און זיך געגאנגען וואשען; איידער ער איז ארויס אין הויף האט ער פארזיכטיג געעפענט דעם לאדענדיל פון שויב-טירל און ארויסגעקוקט און הויף ארויס, צי דרעהט זיך ניט ארום די „ענקארגאדיכע”, ווייל ער האט שוין דריי מאנאט קיין דירה-געלד ניט געצאהלט און געשעמט זיך צו ווייזען דעם פנים פאר איהר... צודריקענדיג דעם קאלטען שטערען צום שויב האט ער געקוקט אין הויף. די שטעזשקע, וואס האט געפיהרט פון געפלאסטערטען הויף צו זיין צימעריל, איז געווען פערשאטען מיט בלעטער פון פייגענבוים, וואס האט צוגעגעבען דעם הויף א אויסזעהן פון א דאטשע. נאר דארטען, וואו דער ענקאר-גאדא האט געוואוינט, אין דעם ערשטען הויף, איז געווען אויסגעפלאסטערט און ריין אפגעקערט. די זון האט זיך אפגעשפיגעלט אויף די מאסאיקעס; א שטילקייט וואס אטעמט מיט פוילקייט און זון איז געלעגען אויף אלעם אין הויף, אפילו אויף די ברייטע בלעטער פון צעוואקסענעם פייגענבוים. אויף א צווייג פון דעם דאזי-גען בוים איז געווען אנגעבונדען א הוידעלקע, און ראסיטא, דעם ענקארגאדאס טאכטער, א מיידעל פון א יאהר זעכצעהן, מיט שווארצע קורץ-געשווירענע האר, האט זיך געהוידעט.

דערזעהען, אז קיינער אויסער ראסיטען איז ניטא אין הויף, האט נחום בעשלאסען, אז ער האט א גוטע געלעגענהייט ארויסגעהן וואשען זיך. ער האט געכאפט א האנדטוך און איז צוגעלאפען צום קראנט, זיך שנעל אפגעשווענקט און ארייגעכאפט זיך צוריק אין זיין צימעריל. ווען ער האט זיך פערקעמט און אנגעטון, האט ער נאך שטארקער דערפיהלט אז ער איז הונגעריג, אבער ער האט גארניט געהאט אין שטוב און קיין געלט צו קויפען אויך ניט, האט ער פעררוי-בערט א האלבען פאפיראס און זיך ניט געמאכט וויסענדיג אז ער איז הונגעריג...

אין דער גרויסער שטאדט בוענאס איירעס איז אנגעפיהרט געווארען א פער'עקשן'טער שטרייק, וואס האט זיך שוין געצויגען דריי מאנאט אהן א רעזול־טאט. פיעלע פאמיליעס האבען געהאלטען ביים אויסגעהן פון הונגער און דער ענטוזיאזם איז ניט געפאלען. אלע טאג זענען אפגעהאלטען געווארען פערזאמלונגען, וואו דער פיהרער פון די שטרייקער האט געהאלטען בעגייסטערטע רעדעס און דערצעהלט, אז זיי מוזען זיגען.

ער, נחום, איז אויך געווען איינער פון די שטרייקער, נאר ער האט זיך די גאנצע צייט ניט געקענט פאנאנדערקלייבען אין די פערפלאנטערטע „בעדינגונ־גען" איבערהויפט פון די אידישע ארבייטער און בעל־הבתים, און וואו עס הויבען זיך אן די „קלאסען אינטערעסען" און וואו זיי לאזען זיך אויס און פערשטעהענדיג, אז ער איז נאך דא א גרינער, פערוואָרפען פון זיין היים אין רוסלאנד, דא אין דער ברייטער, פרעמדער בוענאס איירעס, האט ער זיך אין גאנצען פערלאזט אויף דעם פיהרער, אז ער וועט שוין מן הסתם דורכפיהרען אלעס אין בעסטען ארד־נונג. דערוויילע שטרייקט ער און געהט א טאג איבער א טאג אויף די פערזאמ־לונגען און עסט אויף איין ברויטעל אין צוויי טעג. קיין שטארקען הונגער אבער פיהלט ער ניט, נאר א מאדנע קלעמעניש און נאגעניש פלעג איהם בעפאלען ביז צום אויסגעהן.

ווען ער האט אויסגערויכערט דעם האלבען פאפיראס, האט ער בעשלאסען צו געהן אויף א פערזאמלונג פון די שטרייקער. ער האט דעריבער א קוק געטהון אין פענסטעריל צי קיינער איז ניטא אין הויף, האט געמאכט א שטרענגע מינע און זיך געלאזט געהן מיט דער שטעקע צום הויף־טיר.

ער איז פערבייגעגאנגען דעם ערשטען צימער פון'ם ענקארנאדאס וואוינונג און עס האט איהם עפעס א ציה געטהון אריינצוקוקען אין דער אפענער טיר כאטש ער האט מורא געהאט זיך טרעפען מיט די בליקען פון דער בייזער ענ־קארנאדיכע. אין צימער איז קיינער ניט געווען, אויפ'ן טעפיך איז דאס הינטעל „משיטשע" געשלאפען צונויפגעדרעהט אין א קנויל. ער איז פערבייגעגאנגען דעם צווייטען צימער און דארטען איז אויך קיינעם ניט געווען. דאס איז געווען דער עס־צימער און אויפ'ן געדעקטען טיש איז געשטאנען א פאלימעסיג מיט אנ'אפ־געבראטענער הון און א פלאש וויין. ווען ער איז פערבייגעגאנגען דעם דריטען צימער און געוואלט עפענען די טיר פון הויף־קארידאר, האט איהם די דיקע ענקארנאדיכע פערשטעלט דעם וועג ארויסלויפענדיג פון דער סאלע.

די ענקארנאדיכע איז געווען א דיקע מאדאם, מיט א גרויסען קאפ פרעמדע האר, מיט געלע קאמען און א גאלדענע בראש.

— וואס וועט זיין? — האט זי איהם דעם וועג פערשטעלט — מיר דארפען געלד, אומזיסט וואוינט מען ניט אין קיין דירה.

נחום האט ערשט בעמערקט, אז הינטער איהר איז געשטאנען איהר מאן, סעניאר שטופעלמאן, א דארער בייניגער אידעל, מיט לויפיגע אויגעלעך און א געל אפגעבלאקירט פנים.

ראסיטא איז אראפ פון הוידעלקע, איז צו צום רעדעל און געקוקט מיט מיטגעפיהל צו נחום'ן.

איהם האט מעהר פון אלעם פערדראסען, וואס דאס מיידעל קוקט אויף איהם מיט מיטגעפיהל, גלייך מען דארף אויף איהם רחמנות האבען.

ער האט געווארפען א שטרענגען בליק צו דער ענקארגאדיכע און זיך גע-לאזט געהן צום טיר.

— איהר וועט געהען פון דאנען! איהר׳ט געהן!— האט דער סעניאר שטופעלמאן איהם נאכגעשריען.

עס האט איהם געשווינדעלט פאר די אויגען און ער האט אליין ניט גע-וואוסט ווי אזוי ער האט זיך געפונען אויפ׳ן גאס. אין דרויסען האט ער זיך דער-פיהלט פרייער. עס איז געווען היים און איבערנאטירליך ליכטיג. עס האט איהם אזש וועה געטון די אויגען פון ליכטיגקייט. די גאסען האבען זיך ווי געשמאלצען אונטער דער היץ. די איינשטאקיגע הייזער האבען זיך געבאדען אין שפראהלען.

צו ערשט האט ער זיך געלאזט געהן צו זיין חבר נאך פאפיראסען. זיין חבר פנחס איז קיינמאל ניט געווען אין דער היים, זיין צימעריל אבער איז געווען תמיד אפען פאר נחום׳ן, און כאטש ער האט דארטען קיינמאל ניט געפונען קיין סמן פון ברויט, ווייל פנחס אליין האט ניט געהאט וואס צו עסען, האט ער אבער דארטען געטראפען פאפיראסען. זיין חבר פנחס האט ניט גערויכערט און נחום האט אליין ניט געוואוסט פון וואנען עס קומען צו איהם פאפיראסען, א גאנצער שקארמוץ מיט פאפיראסען. ער האט איהם אבער ניט געוואלט פרעגען כדי ער זאל זיך ניט כאפען, אז אלע טאג ווערט דער שקארמוץ לעדיגער...

פנחס צימעריל איז געווען אויפ׳ן צווייטען שטאק, א בעזונדערס, מיט א גארן הילצערנע טרעפ, וואס האט געפיהרט גלייך אין צימעריל אריין. ארויפגעהן איז אבער געווען שווער, ווייל די טרעפ זענען געווען צובראכען, אז עס איז געווען א מורא א פוס צו שטעלען, האט מען זיך געמוזט ארויפציהען אויפ׳ן פארענטש און זיך דראפען אזוי לאנג ביז מען האט אנגעכאפט די קליאמקע פון טיר...

ווען נחום איז ארויפגעקראכען אין זיין חבר׳ס צימעריל, האט ער זיך ארום-געקוקט און ווי אלע טאג גארניט געפונען. אויפ׳ן טיש איז געשטאנען א טשייניק, וועלכער איז נאך געווען לעבלעך, און א גלאז מיט א ביסעל געלבליכען טיי. עטליכע ברעקלעך האבען זיך געוואלגערט אויף די בלעטער פון א אפענעם ביכעל. אויף א צונויפגעלייגטען צייטונג איז געלעגען דער שקארמוץ מיט פאפיראסען, נחום האט אריינגעשטעקט די האנד און ארויסגענומען א גאנצען הויפען... און מארגע, ער האט זיך ניט געפיהלט שולדיג וואס ער רויכערט אויס זיין חבר׳ס פאפיראסען אהן זיין וויסען. ער האט נאר געוואלט אז דער שקארמוץ זאל זיך קיינמאל ניט אויסשעפען... און ווען ער פלעג זעהן ווי דער שקארמוץ ווערט פון טאג צו טאג לעדיגער, פלעג ער פיהלען ווי איינער, וואס זעהט ווי פאר זיינע אויגען פארשווינדעט לאנגזאם א גרויס גליק.

ער איז אוועק אויף דער פערזאמלונג מיט א פולע קעשענע פאפיראסען.

די זון איז שוין געשטאנען הויך אין הימעל. עס איז געווען אונערטרעגליך היים. דער אספאלט פון די גאסען האט זיך געקנאטען פון ווארימקייט. דער עולם אין גאס האט זיך בעוועגט פויל, בעגאסען מיט שוויים.

נחום האט געפיהלט א שוואכקייט אין גאנצען קערפער, גלייך ער וואלט אקארשט אויפגעשטאנען פון א קרענק. און אין הארצען האט אלץ גענאגט, טויט-ליך גענאגט. פאר די אויגען איז איהם געשטאנען א נעבעל, און ער האט קוים געזעהן די גאס פאר זיך.

דאך טיף אין הארצען איז ער געווען צופרידען מיט זיך. ער איז געווען צופרידען וואס ער איז איינעה אליין אין א פרעמדער וועלט, וואו קיינער ווייסט נים פון זיין עקזיסטענץ, פון זיין ליידען. ער, נחום, געפינט זיך איינער אליין אין ארגענטינע, אין דער דאזיגער ווייטער, כמעט אומבעקאנטער לאנד. און אט געהט ער ארום איבער די ציכטיגע אפענע גאסען פון דער גרויסער שטאדט, א פרייער און א פרעמדער, און די זון פון דער דאזיגער שטאדט איז אזוי פייעריג הייס און אנציהענד, אז זי מאכט פערגעסען אן הונגער... ער האט געגלויבט פאטאל אין א געוויסען מאמענט, וואס וועט קומען און איהם גליקליך מאכען. עס איז אונמעגליך, אז אין דער דאזיגער זוניגער לאנד זאל מען אליין קיין זון נים ווערען...

וועגען דעם דאזיגען געדאנק האט ער שוין פון לאנג געקלעהרט, און תמיד האט ער עס פערבונדען מיט אן אונקלארען פראפיל פון א פריילין, וואס ער האט געזעהען אין זיין דמיון. דעם פראפיל פון דער דאזיגער פריילין פלעג ער ארויסרופען אין זיין פאנטאזיע יעדען מאל, ווען ער האט זיך געפיהלט שוין צו שוואך, אזוי, אז עס מוז קומען צו עפעס א סוף.

האט ער געוואלט, האט די דאזיגע פריילין אומגעדרעהט צו איהם איהר פנים און צוויי שווארצע אויגען, פון דער דונקעל ארויס, האבען צו איהם ליבליך געקוקט. אין דעם האט ער געפונען א גרויסע האפענונג, עס וועט מיט איהם עפעס פאסירען וואס וועט איהם מאכען אונאבהענגיג פון אלעמען, און ער וועט ווערען גרויס, און דאס דאזיגע, וואס וועט פאסירען וועט האבען א שטארקע פערבינדונג מיט יענער פריילין...

ווען ער איז געקומען אויף דער פערזאמלונג, איז שוין דער סאלאן געווען פול. מען איז געזעסען אויף די בענקלעך, אויף די פארענטשען און מען האט זיך אויסגעשטעלט אין דער גאנצער לענג פון ביידע זייטען ווענט. אויף דער ביהנע איז געשטאנען דער אנפיהרער פון שטרייק און געהאלטען א רעדע.

דאס איז געווען א נידעריג מענשעל מיט ברייטע אקסלען און קורצע נער-ווענע הענד; זיין גרויסער קאפ, אין גאנצען ליסע, וואס האט געגלאנצט ווי א ביינערנער באל, איז ווי איינגעקרעמפפט געווען אין קורצען האלז. עס האט זיך געדאכט, אז דער קורצער האלז ציהט דעם קאפ און לאזט עס נים ארויפשפרינגען פון די אקסלען. ער האט געהאט גרויע, לויפענדע אויגען; און מען האט נים געקענט בעמערקען אויף איהם צי לאכט ער צי בייזערט ער זיך, אזוי בעווועגליך און פערקרימט איז געווען ביי איהם דער פנים, און די געלע וואנסעס זיינע האבען זיך געשאקעלט ווי זיי וואלטען פאטאקעוועט דאס אלעס וואס ער רעדט. און גערעדט האט ער זעהר הייס און ענטוזיאסטיש; ער האט גערעדט פון דעם זיג וואס די ארבייטער וועלען אפהאלטען איבער די קאפיטאליסטען. די פערזאמלונג האט שפיל אויסגעהערט דעם רעדנער, מיט אראפגעלאזטע קעפ, ווי יעדער

װאָלט געװען פּערטיפּט אין די געדאַנקען װאָס דער פּיהרער זאָגט אַרויס.

די פערזאַמלונג איז געװען אַ אידישע, װייל דער שטרייק איז געװען אַ אידישער. אידען מיט בערד האָבען אויסגעהערט דעם רעדנער מיט ישוב הדעת, ניט מיט איילעניש און װיילענװייז האָבען זיי צוגעשאָקעלט איינשטימיג מיט די קעפּ.

נחום האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם פּיהרער זייערען און די בעל־הבתים, איינגעקרעמפּט איינעם דעם צװייטען אין די העלזער און איינער װיל דעם צװייטען דערשטיקען, אָדער אומװאַרפען. דער קאַמפּף איז אַ ביטערער און איינער װיל דעם צװייטען ניט נאָכגעבען. נאָר װאָס טוט ער דאָ? ער, נחום? װאָס האָט ער פאַר אַ שייכות מיט זיי?

איהם ערװאַרט דאָך אַ גרויס גליק װאָס מוז קומען, אויב ניט היינט איז מאָרגען, אָבער קומען מוז דאָך עס. די פערזאַמלונג װערט ביסלעכװייז צושװאָומען פאַר זיינע אויגען, ער קען שוין ניט אונטערשיידען פּון פּנים צו פּנים, און דער רעדנער װאָס שטעהט אויף דער ביהנע, האָט איהם דערמאַנט אַן עפּעס אַ מע־כאַניזם, װאָס מאַכט משונה׳דיגע בעװעגונגען און גיט דערביי אַרויס אַ הייזעריגען רױשען.

עס איז איהם דונקעל געװאָרען פאַר די אויגען און אַלעס האָט זיך אויס־געמישט אין אַ מיש־מאַש. דער סאַלאָן מיט די פערזאַמעלטע האָבען זיך אװעק־גערוקט אין הינטערגרונד און פון דאָרטען, פון יענעם רױשענדיגען, טומעלדיגען כאָאַס, האָט אַרויסגעשװעבט דאָס געשטאַלט פון יענער פריילין. און דאָס געשטאַלט שמייכעלט צו איהם, לאַשטשעט איהם מיט׳ן בליק. און אַט זעהט ער שאַרפער איהרע אויגען, װאָס זאָגען צו איהם: „מוט, אַ סך מוט! אין קורצען װעסטו אויס־געלייזט װערען״.

אַ גערודער פון בענקלעך און געשריי האָט איהם װי אויפגעװעקט.

עטליכע אַרבייטער זענען אַריין אין סאַלאָן, בלייכע און צורודערטע; זיי האָבען געהאַלטען אין איין רעדען אַלע מיט אַמאָל און איינער האָט דעם צװייטען געװאָלט איבערשלאָגען. דער עולם האָט זיך אַ ריהר געטון פון די בענקלעך און אַלע פּנים׳ער האָבען זיך אויסגעדרעהט צום טיר.

נאָך אַ לאַנגע װיילע פון טומעלנעם האָט מען זיך דערװאוסט, אַז אַ בעל־הבית איז זיך געקומען „אונטערגעבען״.

און טאַקע באַלד איז דער בעל הבית אַריינגעקומען אין סאַלאָן.

דאָס איז געװען אַ איד פון אַ יאָהר פינף און פערציג, מיט אַ צעאַקערט פערטרוקענט פּנים, מיט אַ בערדיל און װאָנסעס פון אַ אונבעשטימטען קאָליר, עהנליך צו אַלטען טאַבאַק, און בלינד אויף אַ אויג... דאָס זעהענדיגע אויג זיינע איז געװען אַנגעצונדען װי אַ קױהל און געקוקט אויף אַלע זייטען גלייך װי זי װאָלט װעלען פערהיטען פון אַן אומגעריכטען קלאַפּביידע אַקסלען פון בעל־הבית. די אַרבייטער װאָס האָבען זיך אַרום איהם אַרומגעקליבען, האָבען אַנגעקוקט זייער „שונא״ מיט גרויס פערװאונדערונג, אויסגעמישט מיט אַ געװיסען שטאָלץ: פאַרט געקומען צו זיי אין סאַסיעדאַד זיך „אונטערגעבען״.

נחום איז צוגעגאַנגען צום רעדנער; ער האָט איהם געקאַנט, דעם „בלינדען״,

ער האָט אַמאָל געאַרבײט בײַ איהם. דאָס איז געװען אַ פּערביסענער איד און אַ אײַנגעעקשנ'טער בעל הבית. און איצט האָט ער איהם דערמאָנט אָן אַ פֿערװאונדעטע חיה'לע פֿערטחיבען אין אַ װינקעל, װאָס קריצט שטילערהײד איהרע שאַרפֿע צײנדלעך פֿון שרעק און כעס.

אפשטאָל, אין פֿינסטערען פֿעררױכערטען טאָזשערעל, אין אַ „שפּעזקע", װען מען האָט געריסען די אַרבײט פֿון די הענד, איז דער דאָזיגער „בלינדער" פּלוצלינג אױסגעװאַקסען געװאָרען אין נחומ'ס אױגען. ער פֿלעג דאַן בעװײזען אַ װילדע איבערנאַטירליכע גבורה. ער פֿלעג דאַן אַרבײטען פֿאַר צעהן, און זײַן זעהענדיגע אױג האָט ניט דורכגעלאָזט קײן אײן דעטאַל פֿון אַלעס, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין טאָזשער. און נחומ'ן האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיגע גבורה ליגט איצטער צונױפֿגעקאַמקעט און פֿאַרטײעט אין אַלע בעװעגונגען פֿון דעם בעל-הבית, נאָר דאָס זעהענדיגע אױג זײַנע קען זיך ניט פֿאַרשטעלען און ברענט און פֿיבערט.

— איך בין געקומען זיך אונטערגעבען.— האָט דער בעל הבית געזאָגט דעם רעדנער, װעלכער איז צו איהם אַראָפּגעגאַנגען פֿון דער ביהנע.— איך שרײַב זיך אונטער.

— װער האָט בײַ אײַך געאַרבײט?—האָט געפֿרעגט דער פֿיהרער.

— שלמה'לע, אַבראַמעל און חײם באַבעס...

— זײ האָבען געמאַכט אַ טאָזשער פֿאַר זיך— האָט זיך אָפּגערופֿען אײנער פֿון רעדעל— אַ „קאָאָפּעראַטיװע" האָבען זײ געמאַכט.

— װילט איהר נעמען אַנדערע?— האָט דער רעדנער געפֿרעגט.

— זאָל זײַן אַנדערע— האָט דער „בלינדער" געענטפֿערט, און זײַן זעהענדיגע אױג איז אומגעלאָפֿען הין און הער, הין און הער...

נחום האָט זיך שטיל אַרױסגעשלײכט פֿון סאַלאָן און זיך געלאָזט איבער די גאַסען אָהן אַ ציעל. ביז נאַכט האָט ער גאַרניט געקלערט פֿון געהן אַהײם, ניט װעלענדיג זיך זעהן מיט זײַן ענקאַרגאַדאַ. אין קאָפּ האָט גערױשט און דאָס האַרץ האָט גענאָגט, אונטערטרעגליך גענאָגט. ער האָט נאָכאַנאַנד געראױכערט פּאַפּיראָסען.

די זון איז שױן פֿערגאַנגען װײט הינטער די הײזער. איהר רױטער אָפּשײַן האָט געפֿאַרבט די גאַסען מיט טונקעל-רױטע אָזאַרען. די לופֿט איז געװען אַ הײסע און שטיקענדע, עס האָט געשמעקט מיט שמאַלינעס, װי ערגעץ װאָלט מען געבערענט אַלטען פּאַפּיר.

אין גאַס האָט געשפּילט אַ קאַטערינקע. איהרע הײזעריגע טענער האָבען אױסגעקלאַפּט אַ טאַנגאָ. די קינדער האָבען געטאַנצט אױף די טראָטואַרען אונטער טאַקט פֿון די טענער. דער קאַטערינטשיק, אַ קאַליקע, מיט אַ פֿער'שכור'ט פּנים, האָט געקלאַפּט מיט די קוליעס אין די טירען און אַרײַנגעשטעקט די היטעל אין די קאָרידאָרען. אין דער זעלבער צײַט, האָט אַ צעהן, עלף-יעהריג אײנגעל, דעם קאַטערינטשיקס בעהעלפֿער, מיט אַ פֿערשײַט פּנים'ל אױסגעשמירט און אױסגעפּאַטשקעט, געדרעהט די הענטעל פֿון דער קאַטערינקע.

נחום איז דורכגעגאנגען די ענגע גאס מיט ברייטע שפאנען, ווי געטריבען פון עפעס. עס איז איהם פלוצלינג בעפאלען א טויטליכע בענקשאפט, און דער הונגער האט איהם אנגעהויבען מאטערען אונערטרעגליך. פאר זיינע אויגען איז שארף ארויסגעטראטען די פראגע: וואס וועט זיין מיט איהם? ער האט זיך דער-פיהלט אזוי עלענד, אז ער האט אויף זיך אליין מיטלייד בעקומען. לאנג נאך האט ער זיך ארומגעשלעפט איבער די גאסען ביז עס איז געווארען גוט פינסטער און דאן האט ער זיך געלאזט געהן א היים.

אין הויף האט ער זיך ארייגעכאפט אויף די שפיץ פינגער. ער האט זיך אבער אומזיסט געשראקען, ווייל עס איז סיי ווי קיינער אין הויף ניט געווען. דאס גאנצע ענקארגאדאס געזינדעל איז אוועק אין סינעמאטאגראף, און נאר „טשיטשע", דאס וויים לאסטשענדיג הינטעל, האט איהם בעגעגענט מיט א צופרי-דענעם קוויטש און זיך געפלאנטערט אונטער זיינע פיס ווי א וויים קנוילכעל. ער האט זיך א ווארף געטון אויפ'ן בעטעל, צוגעדריקט מיט די הענד פעסט די אויגען און געלעגען אומבעוועגליך. פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען און איז ארוים אין הויף; ער האט זיך געלאזט געהן אין קיך, נאר זי איז געווען פער-שלאסען, דאן האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן הוידעלקע אונטערן בוים.

שוין לאנג ווי ער האט געווארפען אן אויג אויפ'ן פייגענבוים, מיט די טווי-זענדער פייגען וואס וואקסען אויף איהם, אבער די פייגען האבען זיך ניט געאיילט צייטיג צו ווערען. זיי זענען געווען גרין און האבען געפרווירען די ציין. דאך מוז ער פערזוכען א פאאר. ער איז ארויפגעקראבען אויפ'ן בוים און געזוכט די מעהר-צייטיגע פייגען. און אט האט ער דערזעהען א בינטעל צייטיגע פייגען, שוין שווארצ-ליכע און צושפאלטענע פון צייטיגקייט. ער האט זיי אפגעריסען און בעהאלטען אין קעשענע. און אט איז דא נאך א בינטעל און נאך איינער... ער האט אנגע-לייגט פולע קעשענעס און איז אראפגעקראכען פון בוים. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שוועל פון זיין צימעריל און מיט גרוים הנאה געגעסען די פייגען. דאס הינטעל איז צו איהם צוגעלאפען, האט געדרעהט מיט'ן עק פאר צופרידענקייט און זיינע ברוינע, פייכטע אויגען האבען געקוקט אויף נחום'ען מיט הארציגען מיטגעפיהל.

עס איז געווארען קיהלער; א פריש ווינטעל האט געבלאזען און גערוישט צווישען די בלעטער פון פייגענבוים. איבער די הייזער, נידעריג, איז געהאנגען דער בלויער הימעל. דא און דארטען אין דער טיעף-בלויער לופט זענען געהאנגען לייכטע נעבלען, ווי אנגעווארפענע פאלדען פון א דינינקער טולענער קלייד. די לופט האט געאטעמט מיט גריגם און האניג, און עס האט זיך געדאכט אז מען אטעמט איין דעם גערוך פון א געדיכטען זיסען וויין. איבער די דעכער, אין די דורכזיכטיגע נעבלען, האט זיך אויפגעהויבען דער שפיץ פון א ריזיגער געביידע, און אין סאמע שפיץ האט געברענט א גרויסער עלעקטרישער לאמפ, וואס האט אויסגעוויזען ווי א לייכט-טורם איבער דער ריזיגער שטאדט.

נחום איז געווען זאט; קיין זאך האט איהם אין יענער רגע ניט געפעהלט; ער איז געווען אליין, ער איז געווען זאט, און איבער זיין קאפ איז געהאנגען

אזא מין שעהנער בלויער הימעל, נאר אין הארצען נאגט אלץ דאס זעלבע אין זיין פאנטאזיע האט זיך פלוצלינג געמאלט די מיט שנעע-פערשאטענע, פינ-קעלדיג-ווייסע, רוסישע סטעפעס, די פראסטיג-שיינענדע פנים׳ער פון די רוסישע פרויען און זיין היימיש שטעדטעל פערשאטען מיט שנעע, ווי איינגעוויקעלט אין ווייסע ליילעכער.

עס האט איהם געשלאגען אין די שלייפען ווי מיט האמערס; נאר אט וועט ער ווידער ארויסרופען זיין ליבע געשטאלט, די איינציגע טרייסט אין זיין לעבען. נאר ניין, ער וויל „איהר״ ניט אומזיסט ארויסרופען! צו וואס איהר אום-זיסט וועקען פון דער טיף פון זיין איך, ווען עס איז נאך ניט געקומען די צייט פון זיין ערלייזונג? ער איז אריין אין צימער, האט אנגעצונדען דאס לעמפל און זיך געזעצט שרייבען. ער האט ניט געוואוסט וואס ער שרייבט, ער האט נאר פריי קאפירט די מאדנע משוגה׳דיגע זעהונגען וואס ער האט ארויסגערופען פון דער טיף פון זיין איך.

עטליכע טעג נאכאנאנד האט נחום געלעבט מיט די פייגען, וואס ער פלעג ביינאכט אפרייסען פון בוים. די גרעסטע טייל אבער פון זיין פרימיטיווען שפייז האבען אויפגעגעסען די מוראשקעס, וואס האבען זיך פערקליבען צו איהם אין צימערל.

ווען ער פלעג קומען ביינאכט אהיים אן אויסגעמאטערטער און הונגעריגער, פלעגט ער די פייגען וואס ער האט איבערגעלאזט, געפונען בעשאטען מיט מוראש-קעס און האלב אויפגעגעסען. ער האט שוין געפרובירט איינוויקלען די פייגען אין א פאפיר און אויפהענגען אויף א שטריקעל אין מיטען צימער. האבען די מוראש-קעס דערצו אויך געפונען א מיטעל: זיי האבען זיך געלאזט, ווי געוועהנליך, אויפ׳ן טיש, נאר ניט געפינענדיג דארטען דעם זיסען מאכל, האבען זיי געקלעטערט אויף דער וואנד אזוי לאנג ביז זיי האבען געפונען דאס שטריקעל צוגעבונדען צום טשוואק און זיך אויף דעם ארופגעלאזט צו די פייגען... די אנדערע וואס זענען אונטערגעקומען זענען שוין געגאנגען דירעקט, מיט א גלייכען וועג, פונ׳ם לעכעל אין פאל ארויף, אויפ׳ן באלקען און באלד צום שטריקעל... און ער פלעג ניט קענען פערשטעהן, וואס יאגען זיי זיך אזוי נאך די עטליכע פייגען, ווען זיי האבען פאר זיך פריי דעם גאנצען בוים, מיט אזוי פיל גרינע בלעטער, יונגינקע, פריי-שענקע צווייגעלעך און פייגען וויפיל זיי ווילען נאר. זיי קענען אפילו בייטאג זיך גאנץ רוהיג עסען פון בוים און קיינער וועט זיי גארניט זאגען, ווען ער מוז זיך גנב׳ענען נאר ביינאכט, ווען דער ענקארגארדע שלאפט...

נחום האט זיך געקלעהרט, אז דאס מוז שוין זיין דאס לעצטע שטערניש, וואס ליגט איהם אויפ׳ן וועג צו זיין גרויס גליק, נאר קיין אויסזיכטען אויף גרויסע גליקען האבען זיך דערווייל ניט געוויזען. דער שטרייק איז אנגעגאנגען ווי גע-וועהנליך ענטוזיאסטיש און אהן א רעזולטאט. דער רעדנער האט אלע טאג גע-האלטען זיין רעדע מיט ברען און מיט פייער. פון צייט צו צייט פלעג זיך א בעל הבית, מיט א דערשראקען פנים און מיט א פערטייעטען גיפטיגען כעס, אריינכאפען אין סאסיעדאד זיך „אונטערגעבען״. נאר דאס זענען נאר געווען איינצעלנע פעלע, וואס האבען ניט געענדערט דעם אלגעמיינעם אויסזעהן פון שטרייק.

אין א אווענד, ווען נחום איז געקומען אהיים, האט ער געטראפען א צעטעל אנגעקלעפט אויף זיין טיר. די ענקארגאדיכע זיינע איז ארומגעגאנגען אין הויף און געבלאזען פון זיך, דער מאן איהרער, סעניאר שטופעלמאן, האט אנגעקוקט נחום׳ן מיט א זייטיגען וואונק, ווי ער וואלט פרעגען: וואס זאגסטו עפעס אויף דעם, יונגערמאן, איך ווייס זיך ווי אזוי צו „ארעגלירען״?

נחום האט באלד פערשטאנען אז דא האנדעלט זיך וועגען א „דעסאלאכא״, אז זיין ענקארגאדא איז ניט געשלאפען און אז ער וועט אין גיכען זיך מוזען ארויספעקלען. ער האט זיך געמאכט ווי ניט ווייסענדיג, האט אפילו ניט א קוק געטהון אויפ׳ן צעטעל, איז אריין צו זיך אין צימער און זיך פערמאכט. ער האט זיך א ווארפגעטון אויפ׳ן בעטעל און זיך געסטארעט ניט קלערען פון קיין זאך, אבער עמיץ האט איהם געהאלטען אין איין פרעגען: „וואס וועט זיין״? און פאר זיינע אויגען האט זיך געמאלט ווי ער בלאנדזעט אום טאג איין טאג אויס, איבער די מיט זון פערגאסענע ליכטיגע, בוענאס איירעסער גאסען, שלאפט אין פלאסעס און קוקט אוים הונגעריג נאך א שטיקעל ברויט. וואס ליגט ערגעץ אויף א פענסטער. נאר א צווייטע שטים, וואס האט אפגעהילכט אין זיין „איך״, ווי א צארטער געמורמעל פון א קוועלכעל, האט גערעדט צו איהם: „דאס, אויף וואס דו ווארטסט וועט קומען, עס וועט דאך קומען״! און א ווילדע פרייד איז איהם פלוצלינג בעפאלען. צו וואס טויג איהם א דירה? אויף וואס דארף ער עס? פערקעהרט, ער וועט זיין ווי א פרייער פויגעל וועמען מען האט מיט געוואלד פון זיין שטייגעל ארויסגעטריבען. ער וועט אומבלאנדזען מיט א לייטזעליגקייט אין דער נשמה דורך טעג און דורך נעכט, ער וועט ניט צעהלען די גאסען און די קווארטאלען, אהן א מאס וועט ער דורכשניידען די ווייטקייטען פון דער ריזיגער שטאדט, ביז... ביז עס וועט קומען דער מאמענט ווען ער וועט זיין גרויס, און דאן וועט ער פערלאזען די שטאדט, די קאלט-הייסע זוניגע שטאדט, און וועט זיך אוועקלאזען ערגעץ, וואו עס זענען פארהאן וועלדער מיט קרישטאל-קלארע טייכלעך, מיט פעלדער, מיט זאנגען,— און אונטער׳ן ארעם פון זיין הייס-געליבטער, יענער אומבעקאנטער פריילין, וואס ווייזט פאר איהם איהר לאכענדען ליבליכען פנים און גיט איהם האפנונג, ווען ער פיהלט זיך שוואך און הערט אויף גלויבען.— אט מיט יענער פריילין וועט ער שפאצירען איבער דער מיט זון פער-גאסענער שטעזשקע.

ער איז געלעגען אויפ׳ן בעטעל מיט די הענד אונטער׳ן קאפ און געקוקט אין יענער ליכטיגער ווייטקייט, וועלכע ער האט פאר זיך אליין אויסגעמאלט. פון הויף האט זיך געהערט א גערודער. מאן און ווייב האבען זיך געקריגט און געשאלטען. נחום האט אנגעשפיצט די אויערען און געזוכט צו וויסען וואס זיי קריגען זיך, ער האט געהערט דעם סעניאר שטופעלמאנס האלב פישצענדיגען און האלב וויינענדיגען קול: „איך בין שולדיג? דו אליין!״ און באלד נאך דעם א קלאפ פון א טיר און עס איז געווארען שטיל אין הויף.

נחום האט זיך ווידער אריינגעלאזט אין זיינע מחשבות. אין צימערל איז געווען פינסטער. אין די שייבלעך פון טיר האט אפגעשיינט די בלויע נאכט, אין דעכעל פון צימער האט געקלאפט א צווייג אומרוהיג און ניט רעגעלמעסיג; מיט א גיט זיכערקייט, ווי עמיץ וואלט זוכען אין דער פינסטער די הענטעל פון טיר.

עס האט געבלאזען א ווינט אין דרויסען און דער בוים האט גערוישט און גע-מורמעלט. אין דעם האט זיך געהערט א ריטמיש גרילצען פון אייזערנע רינגען פון דער הוידעלקע: דאס האט זיך ראסיטע געהוידעט.

— — — — — — — — — — — — — —

נחום האט אליין ניט געוואוסט צי דרעמעלט ער, צי ער איז וואך. ווייל ביי זיין בעט איז געזעסען די פריילין און געהאלטען די האנד אויף זיין שטערען. יעצט האט ער שוין געזעהן דאס גאנצע געשטאלט, ניט נאר איהר פנים. זי איז געגאנגען אנגעטון אין א ווייסער טיולענער קלייד, ווי א ערשט געפאלענער שנעע, אזוי בלאנקענד ווייס, אז אויפ׳ן פאל ארום איהר האט אפגעשלאגען א העלקייט ווי פון א גרויסען ברילאנט אין דער פינסטער. און איהם איז געוועזען גרינג און גוט, ער האט ניט געפיהלט קיין קערפער, ווי ער וואלט געוועזען פון דורכזיכטיגען עטער, נאר דער שטערען זייגער האט געפיהלט איהר האנד, ווי א קיהלער ווינ-טעל וואלט איבער זיין פנים געבלאזען. די אויגען איהרע, די שווארצע, די לא-כענדע, האבען זיך איינגעגעסען אין איהם און זענען געשטאנען אונבעוועגליך, גלייך דערה געלעכטער אין זיי, איז פון אייביג אן און וועט זיך קיינמאל ניט אויסלעשען. עס האט זיך איהם געדאכט אז ער שוועבט ערגעץ, ווי מיט א ריזיגער שנעלקייט, נאר טאקע צוליב דער זעלבער שנעלקייט, דאכט זיך ווי ער וואלט געשטאנען אויף איין פלאץ. און זי שוועבט מיט איהם, דאס פיהרט זי איהם אין יענע גע-גענדען, פון וועלכער איהר בליק האט צו איהם תמיד גערעדט. דאס צימערל איז שוין קיין צימערל ניט, דאס האט קיין ווענט ניט נאר א טירעל אין בלויען הימעל אריין, דאס טירעל דארף ער שוין אויך ניט, ווייל ער איז שוין קיין קער-פער ניט, נאר עפעס דורכזיכטיגעס און גרינגעס, ווי עטער...

און אט בייגט זי זיך איבער איבער איהם און שעפטשעט איהם עפעס אויפ׳ן אויער. און איהר אטעם איז אנגענעם און שמעקט מיט בלומען און האניג...

א קלאפ אין טיר האט נחום׳ן געמאכט אויפציטערען און ער איז איבער-ראשט אראפגעשפרונגען פון בעטעל.

ראסיטא איז געשטאנען אין טיר מיט א בריף.

— א בריף פאר אייך, סעניאר!

— פאר מיר? גראסיאס— האט ער צעשטרייט געענטפערט.

ער האט מיט ציטערנדיגע הענד אנגעצונדען דעם לאמפ און געקוקט אויף דעם פערמאכטען קאנווערט וואס האט געהאט פיר מארקעס און א סך שטעמפלען׳ קיינער פון זיי ניט קלאר.

אז דאס איז ניט פון בוענאס איירעס האט ער באלד געזעהן, ווייל דער קאנווערט איז געווען מיט א „מעמברעטע" אויף ענגליש, נאר אז דער בריף איז פאר איהם איז ער געווען זיכער, זיין נאמען און פאמיליע איז געווען קלאר אויפגעשריבען.

— דאס איז עס— האט ער א קלעהר געטון און געקוקט אויפ׳ן בריף מיט ליבשאפט, ער האט איהם אבער ניט געעפענט, טיף אין זיין נשמה האט עמיץ א פרעג געטון: „אפשר ניט"? און עס איז איהם געווארען אייז קאלט. ער האט לאנג געקוקט אויפ׳ן בריף און איהם ענדליך אריינגעלעגט אין בוזים אונ-טער׳ן העמד, צום הארצען. ער וועט עס ניט עפענען דא אין דעם צימערל, נאר ערגעץ אויסען שטאדט אין א פערווארפען ווינקעל, כדי ער זאל צוריק ניט דאר-פען קומען אין דעם דאזיגען צימערל...

אין כשוף-קרייז

— תמיד, ווען איך קלעהר וועגען דער פאסירונג, וואס איך געה אייך דא דערצעהלען, פערטראכט איך מיך, ווי איין ניט געלונגענער ווארט אדער א שלעכט ארויסגעזאגטע פראזע קען אראבפיהרען פון וועג א מענשען מיט דער שמארקסטער לאגיק און איהם אפט ברענגען צו זעלבסט-מארד.

— אהן קאמענטארען...— האט בעמערקט איין פריילין.

— צו דער זאך...— האט בעמערקט א צווייטע פריילין און די איבעריגע געסט האבען צוגעשאקעלט איינשטימיג מיט די קעפ.

דער דערצעהלער, דער ליטעראט ב... האט א שמייכעל געטהון מיט זיינע קלוגע גרויע אויגען, זיך בעקוועם געמאכט אויף זיין שטול, פערדרויבערט א פאפיראס און אנגעפאנגען דערצעהלען:

„מיר זענען דאן געווען א קרייז פון יונגע שרייבער, אנפאנגער. און ווי די טבע איז שוין ביי אנפאנגער, האבען מיר תמיד גערעדט פון ליטעראטור און קונסט.

דער גרעסטער אויטאריטעט צווישען אונז איז דאן געווען איינער הורוויץ. און כאטש ער איז ניט געווען קיין שרייבער האבען מיר דאך פון איהם געהאלטען, ווייל ער איז געווען זעהר בעלעזען און א גוטער פערשטעהער פון ליטעראטור.

געווען איז ער א מענש א שווייגער, א פערשלאסענער אין זיך; און דער גאנצער אויסזעהן זיינער האט געמאכט דעם איינדרוק פון א נזיר, א אפגעזונדערטער, וואס טראגט זיך ארום מיט א „אידעע פיקס", פון וועלכער ער וויל ניט אפטרעטען אויף א האר.

א בלייכער, מיט אן אויסגעצויגענער שמאלער נאז און גראהליכע שפיציגע אויגען, איינגעוויקעלט כמעט תמיד אין זיין לאנגען ברוינעם פאלטא, מיט'ן גרויסען קאפ האר, האט ער דערמאנט אן אן איינזאמען דענקער וועמענס ענטדעקונגען אין דער וועלט פון וויסענשאפט זענען פערווארפען און פערגעסען געווארען.

ער איז געווען דער עלטערער צווישען אונז און ווי געזאגט, האבען מיר איהם זעהר געשעצט. מען זאל וועלען זיך געריבלען, וואלט מען געקענט קומען צום שלום, אז א גרויסע ראל האט דא געשפיעלט זיינע גוטע מיינונגען איבער אונזער שאפען.

ער איז געווען תמיד בייז און אנגעבלאזען אויף פרויען, גלייך זיי וואלטען איהם עפעס שלעכטס געטהון...

ראיסע, די גראציעזע און לעבענסלוסטיגע מיידעל מיט די העל-בלויע אויגען, וואס האבען ארויסגעשטראהלט מיט פרייד און בעוואונדערונג, (זי איז אויך געווען אין אונזער קרייז) האט צו איהם ארויסגעוויזען א אפענע פיינדשאפט, און אפטמאל פון איהם אפגעשפאט.

עס איז געווען א מאנטאג און דוקא א אומעטיגער מאנטאג. דעם גאנצען טאג בין איך ניט ארויס פון שטוב, כ'האב געארבייט איבער אן ערצעהלונג און, ווי דער אמת איז, איז זי מיר ניט געלונגען. דער הויפט טיפ איז אויסגעקומען בלאס, אהן לעבען, ווי א געשפענסט וואס האט זיך ווי דורכגעגליטשט, כמעט אומבעמערקט, אויפ'ן גרונד פון דער ערצעהלונג.

איך האב שוין דאן איבערגעקלעהרט: „וואלט זיך אפשר געלוינט נעמען צו אן אנדער בעשעפטיגונג?"... ענדליך בין איך מיד געווארען, האב געבאפט די פערשריבענע בויגענס, צעריסען אויף פיער טהייל, צונויפגעקאמקעט און ארויס-געווארפען דורכ'ן פענסטער... האב אנגעטהון דעם פאלטא און ארויס אין גאס.

די פרישע לופט האט מיך בעלעבט און איך האב ווידער אנגעהויבען קלעה-רען פון מיין ערצעהלונג און צוטראכטען נייע סיטואציעס און מעגליכקייטען.

אין גאס איז געווען א ביסעל כמארנע, ווי עס וואלט זיך געשניטען אויף א רעגען. א צפון ווינטעל האט קאלט געבלאזען מיר אין קראגען אריין. עס איז מיר אבער געווען אנגענעם אזוי ארומבלאנדזען איבער די גאסען און קלעהרען פון טיפען, וואס האבען געזאלט זיין די העלדען פון מיינע צוקונפטיגע ערצעהלונגען.

איך האב זיך פלוצלינג געפונען אין א גאנץ רוהיגער גאס, וואו די דורכגעהער האבען געאיילט גרופעסווייז איבער די ברייטע טראטוארען. אלע האבען זיי מיר אויסגעוויזען איינטאניג, בלייכע און מידע און געקליידעט שווארץ גרוי. זיי האבען זיך מעהרסטענטייל געשטופט צו די אויסשטעלונגען אין די פענסטער מיט אזא אינטערעס און ליידענשאפט, ווי דארטען אין די קליי-טען וואלט מען זיי געוויזען וואונדערבארע זאכען און אויסערגעוועהנליכע קוריאזען.

צווישען דאס דאזיגע שפארעניש האב איך פלוצלינג דערזעהן ראיסען. איהר קליינע פיגורקע האט פון רגע צו רגע אויפגעציטערט. זי האט געזוכט א וועג, אויסצודרעהען זיך פון דער מענשען מענגע, און געהאלטען דאס טיכעל צו די אויגען. זי האט געוויינט.

איך האב איהר געהאלפען זיך ארויסדרעהען פון דער ענגשאפט און מיין ערשטע פראגע איז געווען:

— ראיסע, וואס וויינט איהר?

— הורוויץ איז געשטארבען...

איהר פנים האט אויסגעדריקט דאס טיעפסטע פון מענשליכע ליידען, און איהרע אויגען, וואס האבען תמיד געקוקט פרעהליך און בעוואונדערענד, האבען געקוקט פערצווייפעלט, פערצויגען מיט א טרערען גלאנץ.

— אונזער הורוויץ?— האב איך איהר איבערגעפרעגט און געפיהלט א מאדנע ביינקעניש.

— אונזער הורוויץ... היינט איז ער געשטארבען. דריי אזייגער נאכמיטאג.

איך האב געפיהלט ווי איך וואלט פערלארען דאס טייערסטע אין מיין לעבען. ערשט מיט א פאאר טעג צוריק האב איך מיט איהם גערעדט און ער האט זיך אויף גאר ניט בעקלאגט.

— פון וואס איז ער געשטארבען?

— שווינדזוכט.

איך האב איהר געגומען אונטער׳ן ארעם און מיר האבען זיך געלאזט געהן מיט שנעלע טריט צו א זייטיגער גאס וואו דער מענשען טומעל איז ניט אזוי גרויס.

ראיסע האט זיך פעסט צוגעדריקט צו מיר און געוויינט. פלוצלינג האב איך מיר פערוואונדערט וואס ראיסע וויינט אזוי נאך הורוויץ׳ן, וויסענדיג די קאלטקייט וואס זי האט תמיד ארויסגעוויזען צו איהם.

מיר זענען אריין אין שטאדט-גארטען. זיך געזעצט אויף א באנק אין א שטילער, פערשאטענטער אלעע.

ראיסע האט מיך ווי ניט בעמערקט, האט אראפגענומען איהר פינגערל מיט׳ן בלאה שטיינדעל און עס געקושט.

— דאס פינגערל איז ניט אייערס? — האב איך איהר געפרעגט.

— דאס איז זיינס... הורוויץ׳ס, ער האט עס מיר געשאנקען אין דעם אווענד ווען ער האט זיך מיר ערקלעהרט...

ראיסע מיט הורוויץ׳ען פערליבט!

אין דער רגע האב איך פערגעסען אן אלעס אין דער וועלט און האב נאר געקלעהרט וועגען מיין אונפעהיגקייט צו פסיכאלאגירען אפילו יענע, מיט וועמען איך טרעף זיך כמעט אלע טאג. איך בין געווען אויף אזוי פיל קורצזיכטיג, אז איך האב ניט געקענט איינזעהן, אז אונטער דעם דאזיגען פיינדליכען מאנטעל וואס זיי האבען אימער געזוכט א געלעגענהייט ארויסצו-ווייזען, איז געלעגען פערבארגען א הייס ליידענשאפטליכע ליבע. איך בין געקומען צום שלוס, אז איך מעג שוין מיין פען צעברעכען, ווייל אויב איך בין ניט פעהיג איינצוזעהן די ליבעס בעציהונגען צווישען מיינע בעסטע בעקאנטע, ווי-זשע קען איך שרייבען פון נאר ווייטע און איבערגעבען זייערע געפיהלען און איבערלעבונגען?

— איהר האט איהם ווירקליך געליבט, ראיסע?

ראיסע, ווי בעצויבערט פון איהרע ליבעס ערֹאינערונגען, האט געקוקט ערגעץ אין דער ווייט מיט א פערטרוימטען קינדערשען בליק.

— צי איך האב איהם געליבט פרעגט איהר? יא, איך האב איהם ווירקליך געליבט. שטארק, שטארק געליבט. איך האב אין איהם פערלוירען מיין איינציגען פריינד אין לעבען. איך האב אין איהם געשעצט די מילדע נאטור, זיין ווייכע מעלאדישע שטימע האט מיך תמיד בעצויבערט. יא איך האב איהם ווירקליך גע-ליבט און דערפאר טאקע זיך אזוי געשראקען פאר זיין געזונד. ער איז דאך תמיד געווען אזא בלייכער, אזא צארטער...

זי האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד און די טרעהרען האבען געוואשען איהר צושראקען פנים.

— וואס קען מיר שוין יעצט פעראינטערעסירען אין לעבען, אז ער איז ניטא!

זי האט געבראכען די הענד און איהר נאך קינדישער קערפער האט געציטערט.

כדי איהר אביסעל צו בערוהיגען האב איך איהר געבעטען זיך דורכגעהן.

זי האט זיך פערטרוייליך אנגעשפארט אין מיין ארעם און מיר זענען ארויס פון גארטען.

איך האָב אַלץ געקלעהרט פון דעם, ווי אַזוי קורצזיכטיג איך בין געווען אין בעצוג צו די פערליבטע. און איך האָב מיך געפיהלט קליין און דערשלאָגען.

ראַיסע האָט אַלץ דערצעהלט איינצעלהייטען פון זייער ליבע, ווי אַזוי זיי פלעגען פערברענגען די אומעטיגע הערבסט אָווענדען, ווי אַזוי זיי האָבען זיך אויסגעהיט, אַז קיין זייטיגע אויג זאָל ניט אַריינדרינגען אין זייער קליין, ליבליכער וועלטעל.

אונזערע טריט אויף דעם הילצערנעם טראָטואַר, וואָס איז בעלויכטען געווען מיט די גאַז לאַמפּען, האָבען אָפּגעהילכט מיט אַ שטילען טרויעריגען קלאַפּען, וואָס האָט מאָדנע האַרמאָנירט מיט ראַיסעס מעלאַנכאָלישער שטים.

— אונזערע בעציהונגען וועלען דאָך סוף כל סוף אַרויסשווימען אין דער עפענטליכקייט — פלעג איך איהם זאָגען, — און ער, הורוויץ, פלעגט ענטפערען: „וואָס לענגער דאָס געהיימניס אַלץ גרעסער דאָס גליק".

מיר זענען צוגעקומען צו הורוויץ'ס וואוינונג. אַ יאָמער פון פילע פרויען האָט זיך געטראָגען פון הויף אַרויס. ביים טויער האָבען זיך בעוועגט קליינע רעדלעך מענשען מיט איינגענורעטע קעפּ און האָבען גערעדט שטיל, און אויף זייערע בלאַסע אויסגעצויגענע פּנים'ער האָט געשוועבט עפּעס אַ מאָדנע שרעקעדיגע צעשטרייטקייט, ווי דער שאָטען פון הורוויץ'ן.

ראַיסע איז מיט אַ געוויין אַריינגעלאָפען אין הויף; איך בין איהר נאָכגעגאַנגען.

דער הויף איז געווען פול מיט מענשען. איך האָב זיך דורכגעשפּאַרט צום צימער, וואו דער מת איז געלעגען. ער האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי אוננאַטירליך לאַנג, אַז דער קאָפּ מיט די אַנגעצונדענע ליכט אַרום איז געלעגען נעט צום וואַנט און די פיס האָבען דערגרייכט ביז'ן טיר, אַ זאַך וואָס איז כמעט אוממעגליך; נאָר דאָס האָט זיך מיר זיכער אַזוי אויסגעוויזען, ווייל עס האָבען מיר געשווינדעלט פאַר די אויגען דער שוואַרצער איבערדעק, די געלע פלעמלעך פון די גרויסע ליכט אין די מעשענע לייכטער און די פערוויינטע פּנים'ער פון די פרויען, וואָס האָבען זיך געבויגען איבער'ן טויטען.

דער טומעל און יאָמער איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב ניט דערקענט די מענשען אַרום זיך. עפּעס אַלעס האָט זיך אויסגעמישט אין איין יאָמערליכע מאַסע. גרויע בערד מיט לאַנגע אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען, וויים־רויטליכע פּנים'ער פון יונגע מיידלעך מיט פערפלאָכטענע צעפּ, און גרויע האָר אונטער טונקעלע טיכלעך פון אַלטע פרויען. און אַלעס האָט געוויינט און זיך געשאָקעלט. הענט האָבען זיך געבראָכען; און איינער איז געפאַלען ביים צווייטען אויפ'ן ברוסט און געבליפעט.

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטען אַ צעטומעלטער און זיך געלאָזט געהן אַהיים. איך בין געגאַנגען שנעל, ווי איך וואָלט אַנטלאָפען פון אַ געפאַהר. אומעטיגע געדאַנקען זענען מיר בעפאַלען ווי אַ כמאַרע פליגען. איך האָב געזעהן דעם סוף פון זיך און פון אַלע מיינע בעקאַנטע, וואָס וועלען אוועקשטאַרבען אין אַנפאַנג וועג. עס איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען, אַז עפּעס אַ פאַטאַלע קראַפט וועט אונז אַלעמען, די יונגע, וואָס רייסען זיך צו ליכט, צו לעבען, אוועקרייסען אין אַנפאַנג פון בליהען.

תמיד— האב איך מיר געטראכט— ווען די פערמאכטע טיר פון יענעם גע־טרוימטען פאלאץ וועט זיך עפענען און מיר וועלען שוין האלטען מיט איין פוס אינעווענינ, וועט די בייניגע האנד פון טויט אונז ברוטאל אוועקרייסען. אין מא־מענט, ווען מיר וועלען ווענינער טראכטען וועגען דעם.

מיט די דאזיגע ניט היימליכע געדאנקען בין איך אריין צו מיר אין צימער און אנגעצונדען דעם לאמפ.

די בילדער אויף די ווענט האבען מיר אויסגעוויזען אפגעבלאקירט און טויט; אין די טונקעלע ווינקלען פון צימער האבען זיך בעוועגט די שאטענס און עס איז מיר געווען אונהיימליך. פון גאס האט זיך געהערט דאס בילען פון א הונד, וואס האט יאמערליך אבגעקלונגען אין דער שטילקייט.

אין קאפ איז מיר געקראכען עפעס א משונה׳דיגער געדאנק, אז הורוויץ׳ס קערפער וואלט מען ניט געקענט לייגען אין מיין קליינעם צימער און מען וואלט איהם געמוזט איינבויגען די קניה... עס איז מיר געווארען קאלט און איך האב פעסטער צוגעמאכט די טיר. איך האב געקוקט אויפ׳ן ביינקעל וואו הורוויץ פלעג תמיד זיצען, שוין אן אלט ביינקעל מיט אן אויסגעבויגענעם אנלעהן. און דאר־טען אויפ׳ן בעטעל פלעג ראיסע ליעב האבען צו זיצען. ווער קען נאך פיהלען אזוי שטארק דעם קלאפ ווי די ארימע ראיסע?

— מען קען?..—האב איך דערהערט א שוואכע שטים ענליך צו הורוויץ׳ס קול.

איך האב באלד פערשטאנען אז דאס האט זיך מיר אויסגעדאכט און האב זיך געזעצט ביים טיש לעזען א ביכעל.

— מען קען?... האב איך ווידער דערהערט די זעלבע שטים אבער שוין פיעל דייטליכער און א לייכטען קלאפען פון פינגערביינדלעך אן שויב.

אז דאס איז א רעזולטאט פון מיין צעהיצטער פאנטאזיע, איז ביי מיר גאר קיין צווייפעל ניט געווען; און איך האב געקוקט מיט נייגעריגקייט צום טיר צו וויסען אויף וויפיעל קאנקרעט איך קען מיך פארשטעלען די זאכען ארום זיך. און ווירקליך האט זיך די טיר געעפענט און הורוויץ איז לאנגזאם אריינגעקומען אין צימער. ער האט אויסגעזעהן תמיד ווי מיט דעם קאפ עטוואס אראפגעלאזט, אין זיין לאנגען ברוינעם פאלטא. דעם שטעקען פערטשעפעט אויף א קנעפעל. זיין פנים איז געווען פיעל בלייכער און די נאז אויסגעצויגען.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין ביינקעל און אראפגעלאזט דעם קאפ אויפ׳ן ברוסט, ער איז געווען אזוי נאהענט, אז איך האב געזעהן די פאלדען פון זיין פאלטא און די גרויסע ברוינע קנעפ.

איך האב אנגעהויבען שוידערן פון דער נאהענטקייט פון פאנטאזם און עס האט זיך מיר געדאכט אז מען שיט מיר שנעע אויפ׳ן רוקען. דאך האב איך מיט א געוויסער ערלייכטערונג געפיהלט, אז באלד וועט דאס דאזיגע זעהונג צעשווי־מען ווערען און דאס ביינקעל וועט ווי פריהער בלייבען ליידיג.

ער האט זיך ניט בעוועגט און איך האב מורא געהאט זיך א ריהר טהון פון ארט. פלוצלינג איז מיר בעפאלען א מאדנע לוסט א ווארף טון זיך צו איהם און מיט גוואלד אויפדעקען די דאזיגע רעטעניש.

עס קען זיין איך וואלט עס אפשר געטון, נאר פלוצים האט זיך ראשיג געעפענט די טיר און ראיסע איז ווי ארייגעפאלען אין צימער און זיך א וואָרף געטון אויף מיין בעטעל.

איך האב א ווארט ניט געזאגט, עס האט זיך מיר געדאכט, אז אויך זי, ראיסע איז א זעהונג, וואס וועט באלד צעשווימען ווערען אין א בלייליכען רויך און מיין צימער וועט ווי פריהער בלייבען פוסט און פראסטיג. פונדעסטוועגען האב איך נאכגעקוקט אלע איהרע בעוועגונגען. זי האט ממש געוואשען דאס קישען מיט איהרע טרעהרען. איך האב נאך קיין מאל ניט געזעהן א פרוי אזוי פיעל וויינען. זי האט זיך געקלאגט אויף גאט, וואס ער האט אוועקגענומען פון איהר, איהר ליבען הורוויץ, „איהר פאטער”, „איהר קינד”, „איהר געליבטען”.

הורוויץ׳ן האב איך נאך אלץ געזעהן זיצען אין דער זעלבער פאזע מיט דעם קאפ אראפגעהאנגען אויפ׳ן ברוסט. איך האב שוין אפילו בעמערקט א לייכטען ציטער אויף זיינע אנגעצויגענע דינע ליפען.

זי האט אפטמאל געקוקט צו זיין זייט, עפעס ווי אריבער זיין קאפ און איהר בליק איז געווען א פערנעפעלטער, א טרעהרען בליק.

— האט איהר געגלויבט אז ער זאל אזוי שנעל אוועקשטארבען? — האט ז׳ געזאגט צו מיר מיט א פערלאשענעם קול.

מיר האט זיך געדאכט אז ער האט א ציטער געטון.

איך האב מורא געהאט צו זאגען א ווארט. איך האב דאן געהאט דעם געפיהל פון איינעם וואס האט אויפגעשטעלט א קארטען שטיבעל און האט מורא ארויפצולייגען די לעצטע קארט, דאס גאנצע שטיבעל זאל ניט איינפאלען. עס האט זיך מיר געדאכט איך זאל נאר ארויסלאזען איין קלאנג וועט זיך אלעס איבערבייטען. איך וועל דערהערען א פאכען פון פליגעל, א שארך, א רויכעל און דאס ביינקעל וועט בלייבען לעדיג...

עס איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל ניט געווען, אז זי זעהט „איהם” ניט, און פאלגליך איז עס א פראדוקט פון מיין אייגענער פאנטאזיע און איך האב געוואלט וויסען ווי לאנג וועט מיין פארשטעלונגס־קראפט קענען אנהאלטען.

ראיסע איז געזעסען אויפ׳ן בעטעל מיט די הענד אויף די קניה א מיעדע און דערשלאגענע. דער טרעהרען קרייזים איז ביי איהר איבערגעגאנגען און מען האט לייכט געקענט דערקאנען אז זי קלעהרט: „וואוהין געהט מען יעצט?” „און וואס טוט מען?” איהר קליינע, גראציעזע פיגורקע אין געפאסטען קורצען מאנטעל, האט אין יענער רגע אויסגעדריקט דעם טיפסטען עלענד. עס האט מיר באנג געטון אויף דאס שעהנע הילפלאזע מיידעל, וועלכע איז יעצט אוועקגעשטעלט געווארען פנים אל פנים מיט יענעם אונבעוואוסטען מורא׳דיגען ווארט: דער טויט.

פלוצלונג האב איך בעמערקט א מאדנע ענדערונג אויף איהר פנים. זי איז געווארען ווייס ווי זילבער און איהרע אויגען האבען געשפריצט מיט פונקען. זי האט זיך אויפגעהויבען פון בעטעל און מיט א טיפער פערראכטונג, וואס, אט אט און עס וועט זיך פערוואנדלען אין א פערניכטענדען ווערטער־פלוס, געקוקט צו דער זייט וואו „ער” איז געזעסען.

— שעהמען מעגט איהר זיך!— האט זי געזאגט צו זיין זייט— שעהמען מעגט איהר זיך, אז אייגענער ברודער און קיין איין טרעהר ניט ארויסגעלאזט!!

הורוויץ האט אויפגעהויבען דעם קאפ און אין זיינע האלב פערמאכטע אויגען זענען געשטאנען טרעהרען.

דער ליטעראט ב... האט פערצויגען זיין ציגאר און געקוקט אויפ'ן רייך וואס האט זיך געקרייזעלט פאר זיינע אויגען.

— שוין געענדיגט?— האט געפרעגט איין פריילין.

די צווייטע פריילין האט געקוקט מיט א שעלמישען שמייכעל צום ערצעה-לער און געדראהעט מיט'ן צייג-פינגער.

— שוין געענדיגט,— האט בעמערקט דער ליטעראט און זיך לאנגזאם געצויגען זיין ציגאר. זיינע גרויע קלוגע אויגען האבען מיט א קאנצענטרירטען שמייכלענדען בליק געקוקט צו די געסט.

דער זיווג

בערל איז געווען א שוסטער; אבער ניט פון די געוועהנליכע, איינפאכע שוסטער יונגען, וואס אויף זייערע הענד ליגען די סמנים פון דער דראטווע, אויף זייערע קניעס, וואס זענען עטוואס אויסגעבויגען מערקט זיך דער פלאץ פון דעם אייזערנעם פרעסל, אויף וועלכען זיי קלאפען אויס דעם לעדער.

בערל איז געוועזען א יונג, ווי מען זאגט, „מיט ביינער"; א וואוקסיגער, א שלאנקער, מיט א ראזעווען, שעהנעם פנים און דיקע מייסטערהאפט פערדרייטע וואנצעס, וואס דערמאנען אין א רוסישען אפיצער, א „פאדפארוטשיק". ער האט אבער געהאט איין פעהלער וואס האט איהם געשטערט זיין רוה און תמיד געקרייגקט.

די רעכטע פוס איז ביי איהם געווען אביסעלע קורצער, אין גאנצען אפשר אויף צוויי מילימעטר; אין גאנג האט זיך עס אבער גוט געמערקט. און וויפיל ער האט זיך ניט געסטארעט צו געהן לאנגזאם, כדי דאס הינקען זאל זיך אזוי ניט מערקען, האט ער אבער דאך ניט געקענט פערמיידען אנצובויגען דעם קערפער אויף דער רעכטער זייט, ווען ער האט א שטעל געטון מיט דער קירצערער פוס.

בערל איז געווען א גענייטער ארבייטער אין זיין פאך און האט זיך אליין געמאכט א שוך מיט א הויכער פאדעשווע און קאריק, וואס האט אנגעפולט דאס לעדיגע פלאץ, וואס איז געווען צווישען זיין פוס און באדען. געהינקען אבער האט ער דאך.

און מעהר פאר אלעם האט עס איהם געשאדט צו א שדוך.

בערל האט געהאט א פיינעם בעגריעף איבער פרויען. ער האט געוואלט חתונה האבען פאר א פרוי וואס זאל, ערשטענס, זיין אביסעל געבילדעט און היינטוועלטיג און צווייטענס זאל זי זיין א שעהנע און קלוגע. און, פערשטעהט זיך, אז אזא מיידעל מיט אלע מעלות האט בערל'ען ניט געוואלט צוליב זיין פעהלער. בערל האט שוין אפטמאל געהאלטען ביי ווערען א חתן, נאר אויפ'ן לעצטען מאמענט ווען די כלה האט געדארפט זאגען איהר „יא ווארט" האט זי זיך צעוויינט און געזאגט איהר מאמען, אז זי וויל ניט חתונה האבען פאר א קאליקע. בערל פלעגט פערבייסען מיט די ליפען און אוועקגעהן מיט א אויסער-ליכער רוהיגקייט, ווי עס געהט איהם גארנישט אן, און אזוינע כלות קען ער בעקומען אויפ'ן טוץ...

בערל האט געהאט פיעלע קענטשאפט מיט מיידלעך פון מיטעלען קלאס, עס פלעגט זיי פעראינטערעסירען זיין אויסערליכער אויסזעהן, וואס האט געהאט אין זיך עטוואס מאדערנעס, וואוויליונגערישעס. ער פלעגט ביי זיי פערברענגען פיעלע אווענדען, נאר אין גאס זענען זיי מיט איהם ניט געגאנגען. דאס האבען זיי

געמאכט אזוי קונציג, אז בערל פלעגט אפטמאל זיך פיהלען, נוטמוטיג בעליידיגט, ווען זיי האבען איהם דערוויזען ווי עס איז זיי יעצט, פונקט יעצט, אוממעגליך צו געהן מיט איהם אין טעאטער.

בערל איז אבער ניט געווען אזא נאר ער זאל אין גאנצען ניט פערשטעהן און פלעג זעהר פיעל ליידען פון דעם. און קומענדיג אהיים פלעגט ער קוקען אויף זיין קורצערער אויסגעדארטער פום מיט אזא פינסטערען אנגעכמורעטען בליק, ווי ער וואלט איהר געוואלט אין גאנצען אראפהאקען.

ענדליך האט ער איינגעזעהן, אז דורך די דאזיגע „ליבעס" וועט צו חתונה ניט קומען און ער האט בעשלאסען צו רעדען מיט א שדכן.

צום ערשטען, האט ער גערעדט מיט ניט קיין פראפעסיאנעלען שדכן, מיט א אידעל וואס טוט אלעס, האנדעלט אין "רעמאטעס" און איז א קאמיסיאנער פון אייער, וואס ער שטעלט צו פון קאמפ אין שטאדט אריין, און פיהרט אויס א שדוך ווען עס מאכט זיך א געלעגענהייט. גערופען האט מען איהם „דער קאמי-סיאנער" און געהאט האט ער א רונדע בערדעל פון טאבאק קאליח און שטארק צוואוואקסענע ברעמען, וואס האט בעשירמט זיינע גרויע, שטארע אויגען.

דער קאמיסיאנער האט איהם צוגעזאגט אלע גליקען. ער האט פאר איהם ניט איין כלה נאר פיעל און ער, בערל, וועט זיך אויסקלייבען.

אין א פאר טעג ארום איז דער קאמיסיאנער געקומען צו בערלען א פערסאפעטער, א צורודערטער און אין גאנצען א בעוועגליכער, ווי אויף שפרונ-זינעס. ער האט איהם דערצעהלט אז ער האט פאר איהם א כלה, וואס ער, בערל אליין, האט זיך עס ניט געריכט. דערווייל האט ער ביי איהם געכאפט צעהן פע-זעס א גמילת חסד, אדער אן אויפגאב, וועיל וועגען דעם, אז בערל ווערט א חתן, איז קיין רייד נישטא...

און מעהר האט איהם בערל נישט געזעהן אין די אויגען. ער איז ווי אויסגערונען געווארען...

ענדליך האט זיך בערל געזעהן מיט א „פראפעסיאנעלען" שדכן. א איד פון באלעבאטישען אויסזעהן, מיט א שטעקען מיט א זילבערנעם הענטעל, אויף וועל-כער עס איז געווען אויסגעקריצט „דער מארערנער שדכן", און געהייסען האט ער סעניאר שטיינהאלץ.

דער סעניאר שטיינהאלץ האט מיט איהם גערעדט אנדערש, קורץ, אהן גרויסע צוזאגעבצען און איבערהויפט געשעפטליך. ער וועט איהם קריגען א מיידעל ווי עס פאסט זיך פאר איהם, און ער, בערל פערשטעהט דאך שוין, וואס פאר איהם פאסט.

אויף מארגען איז דער שדכן געקומען און זיך איהם געהייסען שעהן פער-פוצען און געהן אנקוקען א כלה.

אויפ'ן וועג געהענדיג האט איהם דער אלטער שטיינהאלץ אפגעשטעלט, איהם גוט אויסגעפרעגט פון וואנען עס האט זיך איהם גענומען „זיין פוס" און איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז עס וועט זיין מיט איהם א שווערע ארבייט.

— „ער לעגט מיר שטיינער אויפ'ן הארצען" — האט זיך בערל געטראכט און

אינערליך האָט ער געפֿיהלט, אַז דער אַלטער שטיינהאַליץ וועט איהם שוין אויס-זוכען אַ כלה.

ענדליך זענען זיי צוגעקומען צום הויז וואו די כלה האָט געוואוינט. דער אַלטער שטיינהאַליץ האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פֿון דער טיר און אַריינקוקענדיג בערלען שאַרף אין די אויגען האָט ער געזאָגט:

— איך זאָג אייך פֿאַראויס, איידער איהר געהט אַריין: דאָס מיידעל האָט אייער פֿעהלער... זי הינקט אויף דעם לינקען פֿוס... ווי איהר זעהט איז עס אַ באַשערטע זאַך— האָט דער אַלטער צוגעגעבען און אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך געראָנצעלט אויף זיין געקנייטשטען פּנים.

בערל איז געוואָרען אַנגעצונדען; ער האָט זיך געוואָלט אַרויפוואַרפען אויף דעם אַלטען און איהם צורייסען. דער אַלטער שדכן האָט, ווייזט אויס, פֿאַרשטאַנען וואָס בערל לעבט איבער און אַנגעהויבען איהם מוסרן:

— פֿע! יונגערמאַן, עס פּאַסט גאָר ניט פֿאַר אייך, צי דען אַז זי הינקט אויף אַ פֿוס איז זי ניט גלייך צו אַלע מענשען? איז זי דען ניט גלייך צו אייך און איהר גלייך צו איהר?

בערל האָט גענומען קלערען וועגען דעם, אַז דער אַלטער איז כמעט ווי גערעכט; דאָך האָט ער ניט געוואָלט נאָכגעבען און געקוקט מיט בייזע אויגען אויפ'ן שדכן.

— וואָס וועט איהר פֿאַרלירען, געהט אַריין— האָט דער אַלטער גענומען איהם צורעדען.— קיין מיאוסע איז זי ניט, איי וואָס, זי האָט אַ פֿעהלער? האָט איהר אויך אַ פֿעהלער, וועט איהר זיין קווויט...

בערל האָט זיך געלאָזט איבעררעדען און איז אַריינגעקומען איהר כלומרשט אָנקוקען, גלאַט אַזוי, אַהן אַ אינטערעס.

דער ערשטער איינדרוק וואָס האָט אויף איהם געמאַכט איז, אַז זי איז אַ גאַנץ שעהנע מיידעל, און ווען קיינער האָט ניט בעמערקט, האָט ער בעטראַכט איהר פֿוס מיט דעם הויכען שוך, וואָס איז געווען ספּעציעל צוגעאַרבייט און זיין געניטע שוסטערשע אויג האָט באַלד בעמערקט אַ קינסטלערישע שטיקעל אַרבייט.

דעם אָוונד האָט זיך בערל זעהר גוט אונטערהאַלטען; ער האָט געזאָגט פֿערשידענע אַנעקדאָטען פֿון וועלכע דאָס מיידעל האָט זעהר געלאַכט.

אַז עס איז געוואָרען אַרום נייען אַ זייגער, האָט איהר בערל איינגעלאַדען אין סינעמאַטאָגראַף.

ווען זיי זענען ביידע געגאַנגען אין גאַס, האָבען זיי געוואָרפֿען בעהאַלטענע בליקען איינער אויפ'ן צווייטען און ביידע האָבען געטראַכט דאָס זעלבע, אַז ס'איז כמעט ניט קענטיג זייער הינקען.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז געווען די חתונה. און ווען בערל פֿלעגט געהן געאָרעמט מיט זיין יונג ווייבעל, פֿיהרענדיג אַ גליקליכען פֿאַמיליען לעבען, פֿלעגט ער זיך אָפֿט דערמאָנען אָן דעם אַלטען שדכן און זיך קלערען: „אַ קלוגער איד געווען דער שדכן"...

טאָזשער־סקיצען

אַ שרפה

עס איז שוין נאך האלבע נאכט און ברוך לייב לעגט נאך ניט אוועק די ארבייט. ער מוז ארויסענדיגען די „כויגע", ווייל מארגען פריה דארף ער עס אוועקפיהרען אין קלייט.

דאס קליינע טאזשערל איז איינגעהילט אין פינסטערנישׁ; דאס לעמפעל, וואס ברענט אין א ווינקעל איבער׳ן ווארשטאדט, בעלייכט קוים דאס ביסעל גע- צייג אויפ׳ן ווארשטאדט און א האלבען קערפער פון ברוך לייב׳ן, וועלכער שטעהט איינגעבויגען און הובעלט א לייסטעל.

ברוך לייב איז שוין אן עלטערער איד, מיט א געלער שיטערער בארד, פערוואקסען ביז אונטער׳ן קאלנער. א הויכער און אן איינגעדארטער, ווי אן איבערגעוואקסענע זאנג, וואס האלט זיך ביים איינברעכען.

שלעכטע צייטען יעצט, און די טעגליכע ארבייט גיט ניט גענוג צום לעבען; שטעהט ברוך לייב ביים ווארשטאדט ביז די כוחות לאזען זיך אויס, נאר יעצט הערט זיך שוין ניט וועגען דעם, ער מוז דאך מארגען ארויספיהרען די „כויגע". זיין אנגעשטרענגטער קערפער טרייסעלט זיך ביי יעדער בעוועגונג פון הובעל, און עס דוכט זיך, ווי ער וואלט מיט דער דארער ברוסט זיינער, געהאלפען שטופען דעם הובעל איבער׳ן לייסט.

אין צווייטען ווינקעל פון טאזשער רודערט זיך עפעס און בעוועגט זיך, און א מאדנע געשטאלט בלייכט זיך פון דער פינסטער ארויס. די דאזיגע פיגור מאכט עפעס משונה׳דיגע שטיק, וואקעלט זיך און טאנצט אונטער נעבען אן אוועקגעלעגט שטיקעל מעבעל. מען וואלט געקענט מיינען, אז עמיצער מיט פערקאטשעטע ארבעל, דאווענט איבער אן אונזיכטבארען שטענדער, שאקלענדיג זיך מיט גרויס התמדה: דאס ארבייט ברוך לייבס „לוסטראדאר" פישעל. ער ענדיגט ארויס לוסטרירען, אויף מארגען פריה אוועקצושיקען. ער, פישעל, האט אויך דעם זעלבען אינטערעס ווי זיין בעל הבית, ברוך לייב.

די ווייב זיינע גיט איהם אלע טאג די „וועלט צו זעהן", ווארום ער האט פערלאזט דריי וואכען צייט און א סענט ניט גענומען; מארגען אבער, זאל נאר די „כויגע" פארטיג ווערען, וועט שוין ברוך לייב איהם בעצאהלען איינגאנצען. ארבייט ער, פישעל, מיט גרויס חשק און דער שוואם ביי איהם אין דער האנד בעוועגט פשוט וואונדער.

פישעל איז מיט א קאפ העכער פון ברוך לייב'ן נאר פיל דארער פון איהם. דאס שטענדיגע בעוועגען מיט'ן שוואם איבער די זייטלעך און פראנטען פון די שאפעס, האט אויסגעארבייט זיין קערפער און איהם בויגזאם געמאכט, ווי א שלאנג; און די הענד זיינע, וואס טאפען ווי בלינד אן אלע ווינקעלעך פון דאס שטיקעל מעבל, וואס ער לוסטרירט, זענען פון דעם מאדנע אויסגעצויגען געווארען און האבען כמעט פערלוירען דעם שייכות מיט'ן קערפער.

ברוך לייב און פישעל ארבייטען שווייגענדיג. אין דער שטילקייט פון טאזשער הערט זיך א סווישצשען פונ'ם הובעל, וואס איז עהנליך צו א זיפטצען, און דאס אונטערברומען פון ברוך לייב'ן. אויפ'ן בלעכענעם דאך פון גאלפאן קלעטערען ארום קעץ און דראפען זיך מיט די נעגעל אן די בלעכען. צו מאל צעיאמערן זיי זיך און צעוויינען זיך, ווי בייזע צעשראקענע קינדער. דער יאמער פון די קעץ ערגערט זעהר ברוך לייב'ן און ער קלאפט מיט א לייסט אין דאך אריין.

פישעל ענדיגט די שאפע, און קראצט זיך אין פאטילניצע, ער האט נאך א וואש טיש צו מאכען און עס גלוסט זיך איהם אהיים געהן.

— מיר'ן ענדיגען פישעל— בעט זיך ברוך לייב.— נאר די דאזיגע „לאוואטארקע" און שוין, מיר געהען א היים.

— תמיד מיט די ספעשקעס— לאזט זיך פישעל בעטען און נעהמט דאך די לאוואטארקע צום לוסטרירען. דער געדאנק, אז מארגען וועט ברוך לייב צאהלען געלד, גיט איהם מוטה צו ארבייטען. ער פערדרויכערט א פאפיראס און דאס העלע פלעמל שיינט אויף אין פינסטערען טאזשערל. די שווארצע פערדרויכערטע ווענט דערמאנען אין א חורבה, וואס איז שוין פון לאנגע יאהרען פערלאזען.

פישעל נעהמט זיך ווידער צו דער ארבייט נאך מיט מעהר ענערגיע. דער שוואם אין זיינע הענד רוהט ניט. עס דאכט זיך ווי פישעל וואלט זיך גאכגעיאגט נאך א שיינדעל פון א שפיגעלע וואס שוועבט ארום אויפ'ן פראנט פון דעם וואש טיש, און עמיצער וואלט דאס דאזיגע שפיגעלע געדרעהט הין און צוריק... אין די זייטען, אין די ווינקלען... און ווידער אמאל צוריק... אונטער ברוך לייב'ס ווארשטאדט האט געגליהט דאס ניט פערלאשענע שוועבעלע, וואס פישער האט אוועקגעווארפען, האט געגליעט און זיך כמעט ווי פערלאשען. נאר א שטיקעל צונויפגעוויקעלטע סטרושקע האט אנגעפאנגען רויט ווערען, זיך טליען; א צווייטע סטרושקע, וואס איהר ברעג איז געלעגען אויף יענער האט זיך אנגעכאפט, זיך אויסגעברענט און איבערגעגעבען דאס פייער א דריטער... פון אונטער'ן ווארשטאט האט מיט אמאהל א פלאם געטון, און ברוך לייב איז א צעשראקענער אפגעשפרונגען.

אין די סטאליאר טאזשערען איז מען שוין צו אזעלכע זאכען געוועהנט געווארען און קאלטבלוטיג, האט פישעל געכאפט א זאק און איז געגאנגען צושטיקען דעם פייער. די טרוקענע, דינע סטרושקעס האבען זיך אבער אזוי שנעל ניט געלאזט איינשטיקען און דער זאק האט זיך באלד אנגעצונדען. פון אלע זייטען, פון אונטער'ן ווארשטאדט האט געברענט, און דאס פינסטערע טאזשער'ל איז געווארען העל בעלויכטען מיט א בלויען ליכטיגען פלאם.

די ערשטע זאך האבען זיי א כאפ געטון דעם וואַרשטאַדט און איהם באַלד אפגערוקט, ערשט דאַן האבען זיי זיך גענומען ערנסט צו לעשען. א זאק נאך א זאק האבען זיי ארויפגעוואַרפען אויף דער קופע סטרוזשקעס וואס האט געברענט, האבען צוגעטאפּעט מיט די פיס, געדרישעט מיט די הענד, נאר דאס פייער האט זיך ניט איינגעלאַשען. די זאך איז געוואָרען ערנסטער; עס האבען שוין אנגעהויבען ברענען די ברעטער ביים וואַנד, און ברוך לייב, א צעשויבערטער, האט זיך גע־וואָרפען אין פייער אריין ווי א העלדישער פייער לעשער. ענדליך האבען זיי דאס פייער איינגעשטיקט און מידע און פערמאַטערטע האבען זיי זיך אוועקגעזעצט אויף די ברעטער. אין טאַזשער איז ווידער פינסטער געוואָרען; וואו ניט וואו האט נאך געטליעט א סטרוזשקע, וואס האט זיך באַלד פון זיך אליין פערלאָשען.

— ניט בעשערט מאָרגען אבפיהרען די כּוּנה — האט געזאגט ברוך לייב און טרויעריג געקוקט אויף די לייסטלעך, וואס ער האט אפגעהובעלט צום וואַש־טיש און וועלכע זענען געווען פערברענט ביי די שפּיצען.

פישעל האט א קלאָהר געטון אז ער וועט שוין מאָרגען א סענט ניט ברענ־גען אהיים און אז דער „ענקאַרגאַדע" וועט איהם דעם הויף ניט דורכלאָזען, שוין דעם צווייטען מאָנאַט ווי ער צאָהלט קיין דירה געלד ניט. און שטוב וועט איהם דאס ווייב זיינע אויפנעמען מיט איהר זויערען צוקרימטען פּנים און איהם אנרו־פען „לאַנגער שלימזל", „טויגעניכטס", און איהם סטראַשען, אז זי וועט איהם אי־בערלאָזען מיט די פיער קינדער און אנטלויפען וואו די אויגען וועלען איהר טראָגען.

ביידע, דער בעל הבית און דער ארבייטער, האבען זיך פאַרקלעהרט; אין פינ־סטערען טאַזשער האבען זיך זייערע פיגורען געווייסט אויפ'ן שוואַרץ פעררויכער־טען פאן פון וואַנד. דאס געלע פלעמעל פון לעמפּעל האט געצאַנקט און זיך געטוקט אין פערדרויכערטען גלעזעל. ערגעץ אין גאס האט א טהורם־זייגער אפגעשלאָגען דריי, מיט א מאַטען קלאַנג, ווי דריי שווערע טראָפּענס וואַלטען אראָפּגעפאַלען אויף א בלעך.

פישעל האט שוין אפילו ניט געקלעהרט פון צו געהן אהיים. ער האט זיך אויסגעצויגען אויף די ברעטער, אונטערגעלעגט א האַנד אונטער'ן באַק און צוגעמאַכט די אויגען. אויך ברוך לייב האט געזוכט א ווינקעל וואו אנידערצולע־גען זיך, ער האט אפגעראַמט א וואַרשטאַדט, אונטערגעלעגט א הובעל צו קאָפּענס און איז באַלד איינגעשלאָפען.

דאס לעמפּ'ל איז אויסגעגאַנגען; אויפ'ן דאך האבען די קעץ זיך געדראַפּעט, געמאָרדעוועט, נאר ברוך לייב און פישעל זענען געשמאַק געשלאָפען.

אין טאַזשער האט זיך אריינגעגנב'עט א בלויע ליכטיגקייט פון מאָרגען.

אין אַ הייסען זומער־טאָג

אין טאַזשער איז הייס. עס שטיקט, ווי אין אן אנגעהייצטען קאלך־אויוועך. דורך די שייבלעך שיינט אריין די זון. זי באַקט אהן רחמנות. עס העלפען ניט די זעק, מיט וועלכע די ארבייטער האבען פערהאנגען די שייבלעך. די שטראהלען פון דער זון האבען שוין געפונען א וועג דורך וואנען אריינצורייסען זיך אין טאַזשער. דורך דעם שיטערען לייווענד־געוועב האבען זיי זיך דורכגעריסען און געברענט אויף די קערק, אויף די פנים׳ער און געשטאכען אין די אויגען.

וועלוועלע, אן ארבייטער פון א יאהר פינף און צוואנציג, אין איין „קאמי־סעטע" מיט פערקאטשעטע ארבעל, האט עפעס געזוכט אין א בערגעל סטרוזשקעס און זיך געזידעלט פאר וואס מען כאפט ביי איהם צו דעם געצייג.

ביים ווארשטאדט, נעבען וואנד, איז געשטאנען דער אלטער ירוחם און גע־זעגט א ברעט. די ברוסט איז ביי איהם געווען פאנאנדערגעשפילעט. די ארבעל פון דער רוסישער העמד פערקאטשעט אריבער די איינגעשרומפענע מוסקולען. זיין גראהע באָרד צוגעקלעפט צו דער האריגער ברוסט; ער האט שווער געסאפעט, און דער פנים זיינער האט אויסגעזעהן ווי אן אפגעקאכטער.

אין ווינקעל פון טאַזשער האט געארבייט דער לוסטראַדאר. א שטארקער גערוך פון ספירט האט זיך פון דארטען דערטראגען.

די היץ האט ניט אפגעלאזט. נאר, פֿערקערט, פון מינוט צו מינוט איז זי שטארקער געווארען. עס האט זיך געדאכט, אז די אנגעגליהטע בלעכען פון גאל־פאן וועלען צעשמאלצען ווערען און זיך צעגיסען אין א טייך פון ברענענדיגער לאווע.

— הייס, הייס — האט געמורמעלט דער אלטער ירוחם און דאך ניט אפ־געלאזט די ברעט. די זעג האט געיאמערט אין טיפען שניט, וואס זי האט געמאכט אין האלץ, ווי זי וואלט זיך געבעטען ביים אלטען ירוחם׳ען: „לאז מיך אפ... לאז מיך אפ...

דער אלטער ירוחם האט אבער גוט געוואוסט, אז ער טאר ניט אפלאזען, אז ער מוז זעגען און זעגען, מעג דאס זעגעל אפילו צושמאלצען ווערען אין ברעט. היינט איז דער טאג ווען עס ארבייט זיך געשמאק. היינט איז „קינסענע", היינט דארף מען געלד נעמען, געלד פאר גאנצע צוויי וואכען. אין דעם אלטענס מח האט זיך געמאלט זיין הײם אין רוסלאנד, וואו ער האט אליין מענשען געהאלטען, געווען אליין א „פאבריקאנט" און וואו יעצט ווארט די גאנצע פאמיליע אויף געלד פון איהם.

„לאז שוין זיין"... „לאז שוין זיין"... בעט זיך די זעג ביים אלטען ירוחם׳ען, און מיט א לעצטען קרעכץ האט זי איבערגעשניטען די ברעט.

א הייסער שטראָם האָט דעם אַלטען בעגאָסען פון קאָפּ ביז די פיס. שוועד-רע טראָפּענס שוויס האָבען איהם גערונען איבער'ן פּנים. אין די שלייפען האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, אין די אויגען איז פינסטער געוואָרען; עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער זינקט אין א פייעריגען טייך.

מיט ציטערנדע הענד האָט ער גענומען נאָך א ברעט און די זעג האָט ווידער אָנגעפאַנגען רעדען צום אַלטען ירוחם'ען מיט האַרצרייסענדע טענער. דאָ האָט זי זיך געבעטען ביי איהם ווי ביי א גזלן... און דאָ האָט זי זיך געבייזערט, און ווען די ציינדלעך האָבען זיך אָנגעטראָפען אויף א סוק האָבען זיי געקריצט מיט פערצווייפלונג: „גענוג זאָל זיין!..." „גענוג זאָל זיין!..."

און די היץ ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט ברענט אין א העלישען פייער. פייעריגע צינגער לעקען דאָס בלע-כענע טאַשערל און פערוואַנדלען עס אין א גיהנום. דאָרטען אין דרויסען, ווייזט אויס, אַז די זון איז אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד און פערצעהרט די וועלט אין פלאַמען. די היץ דרינגט אין מח אריין, ברענט אויס דעם מאַרך, און פאַר די אויגען דרעהען זיך פייערדיגע רעדער.

עס קלאַפּען די האַמערס אין טאַשער, און עס דאַכט זיך ווי זיי וואָלטען אויסגעקלאַפּט משונה'דיגע לידער, ווי אַלע וואָלטען דאָרטען פון זינען אַראָפּ.

— ראַטעוועט! ראַטעווע-ע-עט!

דאָס האָט געשריען דער לוסטראַדאָר פון ווינקעל אַרויס. ער איז געשטאַנען מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענד, די האָר ווי שפּילקעס און מיט איבערגעקערטע אויגען.

וועלוועלע איז באַלד צו איהם צוגעשפּרונגען, איהם געכאַפּט אויף די הענד און אַוועקגעלייגט אויף די סטרוזשקעס.

— וואַסער! דערלאַנגט אַהער וואַסער— האָט וועלוועלע געשריען— ער חלש'ט!...

מען האָט איהם געגאָסען וואַסער אויפ'ן קאָפּ, געשריען אין די אויערען אַריין ער זאָל זיך אויפכאַפּען. עס האָט אויסגעוויזען אַז ער שלאָפט מיט פער-גלאַנצטע ווייסלען.

— לאָזט מיר— האָט געזאָגט דער אַלטער ירוחם און איהם גענומען קוועטשען ביי די שלייפען.

דער לוסטראַדאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט און געלאָזט פאַלען דעם קאָפּ אויף ירוחם'ס הענד.

— ער שלאָפט,— האָט געזאָגט ירוחם— לאָמיר איהם לאָזען שלאָפען.

די בעל הבית'טע איז אַריינגעלאָפען אין טאַשער מיט'ן פאַכער אין האַנד, א פיין פערקעמטע און, פאַכענדיג זיך מיט'ן פאַכער, א פרעג געטהון:

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

— גאָרנישט,— האָט געענטפערט דער אַלטער ירוחם— גע'חלש'ט דער לוסטראַדאָר.

אין זעלבען הויפעל וואו דער טאַזשער איז, וואוינט דער בעל הבית. דאָס שטיקעל פּלאַץ וואָס די דרײַ צימערן פערנעהמען, איז אנגעשטעלט מיט וואַזאַנעס. אַ פּאָאַר ווײַנטרויבען־בוימלעך פלעכטען זיך איבער׳ן דאַך אַריבער און פערדעקען דעם הויף מיט גרינס, ווי אַ סוכה. אין די גרויסע היצען איז דאָרטען קיהל. עס בלאָזט דאָרטען תמיד אַ ווינטעל, וואָס קומט דורך די פאַנאַנדערגעעפענטע פענס־טער פון דער „סאַלע". אויף אַ טישעל אין דרויסען ליגט אַ צושניטענער קאַוואָן. די בעל הבית׳טע מיט׳ן בעל הבית זיצען ביים טישעל, שניידען שטיקעלעך קאַ־וואָן און עסען.

די יונגע בעל הבית׳טע פאַכט זיך מיט׳ן פאַכער און זאָגט:

— מען דאַרף זעהען אַן אַנדער לוסטראַדאָר... דער איז קראַנק... ס׳איז דאָך ניט אַריבער צו טראָגען. אין מיטען דער אַרבייט חלש׳ן. און אז ער וועט מאָרגען ווידער חלש׳ן, ווער וועט דיר ענדיגען די אַרבייט?

דער בעל הבית, אַ יונגער מאַן ניט לאַנג נאָך דער חתונה, דרייט זיך די וואָנסען.

— עס וועט איבערגעהן, אַ הייסער טאָג געוועזן.

— און אז מיר איז הייס, לייד איך ניט? מען טאָר זיך ניט פעסטשען— מאַכט די בעל הבית׳טע און הויבט זיך אויף פון ביינקעל.

דער בעל הבית האָט זיך אויך אויפגעהויבען און זיך געלאָזט געהן אין טאַזשער. אַ שרעקליכע היץ האָט איהם אַ שלאָג געטהון אין פּנים. ווי ער וואָלט אפּגעגאָסען געוואָרען מיט אַן עמער הייסע וואַסער. ער האָט געוואָלט געהן צוריק, איז געבליבען אַ ווײַלע שטעהן אין טיר. פון אינווענייג האָט די היץ געשלאָגען ווי פון אַ אויווען. ער האָט זיך אנגעשטרענגט און איז אַרײַנגעגאַנגען.

ווי פריהער, האָט דאָס זעגעל פונ׳ם אַלטען ירוחם׳ן געקריצט מיט פער־צווייפלונג און זיך געשניטען אַלץ טיפער אין ברעט אַריין. וועלוועל האָט פלייסיג געקלאַפּט מיט׳ן האַמער, ווי ער וואָלט רעדען אויף אַ האַמער שפּראַך צום טשוואַק, וואָס האָט זיך געבויגט און ניט געוואָלט געהן אין האָלץ. דער לוסטראַדאָר, דערזעהענדיג דעם בעל הבית, האָט זיך אויפגעהויבען פון די סטרוזשקעס, גע־שמייכעלט, ווי אַ בעשולדיגטער און, מיט ניט זיכערע טריט זיך געלאָזט געהן צום ווינקעל, צו דער אַרבייט. די זון האָט יעצט אַרײַנגעקוקט דורך די פערהאַנגענע זעק מיט אַ רויטען שיין. אויף די וואַרשטאַטען, אויף די געצייגען און אויף די סטרוזשקעס האָבען זיך געלעגט בלוט־פלעקען. עס האָט אויסגעוויזען ווי די פלעקען וואָלטען געציטערט, ווי אַקאָרשט אויסגעגאָסען פון לעבעדיגע זעלען...

אַ שלעכטער טאָג

ווען וואלף איז ארויס צו דער ארבייט. האט געגאסען א דריבנער רעגענדעל. דער הימעל איז געווען גרוי און מוטנע און אויף די בוימלעך, בייביידע זייטען געסעל, האבען די טראפּענס געפינקעלט מרה־שחורה׳דיג אויף די שוין געלבליכע בלעטער.

פונקט ווי תמיד אין אזוינע טעג האט זיך וואלפ׳ן שטארק ניט געגלוסט געהן ארבייטען. ער האט דעריבער אנגעלעגט פיעל מעהר וועג און איז ענדליך דאך געקומען אין טאזשער, אבער שוין מיט א געוויסער אנגעכמורעטקייט, ווי ער וואלט געווען אין כעס אויף עמיצען.

ארייננקומענדיג האט ער באלד בעמערקט אז עפּעס איז שוין פארגעקומען; זיינע שאפּעס וואס ער האט נעכטען געענדיגט, זענען געשטאנען אין מיטען טאזשער מיט די פראנטען צו דער טיר, ווי עמיצער וואלט זיי מיט א כיון ארויסגערוקט אויף דער ליכט, אויף בייז וואונדער...

— ווער האט עס אזוי ארויסגעשטעלט די שאפּעס?— האט ער איינעם א פרעג געטהון.

— שעפטעל... די קאנטען פערגעסען צו לוסטרירען...

וואלף האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, האט לאנגזאם אנגעטהון דעם פארטוך און זיך געשטעלט ארבייטען.

דער טאזשער וואס איז געוועזען אין גאנצען צונויפגעקלאפּט פון בלעך און אלטע ברעטער פערדרויכערט און פערצוויגען מיט שפּינוועבס, האט אין איין וואנד געהאט א רעמעל מיט קליינע צעבראכענע שייבלעך, דורך וואנען דער גראהער טאג האט ארייננגעקוקט מיט א מאט בלייענע אויג.

וואלף האט אומעטיג געקוקט צום פענסטערל, וואו עס האבען זיך ווען ניט ווען בעוויזען זאנטיגעס און אנגעשטעלטע קעלנער פון די פערבייגעהער.

אט איז דורכגעגאנגען א פרוי אין גאנצען אין טרויער; פון אונטער איהר שווארצער הוט האט ער בעמערקט איהר ראזעווען קינבאק נעט איינגעפּאסט אין א שווארצען קעלנערל מיט קרעפּ־שפּיצען. דאס דאזיגע־פרויען געשטאלט האט זיין גדאנק ווי היגעריסען ערגעץ אין א וועלט פון נעבעל און טרוימען.

עס האט זיך איהם געגלוסט אוועקוואַרפען דעם שוואם און זיך לאזען געהן צוזאמען מיט די דורכגעהער אונטער דעם דאזיגען רעגענדעל, געהן אהן א ציל און חלומ׳ן פון עפּעס אונבעשטימטעס, טרויעריגעס, נאר מיט א פרעהליכען געדאנק אז ער איז פריי.

ווען שעפּטעל, דער בעל הבית איז ארייננגעקומען האט איהם וואלף אנגעקוקט מיט א גלייכגילטיגען בליק.

דאָס איז געווען אַ אידעל מיט אַ דורכגעאַקערט דאַר פּנים און גראָב־אָדעררדיגע הענד. זיין צעפלאַשטעטע ניט געקעמטע בערדעל האָט זיך צעוואַקסען טיף אונטער׳ן קאַלנער און צוגעדעקט דאָס פערשמאַלצעוועטע שניפּסעל...

— „דינא״, וואָס האָט איהר די „קאַכאַנעס״ ניט געלוסטרירט?...

וואָלף האָט ניט געענטפערט.

שעפּטעל האָט איהם בייז אַנגעקוקט.

— איהר ווילט אַרבייטען צו גיין?

— געוויס— האָט וואָלף געענטפערט מיט אַ גלייכגילטיגער שטימע.

שעפּטעל האָט זיך אָפּגעקעהרט און גענומען צונויפלעגען די ברעטלעך וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אַרום די וואַרשטאַדטען. נאָך זיין נערוועזען וואַרפען זיך האָט מען געקענט בעמערקען ווי אויפגעזאָטען ער איז געווען, דער קאַלנער פון זיין ברוינעם אָפּגעריבענעם רעקעל האָט זיך אַנגעפּאַלבט אויף זיין רויט געוואָ־רענער האַלדז.

— ניט געטראָפען דאָס אָרט— האָט זיך וואָלף געטראַכט צופרידען.

— פּערקלייע, פּערקלייע— האָט זיך שעפּטעל פּלוצלינג צעשריגען אויף יעקעלען און איהם צוגעטראָגען צום וואַרשטאַט אַ היבש ביסעל ברעטלעך— קיין זאַך טויג דיר ניט, עס וועט אוועקגעהן, פּערקלייע!...

יעקעלע איז געווען דער שלימזל פון טאָזשער; אַלע צרות וואָס פּאַסירט אין טאָזשער וואַרפט מען אַרויף אויף איהם, יעקעלען.

דאָס איז געווען אַ מענשעל, אַ אויסגעדאַרטער ווי אַ טרוקענער שפּאָן מיט אַ הויקערל אויפ׳ן רעכטען אַקסעל.

זיין אויסגעצויגענער פּנים האָט אויסגעדריקט טעמפּע פערצווייפלונג.

— רב שעפּטעל, ס׳איז דאָך אַ טאָג אַרבייט, קלייען שטיקלעך...

— ווילסט אַרבייטען צו גיין?— האָט שעפּטעל אַ ברום געטהון.

יעקעלע האָט אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ און גענומען פּערקלייען די ברעטלעך. ער האָט זיך אינערליך געפרעהט וואָס ער האָט נאָך גוט אָפּגעשניטען. ער האָט צונויפגעלעגט די ברעטלעך אויפ׳ן וואַרשטאַדט און געזונגען אונטער׳ן נאָז:

— די מאַדאַם מיט איהרע שוואַרצע אויגען...— אין פענסטערל האָט דער רעגען אַנגעהויבען שטאַרקער קלאַפּען און אין טאָזשער איז כמעט פינסטער גע־וואָרען פון די געדיכטע כמאַרעס, וואָס האָבען זיך אַנגערוקט אויפ׳ן הימעל.

שעפּטעל איז אַרויס פון טאָזשער אַ בייזער און אַנגעבלאָזענער ניט קוקענדיג צו וואָלפ׳ס זייט. די חברה אַרבייטער האָבען פרייער אָפּגעאָטעמט און כמעט אַלע האָבען זיי עפּעס געזונגען יעדער אויף זיין שטייגער. און דערביי האָבען די געצייגען אין זייערע הענד געבלאַנקט אין דער טונקעל, ווי די דאָזיגע שטיקלעך געצייג וואָלטען עדות געווען, אַז זיי זינגען ניט פון וואוילטאָג וועגען, נאָר אַז עפּעס מאַטערט זיי אינוועניג אין האַרצען, מאַטערט און נאָגט. די זעגען האָבען ווייטאָגליך געקלאָגט זיך און די טעמפּע קלעפּ פון די האַמערס האָבען אַקאָמ־פּאַנירט דעם דאָזיגען מאָרנעם געזאַנג.

— „קעשעניאַוו... אוי קעשעניאַוו...״

האָט געזונגען אַן עלטערער איד מיט אַ ברייטער צעוואַקסענער, שוואַרצער באָרד און פאַנאַנדערגעשפּילעטער רוסישער העמד.

וואָלף האָט זיך געקלעהרט, אַז ער, וואָלף, איז אויך אַ פּערדעמעל פון דעם דאָזיגען קנויל פון ערנידעריגטע און דערשלאָגענע בעשעפּענישען און אַז ער וועט זיך שוין קיין מאָל פון דאַנען ניט אַרויסרייסען; זיינע אויגען האָבען געפינקעלט מיט אַ בייזען גלאַנץ.

שעפּטעל איז אַריינגעקומען אין טאָשער מיט אַ בליישטיפט אין מויל און אַ נאָטיץ ביכעל אין האַנד. ער האָט עפּעס גערחשבונ׳ט שטאַרק פאַרטיפט, געמעקט, געצייכענט און ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צו יעקעלען און געזאָגט שטיל מיט אַ ווייכען טאָן.

— טייער האַלץ געוואָרען... ניט צוצוטהועטען.

די אַרבייטער האָבען שוין געוואוסט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, ווידער רייסען פון פּרייז, און אַנהויבען הויבט זיך תמיד אָן פון יעקעלען...

שעפּטעל איז אוועק צו זיך אין צימער און יעקעלע האָט פאַנאַנדערגענומען די הענד און ביטערליך זיך געקלאָגט:

— פופציג סענט פון אַ בעטעל! מען וועט שוין ניט אויסאַרבייטען קיין צוויי פּעזעס אַ טאָג.

ער האָט אויסגעזעהן מיט אַ קאָפּ קלענער און זיין גאַנצע פיזאָנאָמיע האָט דערמאָנט אַן אויסגעדאַרטען אָפּגעקראַכענעם הונד וואָס האָט אַקאָרשט געכאַפּט מיט אַ שטעקען.

וואָלף האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי שעפּטעל שלעפּט די געניז פאַר די העל-זער אין שטייג אַריין, אַלע וואָך אַ גאַנצע שטייג מיט געניז, און ער האָט געזאָגט:

— וואָס איז דאָ אַזוי דער אומגליק, אַרט אייך דען, אַז ר׳ שעפּטעל וועט אויפעסען נאָך אַ פּאָר געניזלאַך?...

איהם, וואָלפ׳ן, האָט אינערליך טיף הנאה געטהון וואָס שעפּטעל האָט אַראָפּ-געריסען פון דער פּרייז. אין יענער רגע האָט ער געוואָלט, אַז שעפּטעל זאָל נאָך מעהר אַראָפּרייסען, ער זאָל אויסזויגען דאָס בלוט ביז׳ן לעצטען טראָפּען, אַזוי, אַז די העלדזער, שוין אויסגעדאַרטע פון הונגער, זאָלען זיך צונויפדריקען. און דאַן וואָלטען זיך שוין, במילא, ווי מעכאַניש, די דאָזיגע אויסגעאַרבייטע הענד אויפ-געהויבען מיט צונויפגעדריקטע פויסטען און זיך אַראָפּגעלאָזט שנעל ווי די האַ-מערס איבער שעפּטעלס פּנים...

ער האָט אָבער איראָניש געשמייכעלט זעהענדיג ווי יעקעלע, שוין אין אונ-טערגעגעבענער און צופרידענער וואָס שעפּטעל האָט מעהרער ניט געריסען, האָט געזונגען זיין מאָנאָטאָנע האַלב ציגינישע לידעל:

— „די מאַדאַם מיט איהרע שוואַרצע אויגען״...

אין טאַזשער

דער אלטער פייווע איז געשטאנען אנגעבויגען איבער'ן ווארשטאדט און געהובעלט פיסלעך צו נאכט-קעסטלעך.

זיין דארע האריגע ברוסט איז געווען אפגעדעקט; די שפיצען פון העמד פערבויגען ארונטער. זיין פנים איז פערוואקסען געווען מיט געדיכטע גרוי-מוטנע האר; און זיין בארד, פון זעלבען קאליר, האט זיך געשאקעלט איבער זיין נאקעטע ברוסט.

שוין די צווייטע וואך ווי ער האט פערנומען א טוץ נאכט-קעסטלעך און נאך א עלפט ארבייט ניט אפגעטהון; דעריבער האט ער זיך שטארק געפלייסט און איז בעגאסען געווארען מיט שוויים.

ביים צווייטען ווארשטאדט האט געארבייט דער „קאסאקער״, א געזונטער בחור מיט מוסקוליסטע לאנגע הענד, מיט אן אומגעלומפערטען שווערען קערפער, וואס האט אויסגעדריקט א טעמפע פוילקייט. זיינע קאסאקע אויגען האבען געקוקט רעכטס און לינקס אין דער זעלבער צייט, ווי איין אויג וואלט מיט דער צווייטער קיין שייכות ניט געהאט.

ער איז דער בעסטער און גיכסטער ארבייטער אין טאזשער; אונטער זיינע אדערדיגע, ווי שטריק, הארטע הענד ווערט דאס שטיקעל האלץ ווי א שטיק וואקס און בעקומט באלד א פארם.

אז דער בעל-הבית, ר׳ שעפטעל, האט אויף שנעל א שטיקעל ארבייט צו מאכען דארף ער נאר א זאג טהון דעם „קאסאקען״, גיט ער א ציה אויס זיינע לאנגע הענד און עס ווערט פארטיג... קיינער פון די ארבייטער ווייסט ניט ווי אזוי ער האט געקענט אין איינע צוויי שעה אי אויסהובלען און אי פערקלייען, אבער אויפ׳ן קאסאקען דארף מען זיך ניט וואונדערן ווייל, ווי די ארבייטער זאגען, ליגט אין זיינע הענד א מאשינע...

דער אלטער פייווע פערעהרט אינערליך דעם קאסאקען פאר זיין גיך ארבייטען. ער, פייווע, איז נאך פון זיינע יונגע יאהרען געווען א „מארודניק״, א קריכער אין דער ארבייט, און בפרט נאך איצט, ווען ער איז שוין אין די זעכציגער. נאר זיך מודה זיין אז ער איז א מארודניק שעמט ער זיך. ער האלט זיך ביי דאס זייניגע, אז דא אין בוענאס איירעס ארבייט מען ניט ווי עס בעדארף צו זיין, מען רייסט שטיקער, מען טאנדעטעוועט. נאר דער קאסאקער לאזט זיך ניט איינרעדען און מאכט לצנות איבער׳ן אלטען.

— הערט נאר אלטער תרח— פאלט אריין דער קאסאקער אין די רייד, ווען דער אלטער דערצעהלט אז ער האט אין רוסלאנד געהאלטען א גרויסע פאבריק און איז אויך געווען א „קנאקער״— הערט נאר, איך קען זיך מיט אייך

וועטען, אז אין דער צייט וואָס איהר וועט אויפמאַכען איין נאַכט־קעסטעל, מאַך איך אויף אן איינציקעל...

— גראַבער יונג! וואָס קענסטו מעהר?...— היצט זיך דער אַלטער און מאַכט מיט די הענד.

נאָר זיין קול ווערט פערלאָרען אין געפילדער וואָס די אַרבייטער הויבען אויף פון דעם קאַסאַקענס וויץ.

דער טאָזשער רודערט זיך, די אַרבייטער ווערען אויפגעלייגט און יעדערער קלערט צו עפּעס א שפּאַגעל נייעם וויץ אויפ'ן אַלטענס חשבון.

די זעגען גרילצען, די האַמערס קלאַפּען; און אין דעם דאַזיגען טומעל הערט זיך פּלוצלינג א געשריי פון איינעם:

— מזל טוב! מזל טוב! דער אַלטער האָט שוין צונויפגעלעגט די נאַכט־קעסטלעך!...

— מזל טוב!— ענטפערען אפ אַלע אַרבייטער אין כאָר.

דער אַלטער פּייווע ווערט בעגאָסען מיט אַנגסט־שווייס, און יענער רגע האָט ער אין גדאַנק— פערשוואונדען ווערען, זיך ניט אַרויסזעהן, אום מען זאָל אין איהם פערגעסען.

דאָס וואָס ער אַרבייט זעהר לאַנגזאַם, ליגט אויף איהם ווי א שווערע משא, וואָס לאָזט איהם ניט דעם קאָפּ אויפהויבען.

און מעהר פאַר אַלעמען איז איהם געלעגען אין די ביינער דער קאַסאַקער. און א פּיסק האָט ער געהאַט אָט דער קאַסאַקער, אז אַלע אין טאָזשער האָבען פאַר איהם מורא געהאַט. און בפרט נאָך דער אַלטער פּייווע, וועלכער איז געווען א ציעל פאַר אַלעמען.

האָט זיך דער קאַסאַקער פערנומען „יאָדען" דעם אַלטען, האָט ער שוין דעם גאַנצען טאָג דעם קאָפּ ניט געקענט אויפהויבען. און ער האָט נאָר געפּיהלט אויף זיין אַנגעבויגענעם קאָפּ פליהען דעם קאַסאַקענס וויצען, אַזעלכע משונה'דיגע און אויסגעלאַסענע...

און נאָך מעהר פלעגט ליידען דער אַלטער פּייווע, ווען חברה פלעגען אַריינמישען זיין טאָכטער, רחל, אין דעם „יאָדען זיך". וואָס האָבען זיי געהאַט צו זיין טאָכטער? וואָס טהוט זי זיי? דאַכט זיך ווען זי ברענגט אַהין דעם אָנבייסען אין טאָזשער, רעדט זי מיט קיינעם ניט, קוקט אַפילו אויף קיינעם ניט.

האָבען חברה געוואָלט מאַכען קרענקעניש דעם אַלטען, האָבען זיי זיך געשוואָרען, מיט כל המינים שבועות, אז זיי וועלען איהר ניט אַריינלאָזען אין טאָזשער; וועט זי נאָר אַריינקומען מיט'ן טעפּעל עסען גיבען זיי איהר באַלד דעם ווענ...

אינערליך האָט דער אַלטער גוט געוואוסט, אז זיי מאַכען עס אין שפּאַס, כדי איהם צו קרענקען, ווייל ער האָט שוין פיל מאָל בעמערקט ווען זי קומט מיטאַג צייט אין טאָזשער, ווערען זיי אַלע ווי פערשטומט און ליגען אויף די וואַרשטאַדטען ווי די קלעצער, און ניט זיי ריהרען זיך, ווי זיי וואָלטען זיך געמאַכט שלאָפענדיג.

איין מאל, ווען דער קאַסאַקער האָט זיך געוויצעלט איבער זיין טאַכטער, האָט איהם דער אַלטער געוואונשען ער זאל זיך אָפּשניידען די פינגער מיט דער זעג, און זיך אָפּהאַקען די פיס... האָט דער קאַסאַקער אַ קלאַפּ געטהון מיט׳ן האַמער אַן וואַרשטאַדט און זיך געשוואָרען, זאָל ער אַזוי אַ געזונטער קומען אַ היים ווי גלייך נאָר זיין רח׳קע קומט אריין אין טאָזשער, אַזוי הויבט ער איהר אויף אויף דעם דאָזיגען לייסט און טראָגט איהר אַרויס אין דרויסען... און ער האָט אויפגעהויבען אַ לאַנגען לייסט אין דער הויך...

דעם אַלטען פּייווען האָט זיך געדאַכט ווי מען וואָלט איהם געגעבען מיט דעם דאָזיגען לייסט אין קאָפּ אַריין און ער איז ווי פערטויבט געוואָרען.

אַ נעבעל האָט זיך פערצויגען איבער זיינע אויגען און אין דעם דאָזיגען נעבעל האָט ער געזעהן עמיצען זיך צאַפּלען אויף אַ לייסט...

מיטאָג־צייט איז, ווי תמיד אין טאָזשער, שטיל געוואָרען; גלייך ווי די דאָזיגע אומגעלומפּערטע חיה, וואָס קלאַפּט אַ גאַנצען טאָג און שרייט מיט טויזענדער אומגעלומפּערטע קולות, איז פּלוצלינג מיד געוואָרען און איז געבליבען ליגען אויף די סטרוזשקעס, אויף די ברעטער, אויף די נאָך ניט פערענדיגטע שטיקלעך מעבעל און אויף די געצייגען.

די אַרבייטער האָבען זיך אויסגעשפּרייט טישטיכלעך און פּאַפּירען אויף די וואַרשטאַדטען און געפּראַוועט דעם מיטאָג, און געגעסען האָבען זיי במעט אַלע קאַלבאַס מיט ברויט און פערטרונקען מיט לימאַנאַד. דערנאָך האָבען זיי זיך אויסגעצויגען אויף די בענק נאָזענדיג און באַלד איינגעשלאָפען.

דער אַלטער פּייווע איז געזעסען נעבען זיין וואַרשטאַדט און געוואַרט אויף זיין טאַכטער מיט׳ן מיטאָג. דאָס דאָזיגע שרעקליכע בילד מיט׳ן לייסט האָט זיך עקשנות׳דיג געשפּאַרט פאַר זיינע אויגען. ער האָט זיך געפּיהלט דערשלאָגען, פּונקט ווי אַ חדר־אינגעל ווען דער רבי האָט ניט לאַנג בעשטראַפט.

אויפ׳ן וואַרשטאַדט, אַנטקעגען, איז געשלאָפען דער קאַסאַקער. זיין געזונטער גרויסער קערפּער איז שווער געלעגען אויפ׳ן וואַרשטאַדט. דער אַלטער האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אַן אַנגעברוגז׳טען קוק צום קאַסאַקען, און געקלעהרט, אַז ער וואָלט געהאַט דעם גרעסטען פערגעניגען, ווען דער דאָזיגער קערפּער, מיט׳ן נאָמען „קאַסאַקער״ וואָלט זיך שוין מעהר ניט אויפגעהויבען.

ווען זיין טאַכטער איז אַריינגעקומען מיט׳ן טעפּעל איינגעבונדען אין אַ טיכעל, האָט דער אַלטער נאָך אַלץ געקלעהרט אַן דעם פערגעניגען וואָס ער וואָלט געהאַט ווען דער קאַסאַקער וואָלט אַמוועניגסטען אַוועקגעגאַנגען פון טאָזשער...

— וואָס אַזוי שפּעט? — האָט דער אַלטער אַ ברום געטהון און זיך פערשפּילעט די העמד.

— נאָך ניט געווען פאַרטיג — האָט זי געענטפערט און אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּעל אויפ׳ן וואַרשטאַדט.

זי איז געווען אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג מיט שפּורען פון זאָרג אויף איהר פערעלטערט פּנים. איהר וואַקסיגער און גוט פאַרמירטער קערפּער האָט צוגעצויגען דאָס אויג. נאָר איבער אַלעס האָט זיך באַלד געמערקט,

אַז זי לעבט אין אַ שרעקליכער נויט. איהרע קליידער זענען געווען ניט ריין און איהרע האָר כמעט גאַרניט פערקעמט.

זי איז געשטאַנען ביים וואַרשטאַדט אַנגעשפּאַרט און געוואַרט אויף די טעלער.

דער קאַסאַקער האָט זיך אַ ריהר געטהון, און, דערזעהענדיג רחל׳ען האָט ער באַלד צוגעמאַכט די אויגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ קוק געטהון אויף איהרע גוט-ענטוויקעלטע אַקסלען און שוין די אויגען ניט פערמאַכט. זיינע קאַסאַקע ווייסלען, וואָס האָבען געקוקט צוקרימט, האָבען אויסגעדריקט אַ מאָדנע בענקעניש, ווי פון אַ פערבלאָנזשעטען הונד.

בעת מעשה האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט וואָס ער האָט אַזוי געקרענקט דעם אַלטען און נאָך אַריינגעמישט זיין טאָכטער אויך. וואָס האָט ער צו רחל׳ען? זי זעהט אויס צו זיין אַ גאַנץ וואויל מיידעל... ער האָט זיך שאַרפער איינגעקוקט אין רחל׳ען און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געקוקט אויפ׳ן אַלטען... געזעהן אָבער האָט ער איהרע אַקסלען, און איהר טאַליע, וואָס איז געווען שלאַנק און פּרויענטימליך.

ער האָט אַ קלעהר געטהון וועגען שיקען אַ שדכן, און ווערען אַ גוטער ברודער מיט׳ן אַלטען פּייווען.

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער זיך אויפגעהויבען און, בלייבענדיג זיצען אויפ׳ן וואַרשטאַדט, אַ זאָג געטהון צום אַלטען:

— אַ הייסער טאָג היינט... האַ?...

— גען, ווער איינגעזונקען! — האָט פּייווע אַ ברום געטהון און זיך גענומען צו דער אַרבייט.

—איהר זענט אַן אַלטער גאַרניט!—האָט דער קאַסאַקער אַ געשריי געטהון און אַ וואַרף געגעבען דעם האַמער אין די סטרוזשקעס אַריין...

י. העלפמאן
ערצעהלונגען

א מעשה מיט טויבען
אין א פריהלינגס-אבענד
בונין
ברוך זלאטיק

אַ מעשה מיט טויבען

I.

א יונג פאאר-פאלק זענען זיי געווען, האבען זיי געוואוינט אין א פארשטעד-טעל, אין א קליין ציכטיג שטיבעל, וואס איז בעשטאנען פון צוויי אויסגעווייסטע קליינע צימערלעך, מיט שפאגעל-נייע ארייגעשטעלטע מעבעל, און א טויבענשלאג איז אין הויף געווען.

גאנץ פריה, אז ס׳האט נאר אנגעהויבען בעגינען, איז ער אויפגעשטאנען צו דער ארבייט, און נאר מיט׳ן גערויש פון זיינע לייכטע טריט, וואס ער האט זיך אזוי נעפלייסט ניט צו מאכען, האט ער דאס יונגע ווייבעל פון שלאף געוועקט. און דאס יונגע ווייבעל האט זיך א האלב-פערשלאפענע אין בעט און מיט א ברוגז׳דיגען זיפץ, שטיל און ליבליך אפגעגעניצט אונטער דער ווייסער דעקע:

—אוי בעריל, כ׳וויל אזוי שלאפען, אז דאס חיות געהט מיר אוים. זי האט זיך נאכדאם אויסגעדרעהט, מיט פערקלעפטע און מיט שלאף אנגעגאסענע אויגען, מיט׳ן פנים צו דער וואנד, און דעמאלט האט זי בערלען געוויזען א ווייס-קלארען אלבאסטער-האלז, און א בלאנדען צושויבערטען קאפ, וואס האט געזונקען אינ׳ם ווייס-קלארען קישען. און ער, בעריל, ביי וועלכען דער שלאף איז נאך אויפ׳ן האר-צען געלעגען, האט געקוקט אויף איהר שלאנקען געטאקטען קערפער, וואס האט זיך תאוה׳דיג אונטער דער ווייסער דעקע געצייכענט. און ווען ניט די פערשאל-טענע ארבייט, וואס טרייבט אזוי גיך אין גאס ארוים, וואלט ער צו דעם קערפער צוגעפאלען און איהם ניט אויפגעהערט צו קושען און צו קושען...

—שרה׳לע!—האט ער זי געפרובט וועקען, און אין דער שטיל מיט פלים-טערענדע ליפען ארויסגעשאמעלט:

— צום ווידערזעהען, שרה׳לע! ביי דער טיר האט ער זיך א פאאר מאל אומגעקוקט, און מיט לייכטע טריט און איינגעהאלטענעם אטעם, האט ער זיך שטיל ארויסגעשלייכט.

II.

ערשט ארום ניין א זייגער, ווען די זומערדיגע זון האט שוין א צייט גע-ברענט אין דער שויבען-טיר פונ׳ם שלאף-צימער, און שרה׳לען, וואס איז געלעגען אין א דרימלענדער מאטקייט, האט אנגעהויבען שטיקען די היץ פון אזוי פיל ליגען אין בעט, האט זי זיך פויל פונ׳ם געלענער אראפגערוקט און זיך גענומען אנטוהן.

און א טבע האט זי שוין געהאט, אט די שרה׳לע, ביי יעדען דרעה וואס זי האט זיך געגעבען, זיך א פערטראכטע אין שאפע-שפיגעל פערקוקען, און מיט די

שפיץ=פינגער זיך דעם ווייס=קלארען שטערן גלעטען. און ביים קראנט איז זי שוין א צייט נעשטאנען. און לאנגזאם, פערטראגען, אהן א זינען, געריבען מיט זייף אויף איין ארט איהר ווייסען אלבאסטער-האלדז און געטראכט לאנגווייליגע תאוה׳דיגע געדאנקען.

מיטאג=צייט, איז זי אליין אין צימער ביים טישעל געזעסען, נעקייט שטיקלעך ברויט און געזיפצט. אדער זי איז צוגעגאנגען מיט א שטיקעל ברויט אין מויל צום שאפע-שפיגעל און, א פערטראכטע, זיך גוט איינגעקוקט, ווי זי קייט דאס מיט איהרע ווייסע פערעלדיגע ציין, און די ווייסע גלאטע אפגעצויגענע באקען בעוועגען זיך. און אזוי האט זיך ביי איהר געצויגען א שטונדע נאך א שטונדע. אין הויף איז געווען שטיל און איינטאניג, נאר פון צייט צו צייט האט זיך געהערט א פליגעל=גערויש און דאס ווארקען פון די טויבען. און א אומעט, א נאגענדער אומעט האט איהר דאן תאוה׳דיג ארומגעכאפט. איהר האט זיך געוואלט, אז אין דער דאזיגער שטילקייט זאל איינער נעבען איהר זיצען, זי האלטען ביי זיך אויפ׳ן שויס און נאר קושען און גלעטען... און ער, בעריל, האט זי זיך געטראכט, האט זי אודאי שטארק ליב, נאר ער וויים אזוי ווייניג וואס זי וויל, און זי מוז דאס איהם אויסלערנען וואס הייסט האבען א פרוי. ער מוז דארט שטעהן ביי דער ארבייט, און איהר אפילו אין זינען ניט האבען, ווי זי לאנגווייליגט זיך און נודעט זיך אפ גאנצע זומער-טעג און האט ניט מיט וועמען א ווארט צו רעדען. און שטארק פערדראסיג איז איהר געווארען אויף איהם, וואס רעדט נאר תמיד פון זיין טויבענשלאג, און איצט מוז ער מסתמא אויך טראכטען פון דעם, פון זיינע טייערע טייבעלעך, צי זי, שרה׳לע, גיט זיי כאטש א טרונק...

אוועגד=צייט, ווען טונקעלע שאטענס האבען זיך אנגעהויבען ציהען פאר׳ן שטיבעל אין פערחשבות׳ען דאס הויפעל, האט שרה׳לע פון די געדאנקען אויפגעוואכט, און מיט א זיפץ זיך דערמאנט, אז באלד וועט שוין נאכט ווערען און מען מוז פאר בערלען וועטשערע קאכען.

III

אויפדערנאכט, ווען אין דער גאנצער ווילא איז שוין פינסטער און שטיל געווען, איז שרה׳לע, אפגעפארטיגט מיט דער הויז-ארבייט, געזעסען אויף א בענקעל געגען לאמפ, און זיך אלע וויילע, מיט אויפגעשפיצטע אויערן צום דרויסען איינגעהערט, צי בעריל קומט ניט. זי האט אזוי זיך געלאנגווייליגט, און ווי אלע אויפדערנאכט, האט זי שוין מעהר נערוועאיש א טראכט געטהון, אז היינט פערשפעטיגט ער זיך מעהר ווי תמיד, און זי מוז איהם שוין אנזאגען פאר אלע מאל.

אבער, בעריל איז שוין פונ׳ם צענטער, וואו ער האט נעארבייט לאנג געקומען. נאר אזא טבע האט ער שוין געהאט, אז וואו ער זאל ניט געהן אדער זיין, האט ער געמוזט ערגיץ ארייגעהן קויפען פראסע אדער זערנע פאר די טויבען.

אז ער איז צוגעקומען צו דער שטוב, האט ער מיט שטילע טריט, כדי שרה׳לע זאל ניט דערהערען, זיך ארייגגע׳גנב׳עט אין פינסטערען הויפעל און זיך פאמעליך צוגעשארט צום טויבענשלאג.

—מיינע טייערע טייבעלעך!—האט ער צערטליך אנגעהויבען רעדען צו זיי —איהר האט מסתמא נאך היינט ניט געגעסען—און ארויסשלעפענדיג א פאפיער מיט זערנע, האט ער עס פאר די טויבען אויסגעשאטען.

—אוי איז זי א שלעכטע! האט זיי אפילו קיין וואסער ניט געגעבען... האט ער בעמערקט דאס ליידיגע, טרוקענע בלעכעל. און ווי ער האט זיך געלאזט מיט דער כלי נאך וואסער, איז שוין שרה׳לע געשטאנען אויף דער האלב-בעלויכטענער שוועל, א צעקאכטע, און מיט א ציטערענדיגער שטים פון אויפרעגונג קוים אויס־גערופען:

—בעריל, ביזט שוין דא, שעהנער מענש! ווייטער מיט די טויבען? שעמען מעגסטו זיך! און געבענדיג א פראל מיט דער טיר, האט זי בערלען געלאזט א צומישטען. ער האט זיך, ווי תמיד, געפיהלט שולדיג, און זיין פנים האט געשמיי־כעלט אין דער פינסטער.

—ס׳איז א רחמנות אויף זיי—האט ער פאר זיך גע׳טענה׳ט—זיי וועלען ווען עס איז פון הונגער אויסשטארבען.

אין שטוב האט ער געטראפען שרה׳לען א פערכמארעטע, און א ליכטיגער רוגז האט געשוואומען אין איהרע קוים ערנסטע בלויע אויגען.

—טאקע ברוגז? — האט ער זיך קינדעריש גענומען דרעהען ארום איהר, און מיט א שמייכלענדיג בעטענדען פנים, איהר געוואלט און די אויגען אריינקוקען. זי האט זיך אלע מאל, ווי מיט אנ׳אנשטעל, אוועקגעדרעהט פון איהם און איהם גע־לאזט איהר נאכגעהן מיט ציטערענדע בעטענדע ליפען איבער׳ן גאנצען צימער, ביז זי האט זיך אין א ווינקעל פערדרעהט, און מיט׳ן פנים צו דער וואנד אויס־געשריען:

—געה אוועק פון מיר, זאג איך דיר!

—אבער, שרה׳לע, וואס רעדסטו, ס׳איז דאך א רחמנות...

—א רחמנות! און אויף מיר וואס איז קיין רחמנות ניט!—האט זי זיך שוין פון טרערען ניט געקענט איינהאלטען און אנגעהויבען וויינען.

—אזוי גאר, דו וויינסט!—האט בעריל געשמייכעלט און זיך געלאזט צוגעהן צו איהר.

—האסט דאך ליב די טויבען, ניט מיך—האט זי אויסגעשריען—געה־זשע דיר צו זיי, געה!

בעריל, געריהרט פון שרה׳לעס טרעהרען, האט איהר אנגענומען ביי דער האנד און זי אנגעהויבען קושען.

—אבער וואס קען דיך ארען, טייערע! ס׳איז דאך א חיות צו קוקען אויף זיי. זי האט בייז געגעבען א קוק אויף איהם.

—פערקויף זיי, זאג איך דיר, וואס דארף איך זיי?

—פערקויפען, זאגסטו! — איז בערלען עפעס קאלט געווארען ביים הארצען —וואס הייסט, ווי אזוי פערקויפט מען אזוינס פון דער שטוב, רעד ניט קיין נא־רישקייטען!

—גוט, גוט, מיר׳ן שוין זעהן, וואס ס׳וועט זיין. קאנסט זיך האלטען מיט זיי!

בעריל, הערענדיג דאס, האט ווידער אנגעהויבען שמייכלען, און ניט אויפגעהערט צו זוכען איהרע בלויע, קוים ערנסטע אויגען, וואס האבען ערגעץ פאר זיך ברוגז׳דיג געשמייכעלט.

IV

און עס האבען זיך געצויגען טעג מיט זומערדיגע מילד־ווארימע פריה-מארגענס, און בעריל פלעגט מיט א הייליגער ליבע אין הארצען, און מיט מילדע צארטע ווערטער אויף די ליפען, זיין שטיבעל, איינגעהילט אין בעגינען-ליכט אי-בערלאזען. און זיין טייערע, הארציגע שרה׳לען, וואס האט אפשר א זיסען חלום מיט איהר פערשלאסענע אויגען בעהאלטען, האט ער געלאזט איינע אליין, א שלאפענדיגע, אונטער דער ווייסער דעקע. און אזוי אויך זענען אויפדערנאכטען געקומען, פול מיט לעבעדיגען פערדרוס און צערטליכקייט, און אוועקגעגאנגען, מילדע און ווארימע ווי ערשינערונגען פון שעהנע ליבע חלומות. און בעריל, לאזענדיג נאך זיך דעם נעכטיגען טאג, האט נאר אין דעם היינטיגען זיין לעבען געלעבט. ער האט אלע אויפדערנאכט געבראכט פראסע מיט זערנע פאר זיינע טויבען, און שרה׳לע, א אייפערזיכטיגע, מיט בלויע, קוים ערנסטע אויגען, האט זיך אנ׳אנגאברוגז׳טע, אין א ווינקעל פערדרעהט, און ער, מיט א בעטענדען פנים, האט איהרע ציטערענדיגע פערדראסיגע ליפען געקושט.

ביז ס׳איז אנגעקומען דער פייכטער, טרויעריגער הערבסט מיט זיינע קאלטע פראסטיגע פריה־מארגענס און רויכיג־פערנעפעלטע אויפדערנאכטען.

איינע אליין, נאך א גאנצען טאג פון טראכטען לאנגווייליגע, נאגענדיגע מחשבות, איז זי ווי תמיד געגען לאמפ געזעסען, און א יונגע מרה־שחורה האט פון איהרע בלויע, שוין עטוואס טריבע אויגען ארויסגעקוקט. און פונקט ווי אלע מאל, האט זי זיך צוגעהערט צום דרויסען, אבער שוין ניט צו בערעלס אנקומענדע טריט, נור ווייס, אפשר צו אזוינע טריט, וואס זי האט זיי אמאל אין חלום געהערט, אדער גאר צום געדודער, וואס בעריל האט אין הויף געמאכט און צום ניט היימליכען ווארקען פון די טויבען.

די ארומיגע שטילשווייגעניש פון דער ווילא האט זיך אין איהר צימער פערקליבען און זיך געלעגט מיט שווערקייט אויף איהר הארצען. זי האט דערפיהלט דעם צער פון יונג-דערשטיקטע ליידענשאפטען, פון א יונג-ווייבעל וואס זיצט איינע אליין אין א ווינקעל עלענד און פערלאזען און ער, בעריל, טראכט ניט מעהר ווי פון זיך מיט זיינע טויבען...

און דאס הארץ האט איהר אזוי געקלעמט ביי דעם געדאנק, אז בעריל ווייסט טאקי אליין ניט וואס איהר פעהלט און קען בכלל קיין פרוי ניט ליבען, און זי מוז איהם עפעס טהון אזוינס איהר הארץ צו שטילען.

בעריל, ווידער, האט אפשר גארניט געוואוסט פון דעם, און בכלל שוין גע-וועהנט געווארען מיט זיין ווייבעלס רוגז. און פרעג, שוין ניט נאר אויפדערנאכט, נאר אויך אלע זונטאג, שטעהן א פערנאפטער ביי זיך אויפ׳ן דאך שטיבעל, און א צופרידענער קוקען אין דער הערבסטיגער, בלויער לופט פון טאג, ווי זיינע טוי-

בען פלאטערן דאס ארום מיט א זיסען פליגעל-געררויש פון איין דאך צום צווייטען. און אט זעהט ער, ווי יענע טויב, א „זי", פליהט אוועק און שטעלט זיך פונקט אויפ'ן קלויסטער-דאך... תמיד האט זי אזא טבע אהין אוועקצופליהען. א שטייגער, וואס — האט ער געטראכט — האט זי דארט צו טהון. און ווייטער א פערטראכטער, האט ער זיך דערמאהנט, ווי שרה'לע, כאפט זיך אויף אמאל ביינאכט, א דערשראקענע, הערענדיג דעם גערודער און דאס ווארקען פון די טויבען, און הויבט אן ציטערן גלייך גנבים וואלטען זיך דערביוועט. און ער, בעריל, קען זיך דאס ניט דערקלערען.

— דאס מוז זיין אנ'איינרעדעניש — האט ער ביי זיך געפועל'ט — אלא וואס דען?.. נאר פלוצים האט ער דערהערט דאס כעס'דיגע ווארפען מיט די בענקלעך אונטען אין צימער, און ער האט שוין פערשטאנען, אז דאס מיינט זי, שרה'לע, איהם...

V

ענדליך איז געקומען א פרייער יום טוב-טאג, ווען בעריל האט ניט געדארפט געהן צו דער ארבייט, איז ער אויפגעשטאנען גאנץ פריה און זיך ארויסגעכאפט אין הויפעל. אין דרויסען האט זיך געפיהלט די הארבקייט פונ'ם נאכטיגען נעבעל, וואס האט שוין געהאלטען אין צעשווימען ווערען, און די פייכטקייט איז אין דער נידעריגער לופט געהאנגען און האט זיך אומבעמערקט פון קיינעם, ערגעץ אויף די גערטענער און פעלדער געשפרייט, און אויף אלע דעכער, אין יעדען הויף, אין יעדער שפארע אריינגעדרונגען.

בעריל איז געשטאנען א רוהיגער נעבען טויבענשלאג, גלייך ער וואלט מיט זיין גאנצער גרויס און יאהרען ערשט היינט האבען געבוירען געווארען, און זיך אזוי געטריי גע'עסק'ט מיט זיינע טויבען.

שרה'לע איז, ווייזט אויס, שלעכט און אונרוהיג די נאכט געשלאפען און אפשר האט איהר א בייזער, לעצטער חלום פון שלאף אויפגעוועקט. זי איז שוין געשטאנען האלב-אנגעטהון אנטקעגען שאפע-שפיגעל, און קעמענדיג זיך די גאלד-בלאנדע האר, האט זי זיך נערוועז צוגעהערט צו די רוהיגע טריט און צום גערודער וואס בעריל האט אין הויף געמאכט. היינט, האט זי ביי זיך געטראכט, וועט זי זיך שוין צו גארניט צודיהרען און וועט אפילו קיין קאווע ניט צוגרייטען, לאז ער ניט מיינען, אז זי איז מיט אנ'אמת'ן פערקויפט צו איהם.

שפעטער איז בעריל אריינגעקומען גאנץ געמיטליך און געלאסען און בעמערקענדיג אז די קאווע איז נאך ניט פארטיג אין שרה'לע איז שטארק פערטהון מיט זיך, האט ער גענומען זיין היטעל מיט דער זעלבער געמיטליכקייט און זיך אנגערופען:

— איך געה צום ראזירער, שרה'לע, אז ס'וועט קומען דער איטאליענער, זאלסטו איהם היסען ווארטען.

— וואס'ער איטאליענער?

— איינער א איטאליענער, וואס דארף מיר ברייגנען א פארעל טויבען.

— נו, איז וואס? — האט זי שוין בייז א זאג געטהון.

—וואס זאל זיין נארעלע, קענסט זיי בייַ איהם צונעהמען אדער איהם היי־סען ווארטען.

— אזוי, זעהר שען!—האט זי שוין סארקאסטיש געזאגט: וואס מיינסטו, איך וועל עפעס זיין א דינסט דיינע און דו וועסט ווי א דרייצעהן־יעהריגער בחור האבען צו טהון מיט נארישקייטען? א, דאס געהט שוין ניט!

—וואס פאר נארישקייטען זעהסטו? קינד וואס דו ביזט!

—הערסט—האט זי צארניג אויסגעשריען—דו זאלסט זיך ניט דערוועגען מיך צו רופען קינד, נארעלע, ווייל דו אליין ביזט א גרויסער נאר!

—בין איך א נאר! מילא וואס טהוט מען אז מען האט א מאן א נאר!

—אודאי ביזטו א נאר, אזוי פיהרט זיך ניט א מענש וואס האט שוין א פרוי, דו האסט עס געדארפט וויסען נאך איידער דו האסט חתונה געהאט, אז א פרוי איז ניט קיין שפיעלכעל, און אויך ניט קיין טויבען!

— ווער זאגט דיר אז ניין, נארעלע! אבעה וואס ווילסטו זאל איך דיר טהון, וואס?

—אט דאס איז דאך דער אומגליק מיט דיר, אז ווען מען כאפט דיך אן, ווייסט דו פון גארנישט ניט. אויף אזא אופן האסט דו ניט געטארט חתונה האבען.

—הערסטו! — האט זיך בעריל צעלאכט—אבער ס׳איז דאך שוין פערפא־לען, איך האב דאך שוין חתונה געהאט!

שרה׳לע האט איהם געוואלט אויף דעם ענטפערען, נאר דער געוויין האט איהר זי שוין אין האלדז געשטיקט און די אויגען זענען איהר פערלאפען מיט טרעהרען.

—ער איז א גולם, א גולם—האט זי געבליפעט אין דער שטיל, פאר זיך, און צו איהם מעהר ניט געוואלט קוקען.

בעריל איז א ווייַלע געשטאנען ווי אפהענדיג און ניט געוואוסט, וואס ער זאל פריהער אנהויבען טהון. ער האט געפיהלט א נויטיגקייט צוצוגעהן צו איהר, זיך בעטען, זאגען איהר עפעס אזוינס, וואס זאל קענען גוט מאכען. אבער ער האט זיך געפיהלט ווי אונבעהאלפען און אין דער שטיל, מיט ציטערענדע ווערטער זיך אנגערופען:

—שרה׳לע, איך געה אויף א ווייַלע אוועק, כ׳וועל באלד צוריק קומען.

זי האט הינטער איהרע פלייצעס געהערט די טריט זיינע, וואס דערווייטערן זיך און איהר הארץ האט נאך מעהר אנגעהויבען אויפברויזען פון וועהטאג און פערדרוס. ער איז אפילו צו איהר ניט צוגעגאנגען, אט דער גולם! האט זי געלאזט שטעהן אין אזא מעמד און גארניט, ס׳זאל איהם אנהויבען ריהרען. זי איז א ווייַ־לע געשטאנען און געטראכט, ניט וויסענדיג וואס צו טהון מיט זיך. זי האט גענו־מען ארומקוקען זיך אין צימער און ניט געפונען עפעס אזוינס אויף וואס איהר פערדרוס אויסצולאזען. וואס זאל זי טהון איצטער? אן וועמען און אן וואס זאל זי זיך נוקם זיין, אויף וואס זאל זי איהר כעס אויסלאזען? פלוצים האט זי זיך ווי אן עפעס דערמאהנט און איהר הארץ האט אנגעהויבען העפטיגער שלאגען. זי האט א פאאר מאל א קוק געטהון אין דער שויב-טיר, האט זיך נאכדעם אין ווינקעל אנגעבויגען און פון דארטען א גרינע פלאש ארויסגענומען.

אין הויפעל איז געווען שטיל, מאדנע שטיל, זי איז צוגעגאנגען נאהענט צום טויבענשלאג און געווארט. די טויבען זענען אריין און ארויסגעפלויגען, און פון אינעווייניג האט זיך א שטילער ווארקען געהערט. מיט אמאל האט זי דאס טירעל פערמאכט, און דעם טויבענשלאג פון דער הויך אויף דער ערד אראפגעשטעלט. זי האט א ווייל׳ע ווי געישוב׳ט זיך, האט א פאאר מאל דורך די שפארינעס אין טויבענשלאג אריינגעקוקט און מיט דער גרינער פלאש אין דער האנד דעם קעראסין געגאסען, האט מיט ציטערנדיגע הענד א שוועבעלע אנגעצינדען און עס מיט שרעק א ווארף געטהון. עס האט מיט אמאל געטהון א שטארקען פלאם... און א שווארצער רויך האט זיך אנגעהויבען קרייזען און האט זיך געצויגען אין דער הויך און נאכדעם צוריק געפאלען און זיך געלעגט איבער׳ן הויפעל.

זי האט נאך אוספיעט צו הערען א שטארקען גערודער און א ווארקען, און איז א בלאסע, א דערשראקענע אין צימער אריין.

בעריל, שוין א גלאט אפגעראזירטער, איז אריינגעקומען פון דער גאס און דאס דערזעהן איז ער געבליבען שטעהן א געליימטער מיט ווילדע אויסגעשטעלטע אויגען.

ס׳איז געווען אזוי מאדנע שטיל אויפ׳ן הויף, גלייך ווי איינער וואלט דעם אטעם איינגעהאלטען און ס׳האט זיך געהערט נאר דאס פרעהליכע קנאקען פון די אויסגעטרוקענע ברעטלאך.

שרה׳לע איז געשטאנען אין צימער, און מיט א שרעקענדיגען גצחון דורך דער פענסמער-טיר ארויסגעקוקט, און צוגעזעהן ווי בעריל, א בלאסער און א צו-טומעלטער, לעשט דעם שוין פערברענטען טויבענשלאג, און מיט טרעהרן אין די אויגען שלעפט ער איינציגווייז ארויס עטליכע אפגעסמאלעטע דערשטיקטע טויבען...

אין אַ פריהלינגס-אָוועגד

דער פריהלינגס-אוועגד האט בעהערשט די גרויסע שטאדט.

דער הימעל, א פיאלעט-בלויער, אויסגעוואשען פון א שטארקען פריהלינגס-רעגען, איז מיט גרויסע פינקעלדיגע שטערען איבער דער שטאדט געהאנגען, און פון מינוט צו מינוט, איז ער טיפער און טונקעל-בלויער געווארען, דער בין השמשות האט זיך זאבט אינ׳ם חושך געהילט און דערטרונקען געווארען אין דער סוף חודש׳דיגער נאכט.

די גאסען אין ווערכע, איך מיט מיין חבר האבען ארומגעבלאנקעט, זענען רוהיג און שטיל געווען. די געשעפטען מיט די בעלויכטענע שויפענסטער און וויט-רינעס האבען עפעס מיט דרך ארץ ארויסגעקוקט אין גאס אריין. און די מענשען וואס האבען זיך אין גאס ארומגעדרעהט, האבען אזוי רוהיג און ציכטיג אויסגע-זעהן, גלייך דער רעגען וואלט שוין האבען אויף תמיד אפגעוואשען דעם וואכעדי-גען שטויב פון זיי...

די קאפע-הייזער, מיט די אפענע טהירען און פענסטער, מיט די געשליפענע שפיגלען, מיט עלעקטרישען שיין בעגאסען, האבען אהן דעם געוועהנליכען עזות פון א גאנץ יאהר, געצויגען צו זיך די פארבייגעהער. ביי די קליינע קאפע-טיש-לאך, אין א בנעימות׳דיגער פאזע, מיט ערענסטע פערטראכטע פנים׳ער, איז גע-זעסען א קליינע צאהל בעזוכער, און קוקענדיג זיך אין די אויגען אריין, האבען זיי עפעס געשמועסט אין דער שטיל. נאר איינער, עפעס א „יחיד" מיט א פער-רוקטער שטרויענער רונדע, איז ביי א טישעל געזעסען. קענטיג שוין ניט קיין יונגער, נאר מיט אויגען פערטראכטע און פער׳חלומ׳טע, האבען געקוקט ערגיץ... ווער ווייסט, וואוהין זיי האבען געקוקט... פון צווישען די פינגער, האט ער אלע מאל דעם ציגאר א ציה געטהון, און טיף אין שטערען אריין די אויגען פערצויגען...

—וואס א שטייגער, זאל ער, אזוינס טראכטען?—האט זיך מיין חבר פער-אינטערעסירט.

—ווער ווייסט איהם. מסתמא פון זיינע געשעפטען—האב איך געענטפערט.

—פון געשעפטען טראכט זיך ניט אזוי. געווים טראכט ער פון פיעל שע-נערע זאכען.

—לאז געמאך—האב איך אויסגערופען—עס מוז זיין עפעס א סוחר׳ל, און דו ווילסט שוין פאנטאזירען וועגען איהם.

—זאג דאס ניט—האט מיין חבר זיך געבעטען.—איך סימפאטיזיר צופיעל מיט די פערטראכטע, פאר מיר זענען זיי שטענדיג די יחידים, וואס טראגען א סוד מיט זיך... און געהענדיג ווייטער, האט ער צוגעגעבען:

—דו געהסט אמאל אין גאס, אינ׳ם רווישיג־קאכענדיגען צענטער. מענשען לויפען ארום ווי פערסס׳טע, שטויסענדיג זיך נערוועאיש און פערשוויצט איבער די ענגע טראטוארען. א שטויביגער נעבעל טראגט זיך אינדער לופט, אויסגעמישט מיט א מבול פון געשרייען און גאסען־גוואלד. דו זעהסט פאר זיך דעם לעבענס־ים אין וועלכען אלע שווימען זוכענדיג א ברעג, און זעלטען ווען איינער דער־שווימט צו איהם... פלוצים בעמערקסטו איינעם שטעהן אין ראג גאס, מיט פער־לעגטע הענד אויף דער ברוסט, דוכט זיך א פערטראכטער און א פער׳חלום׳טער, פרעמד פון די אלע, וואס שטויסען זיך ארום איהם, אבער דאך בלאנדושען די אויגען זיינע איבער אלעמענס קעפ און מעשים, און קוקען, קוקט ער מיט גרויס בעדויערען אויף דער וועלט...

מיר זענען אריין אין א האלב־טונקעלער גאס, אינגאנצען צוויי גאז־לאמטע־רענס האבען אין דעם קווארטאל געברענט.

—און מיר—האט מיין חבר א אומעטיגער א זאג געטהון—זענען דען ניט פון די דאזיגע יחידים?... בלאנקען מיר זיך דען ניט ארום איבער דער וועלט מיט א עפעס?... און אויב מיר קלאגען זיך אמאל, איז שולדיג אט דער נידעריגער שטויב, וואס מיר שלינגען אין זיך, און וועלכער פערשטאפט אמאל אונזערע חושים, פאר דער אייביגער שפע, וואס שוועבט איבער אונזערע קעפ...

מיר זענען אריבער אין דער מזרח געגענד פון דער שטאדט. די גאסען שטילע און ציכטיגע, האבען דערצעהלט פון זייערע בירגערליכע אריסטאקראטי־שע איינוואוינער, און מיט דער דאזיגער העפליכער זארגלאזיגקייט, האבען די העל־בעלויכטענע קארידארען, מיט זייערע מילך־ווייסע מראמארנע טרעפ ארויסגעשיינט. שאפערען, ביי זייערע פיינע עלעגאנטע אויטאמאבילען, האבען דראטיג־פערפוצטע פאר די ליכטיגע טירען געוואַרט, און געקוקט מיט דרך־ארץ אויף די גראנאטע־נע טעפיכער, וואס פיהרען אין די רייכע אריסטאקראטישע וואוינונגען.

—אך, די דאזיגע ראפינירטע זארגלאזיגקייט!—האט מיין חבר בעמערקט.—אבער וואס זאגסטו אויף דער דאזיגער צויבער נאכט, ווי זי כשופ׳ט דאס, און ווי זי בעאונרוהיגט...

איך האב אויפגעהויבען די אויגען צום בלויען אויסגעשטערנטען הימעל, און דאס הארץ האט גענומען וואקסען גלייך די פרישע רעגענוואסער, וואס האט זיך נאך אין דער לופט נעפיהלט, וואלט מיין אומעט פון דארטען האבען אראפ־געשווענקט. דערפיהלט האב איך די ריינע אויסגעוואשענע לופט און עפעס האט אין מיר אויפגעציטערט. דאס פנים האט דערפיהלט דאס מילד ווינדטעל, וואס איז געקומען צושוועבען פון ערגיץ און מיינע אויגען מיט א חלום פערצויגען. מיין דמיון האט מיך פערטראגען אויף די גרינע פייכטע פעלדער, וועלכע איך האב געזעהן בחוש, ווי זיי ליגען געהילט אינ׳ם נאכט חושך. מיר זענען ארויס אויף א ברייטער און שטילער גאס. די עלעקטרישע, מיט ליכט אנגעגאסענע לאמ־פען, האבען אזוי פאנטאסטיש אויסגעזעהן. זייער ווייסע זילבערנע נעץ, האט זיך געשפרייט איבער דער לענג פון דעם הילצערנעם געפולירטען ברוק און געמאכט געהיימניספולער, די מיט די ביימער פערשאטענע טראטוארען, איבער וועלכע

הויכשטאקיגע הייזער זענען געשטאנען ווי פערטראכטע. פון די פינסטערע פער-מאכטע פענסטער האבען די קוים בעלויכטענע „פערסיאנען"-שפאלטען פון אזוי פיעל היימישען גליק דערצעהלט... און פון די קליינע לופט גאניקלעך, מיט זייערע אפגעווייסטע אייזערנע שטאכעטען האבען די שעהנע עלעגאנטע פרויען אראפ-געקוקט... געקוקט מיט זייער שטענדיגען פאטעטישען שמייכעל אויף זייער ארים-סאקראטישען פנים...

א קליינע ווילע זענען מירביידע געגענאיבער אזא הויז שטעהן געבליבען, לאנג האבען מיר אויף די פינסטערע באלקאנען געקוקט, און מיין חבר האט געזאגט:

—ווער, א שטייגער, וואלסטו געוואלט זאל וואוינען אין אזא הויז?

—ווער א שטייגער?

—דא מוז וואוינען איינע פון די פאמיליעס, וואס זייער גליק, איז צו זיי איבערגעגאנגען בירושה... די עלטערן שוין גאנץ בעיאהרטע מענשען; ער מיט גאלדענע ברילען אויף דער נאז, מיט ווייסע בארד און ברעמען, זיצט אויבענ'אן מיט גרויס דרך ארץ צו זיך און צו זיין פערגאנגענהייט, און זי, מיט בריליאנטענע אויירינגליך אין די אלטע אויערנלעפלעך טראגט אנ'אריסטאקראטישען פארוק אויפ'ן גרויען קאפ. אויף איהר צוקנייטשטען פנים שוועבט די בארימהערציגע פרומקייט פון קאנפעסיאנס-צימער און אין די פאלדען פון איהר שווארצען זיידענעם קלייד פיהלט זיך נאך דער ריח פון היילעגע קטורת... ביידע קלייבען זיי נחת פון זייערע קינדער, וואס לעבען אין פרידען און טראכטען וועגען זייער אייגענעם גליק. אבער דערפאר... א מיזינקע האבען זיי, א יונג מיידעל נאך, מיט לייטזעליגע בלויע אויגען, און אראפגעלאזטע צניעות'דיגע וויעס צו פערבארגען פאר דער מאמעס פרומע בליקען און קלוג געווארענע שטובמענשען, דעם איינציגען היילעגען סוד, וואס די ליבע האט אויפגעוועקט אין איהר הארצען...

דער געליבטער איהרער, דער בחור מיט די שווארצע ברענענדיגע אויגען שטעהט איהר א גאנצע טאג הינטער די פלייצעס, און אפילו דאן ווען די פינגער ציהען פון דער פיאנע ארויס די הארציגסטע עדעלע אקארדען, מוז זי זיך אויס-דרעהען צו די שויבטהירען, וואס קוקען שטענדיג אויפ'ן באלקאן ארויס, און א כאפ טאהן זיך מיט ביידע הענד פאר'ן הארצען... דעם גאנצען אווענד איז זי א אונרוהיגע, ציקט קאפריזנע מיט די קינדישע אקסלען, ווען מען רעדט צו איהר, און קוקענדיג אלע ווילע אין די שויבען, וואס טונקלען זיך שוין אין דעם אומעטיגען בין השמשות, ציטערט איהר יונגע נשמה פאר אומגעדולד...

און יעצט ווארט זי מסתמא אפ די געלעגענהייט, אז די עלטערן זאלען זיך וואס מעהר פעררעדען אין פערגעסען אן איהר... און זי שטילערהייד, זאל זי זיך צושלייכען צום פענסטער, פיהלענדיג, אז איהר געליבטער ווארט שוין אין דרויסען אויף איהר און וויל זי זעהן...

אך ווי זי וויל איהם זעהן!...

— וואו האסטו דאס געלעזען, טייערער? האב איך לאבענדיג מיין חבר גע-פרעגט.

—ביי מיר... ביי מיר אין הארצען האב איך געלייענט. אבער צו קען איך

דען אצינד טראכטען וועגען עפּעס אנדערש? פיהלסטו דען ניט, ווי א גרויס גליק פול מיט ליבעס-וועה שוועבט ארום אין דער לופט... מיר שפּאנען ארום איבער די גאסען, און די גאנצע צייט ווייזט זיך מיר אויס, אז איך מוז עמיצען בעגעגענען... אויב ניט א געליבטע, וואס איך האב זי נאך ניט, וועל איך געוויס עמיצען בעגעגענען...

און מיר האבען דערזעהן אינ׳ם שאטען פון טראטואר. א ווייסע שלאנקע פיגור פון א פרוי און מיין חבר האט איהר נאכגעשריען:—אנטלויף ניט די שעהנע גראציעזע פרוי! דו טראגסט דעם פריהלינג און די ווייסע פאלדען פון דיין קלייד און דו שוועבסט מיט איהם אוועק...

—„אדולאדאר״, „עמבוסטערא״!—האט זי געלאכט אוועקלויפענדיג.—זאל מיך גאט שטראפען—האט מיין חבר איהר נאכגעהענדיג גערעדט.

— אבער וואס געהסטו מיר נאך!—האט זי זיך געבייזערט,—דיינע שווארצע זומער אויגען ציהען מיך צו דיר, מיין קינד, אנטלויף ניט, ווארום איך וועל בענקען נאך דיר טייערע... מיר האבען דערהערט דאס פייפען פון א פאליצמאן און מיר זענען געבליבען הינטערשטעליג.

—קום אין צענטער אריין—האט מיין חבר מיר גענומען אונטערן ארעם.

—קום!

מיר זענען אפשר צעהן גאסען פארביי געגאנגען, מיין חבר קוקט אויף די פערשאטענטע באלקאנען, זוכט דארטען עמיצען מיט די אויגען און קיינער ווייזט זיך ניט...

און אט דערזעהן מיר, ווי עס פליהט אין דער לופטען א רויט-בעלויכטענער רעקלאמע פאנאר, א פאפירענער, און האלט שוין ביים פלאצען. משוגענע געדאנקען קריכען מיר אין קאפ אריין, און אפשטעלענדיג מיין חבר פרעג איך איהם:

—וואס און וועמען זוכסטו?..

בונין

בונין, א יונגערמאן פון א יאהר אכט ניין און צוואנציג, אנגעטון אין א קאלירטען ברינגעם אנצוג, מיט א שטרויענעם הוט אויפ׳ן קאפ און מיט א שטעקעל אין האנד, האט זיך ארומגעדרעהט אין הויף, פאר דער אויפגעעפענטער טיר פון זיין צימער.

עס איז געווען אווענד צייט. ער האט אלע ווײלע זיך איינגעקוקט צו דער געגלייזטער גאסען טיר, דורך וועלכער מען האט געקאנט זעהן דעם שמאל בעלויכטענעם קארעדאר, דאס פענסטער פונ׳ם אנטקעגענאיבערדיגען הויז, מיט די העל-בעלויכטענע שפארעס פון די וויס-געפארבטע זומער-לאדען.

ער האט אונגעדולדיג געצויגען אלע ווײלע דעם זייגער פון וועסט קעשענע און געשטאמעלט פאר זיך:

—אזוי שפעט און זי איז נאך ניט געקומען!

אין הויף, וועלכער איז קוים בעלויכטען געווען פון א קליינעם עלעקטרישען לעמפיל, איז האלב טונקעל און שטיל געווען, אינגאנצען האבען געוואוינט אין איהם צוויי שכנים, און ער א דריטער אין זיין בחור׳שען צימער. ביים שכן וואס נעבען איהם איז דאס צימער געשטאנען פינסטער און אפגעשלאסען.

אין דער סאלע וואו דער „ענקארגארדע״ האט געוואוינט איז ליכטיג געווען. ביידע זייטען טירען זענען געווען אויפגעפראלט, און די וואנד מיט די העל-בעלויכטענע שפאליר-פאסען, די הויך-געבעטע שטולען ארום קיילעכדיגען טיש, און דער אראנזש-פולירטער בופעט מיט די צוויי געשניצטע הירשענהערנער אויף זיין שפיץ האבען גבירישן ארויסגעקוקט אין הויף אריין

עס איז געווען אין די הייסע דעצעמבער-טעג. די אווענד לופט אין הויף איז געווען אנגעגליהט פונ׳ם הייסען זומער-טאג און געריצט די אויפגעקאכטע לייב און בלוט פון קערפער. די גרויס צעוואקסענע וואזאנעס מיט די בלומען-טעפ וואס זענען געשטאנען טיף אין שאטען פון דער וואנד, האבען געוויהעט מיט א פער׳חלש׳טער שטילקייט. בונינס אונרוהיגקייט האט געשטיגען פון ערווארטונג: „זי קומט ניט, זי קומט ניט״, האט זיין הארץ געקלאפט אין איהם מיט שטילער ליידענשאפט און מידען בענקען. ער האט לייכט אפגעזיפצט און זיך דעם שטרויענעם הוט אראפגענומען, האט אויסגעדרעהט דעם קאפ ארויף און מיט א פערבענקטען טרויער אין די אויגען, זיך איינגעקוקט אין דעם שטיק אויסגעשפרייטען הימעל, וואס איז הויך און טיף איבערן הויף געהאנגען. זיין געמיט האט אויפגעציטערט, קוקענדיג אין דער מילדער העלער בלויקייט, וואס האט שטראמענווייז געפלייצט אין דעם שטילער אווענד לופט.

ער האט מיט א טיפען באנג אויסגערופען:

—א שאד, א שאד! זי וועט שוין ווייזט אויס ניט קומען!...

ער האט א לעצטען מאל א קוק געטהון אויף זיין טאשען-זייגערל און זיך געלאזט אריינגעהן צו זיך אין צימער.

אויפ'ן שוועל פון דער סאלע איז ערשינען דעם „ענקארגאדעס" בת יחידה. א מיידעל פון א יאהר אכצעהן. זי איז געגאנגען אנגעטהון אין א לייכטען זומער-כאלאט, די האר צולאזט איבער די אקסעל און מיט א פאאר גרינגע שטעקשיך אויף די פיס.

—אויף וועמען האט איהר עס ארויסגעקוקט בונין?—האט זי איהם א פרעג געטהון מיט א היימיש-קלינגענדיגען געלעכטעריל.

די מיידעל-שטימע האט איהם א קלאפ געטהון אין הארצען. ער איז א וויילע שטעהן געבליבען און געענטפערט:

—אויף מיינער א בעקאנטער. זי האט געזאלט קומען און ניט געקומען.

—א בעקאנטע אייערע? „קע לאסטימא"!.. אפשר איז זי מיר אויך בעקאנט?..

—איך גלויב אז ניט—האט ער קאלט געענטפערט.

—איז קיינער נישטא ביי אייך אין צימער?—האט זי א פרעג געטהון מיט א ניט זיכערען קול און באלד צוגעגעבען:

— מיינע עלטערען זענען אוועק קיין פאלערמא, כאפען פרישע לופט און מיך איינע אליין איבערגעלאזט...

—נו, האט איהר מורא?—האט בונין געשמייכעלט.

—מורא?... ס'איז גלאט אומעטיג. איהר וועט אפשר טרינקען א מאטע וועל איך מאכען?...

—מאכט אויב איהר ווילט און קומט אריין...

ער איז אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער, האט אויף שנעל אראפגעווארפען פון זיך דאס רעקיל מיט'ן וועסט, די שיך ארפאגעצויגען און זיך אוועקגעלעגט אויף זיין ווייכגעבעטער סאפע.

—א שאד, א שאד, געה ווייס אז זי וועט ניט קומען! — האט ער זיך ניט געקאנט בערוהיגען—זי האט דאך אזוי געוואלט אנקוקען זיין וואוינונג...

ער האט גענומען בעטראכטען די וואוינונג זיינע מיט אזא געפיהל, גלייך ער וואלט אין איהר א צופעליגער גאסט געווען. זי האט איהם אויסגעזעהן צו זיין בעקוועם און אנגענעהם. דאס צימער בעלויכטען פון א ווייסען עלעקטרישען ליכט איז געווען ריין און ציכטיג אויפגערוימט. פונ'ם פריש אויסגעוואשענעם דיל האט מיט קיהלקייט געשלאגען. די ווענד געשפאלירטע, מיט העל בלויע קווייטען אויף א ווייסען גרונד זענען איהם שטארק געפעלען געווארען. איהם האט געערגערט אביסעל, פארוואס זיי שטעהן אזוי נאקעט און פאר וואס איהם איז קיינמאל ניט איינגעפאלען צו בעצירען זיי מיט בילדער און אנזיכטס קארטעס.

דאס טישעל מיט די עטליכע ביכער אויף דעם, איז געשטאנען פערדוקט אינ'ם ווינקעל וואס נעבען טיר, און נעבען דעם, דער קאסטען מיט זיינע וועש און אנצוגען, פערשפרייט מיט א ווייסע לייליך. די פאאר בענקליך וואס ער האט

פערמאגט האבען שוין פון אלטקייט די פארב פערלוירען און נעבעכדיגע זענען זיי געשטאנען אויסגעשטעלט ביי דער געגענאיבערדיגער וואנד...

דאך האט די וואוינונג געפונען א בעזונדערן חן אין זיינע אויגען, אין דער לופט האט זיך געפיהלט די היימישע נאהענטקייט פון א פרוי, וואס דערלאזט ניט, אז די בחור׳שע איינזאמקייט זאל זיך איינלעבען אינ׳ם צימער.

—א וואוילע מויד, די בת יחידה! — האט ער ווי ניט גערן זיך א טראכט געטהון. און קלעהרענדיג א ווילע ווייטער וועגען דעם, ווי זי גיט זיך דאס אפ מיט איהם, גלייך ער וואלט איהר א חתן געווען, האט ער ניט ווילענדיג א שמייכעל געטהון...

— מעהר וואלט איהם טאקע ניט געפעהלט, אז ער בונין זאל אוים דער הוילער הויט פלוצים א חתן ווערען!

דער געדאנק אבער, אז זי, פאני, האט געוואלט קומען צו איהם, האט איהם אויף א רגע ניט פערלאזט און גערייצט זיין צעהיצטען דמיון. די בענקשאפט זי צו זעהן האט זיך געשטארקט אין זיין הארצען און איהם בעאונרוהיגט. איהם האט זיך רק אויסגעוויזען, אז זי וועט קומען, און מיט א קלאפעדיג הארץ האט ער זיך איינגעהערט צו דער שטילקייט פון הויף. דער מינדסטער שארך, דער שטילסטער גערויש האט איהם דערמאנט אן איהרע טריט, אן איהרע בעוועגונגען. ער האט זי געזעהן פאר זיך מיט איהר גאנצער חנ׳עווידיגער פיגור; דעם ליכטיגען שמייכעל ארום איהרע קינדישע ליפען און איהרע שווארצע, האלב פערשעמטע אראפגעלאזטע אויגען... זיין הארץ איז איבערפולט געווארען מיט א זיסען אנגסט פון ליבעס-וועה, און שטיל מיט ציטעריגע ליפען האט ער ארויסגעשטאמעלט: פאר וואס איז זי ניט געקומען?

א שוואך פער׳חלש׳טער זיפץ האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון הארצען.

ער האט זיך לייכט אויסגעבויגען, דעם קאפ אנגעשפארט אויפ׳ן ראנד פון סאפע און מיט פערנעבעלטע אויגען זיך איינגעקוקט אינ׳ם שטילען האלב טונקעלען הויף אריין. פון הינטערגרונד, אין דער צווייטער „פאטיע”, האבען זיך דער-טראגען צו איהם די שטילע טריט פון דער בת יחידה.

—זי מוז דארטען אין קיך זיך עסק׳ען מיט איהר מאטע—האט ער געטראכט און איהם האט שוין באנג געטהון וואס ער האט איהר געהייסען אריינקומען... איהם האט זיך זעהר געוואלט פערבלייבען אליין דעם דאזיגען אווענד און ניט טראכטען פון קיין אנדער זאך, ווי פון זיך און פון פאניען. ער האט דערפיהלט א זיסע ליידענשאפטליכע מאטקייט אין אלע זיינע גלידער און א פערלאנג צו ליגען אזוי און חלום׳ען. ער האט ווי א פער׳שכור׳טער פערווארפען דעם קאפ אויפ׳ן ווייכען צוקאפענם פון דער סאפע, האט פעסט צוגעמאכט די אויגען און א פער-בענקטען זיפץ ארויסגעלאזט. ער האט זיך פארגעשטעלט פאניעס אויסזעהן, ווען ער האט זיך איהר אין ליבע ערקלעהרט. אין אנהויב האט זי געקוקט אויף איהם מיט אזא מינע, ווי זי וואלט ניט האבען געגלויבט אין דעם וואס ער זאגט איהר. איהר פנים איז צעשראקען בלייך געווארען. נאכדעם ווען זי האט זיך בערוהיגט, און ס׳איז איהר געקומען צוריק די פארב אין פנים, האט זי איהם געקוקט גלייך אין מויל אריין,

ווי זי וואלט חאבען זיינע ווערטער געצעהלט. ער האט איהר אנגענומען ביי דער האנד און זי האט א פערשעמטע אראפגעלאזט די אויגען... א ווײלע איז ער גע- שטאנען אזוי נעבען איהר און קוקענדיג אויף איהר שוויגענדער פיגור, האט זיך איהם דעמאלט אויסגעדוכט אז זי פרעגט זיך:

—ווער איז ער אט דער בונין, איז דאס אמת אז ער ליבט זי?...

—זאל זי געווען האבען געצווייפעלט אין איהם?...—האט ער זיך געפרעגט מיט א אנגסטליכען געפיהל, וואס האט געמאכט חלש׳ען דאס הארץ אין איהם. ער האט דערפיהלט ווי זיינע אויגען אונטער די אראפגעלאזטע וויעס, בריהען איהם פון א אנגעלאפענער פייכטקייט...

מיט א מאל האט ער דערפיהלט א נויטיגקייט זיך צו צושטרייען, ער איז אויף שנעל אראפגעשפרונגען ,פון סאפע און אנגעהויבען ארומשפרייזען איבער׳ן צימער. ער האט אנגעהויבען טראכטען פון אנטון זיך און לויפען אין גאס אריין.

—אבער וואוהין וועט ער דאס לויפען?—האט ער זיך נעפרעגט—צו פאניען אזוי שפעט? און וואס וועט ער איהר זאגען?...

ער האט ארויסגענומען א ציגאר פון רעקיל-קעשענע און פעררויכערט.

—זאל זי טאקע געווען חאבען געצווייפעלט אין איהם?—האט ער איבער- געקלעהרט און נערוועאיש געבויגען דעם רויך פון ציגאר: ער האט זיך צוריק אוועקגעלעגט אויף דער סאפע און געפרובט רוהיגער נאכצודענקען וועגען דעם. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז פאני האט זיך די לעצטע צייט אנגעהויבען צו בעציהען קעלטער צו איהם, האט געזוכט אויסצומיידען צו ענטפערן איהם אויף זיינע פראגען און בעמערקונגען, אפילו דאן ווען אנדערע, אין איהר אנוועזענהייט האבען זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט איהם.

—יא, ער האט עס בעמערקט אין איהר. ער האט מיט אמאל אויפגעהערט צו זיין אינטערעסאנט פאר איהר...

ער איז אראפ פון סאפע און פעררויכערט א צווייטען ציגאר. דער קאפ האט ביי איהם אנגעהויבען גליהען און ער האט געפיהלט ווי די לעבער אין די אויגען ברענען איהם.

— אויב אזוי האט ער געמוזט אויסזעהן געגוג לעכערליך ביי איהר מיט זיין ליבעס ערקלערונג— האט ער געטראכט. ער האט געצויגען דורכאנאנד דעם רויך פון ציגאר און מיט א געפיהל פון פעראכטונג צו זיך אליין האט ער אויס- גערופען:

— איך בין א שלימ׳מזל! איך בונין, דער העלד בין א גרויסער שלימזל!..

ער האט זיך נערוועאיש א ווארף געטהון אויף דער סאפע און מיט א פיינליך געפיהל אין דער נשמה פערמאכט די אויגען. די וויעס זענען איהם צו- געפאלען מידע צום איינשלאפען און ער האט דערפיהלט א שלאפעדיגע מידקייט אין זיין גאנצען קערפער. שלאפען און רוהען האט זיך איהם געוואלט, פערגעסען מיט אמאל אן זיך און אן אליץ. ער האט קוים געהערט די נאהענטע טריט פון דער בת יחידה, וואלכע איז ערשינען אויף דער שוועל פון זיין צימער, מיט א הייסען טשאיניק וואסער און מיט׳ן גאנצען געשיר צו דער מאטע.

— „קאבאזשערא, על מאטע עסטא סערווידא"! — האט זי אויסגערופען מיט א קלינגענדיגער פרעהליכער שטימע.

בונין האט מיד אויפגעעפענט די אויגען און איהר מיד אנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואס קוקט איהר מיך אזוי אן? — האט זי איהם געפרעגט מיט א פערשייטען שמייכעל אין איהרע טונקעל בלויע אויגען. זי האט גאנץ בעוועגליך צוגעטראגען פאר זיך א בענקיל, זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם און איהם אנגעגאסען א מאטע.

— טרינקט, וואס זאגט איהר עפעס, ווי איך האב איך געלאזט ווארטען? שעהן פון מיין זייט ע! — האט זי קאקעטיש איהם געלאכט אין פנים אריין.

בונין האט זי בעטראכט מיט שלאף אנגעגאסענע אויגען און געשמייכעלט. זי איז געזעסען נעבען איהם איינגעהילט אין איהר לייכטען זומער-כאלאט, אין א היימיש געמיטליכער פאזע, און געקוקט אויף איהם מיט אזוי פיל צערטליכקייט אין איהרע אויגען, גלייך זי וואלט איהם א האניג-ווייבעל געווען. איהרע בלאנדע צולאזטע האר, צופאלענע איבער איהרע קינדישע אקסלען, האבען פערשייט געשפילט אויף איהר רוהיגען שיינענדען פנים; אויפ'ן דיל ביי איהרע פיס איז געשטאנען דער טשאיניק הייסע וואסער מיט דער הילצערנער צוקער פושקע און ווי א קינד האט זי זארגלאז זיך גע'עסקט מיט דער מאטע.

— איז זי עפעס א שעהנע, די בעקאנטע אייערע? — האט זי איהם געפרעגט מיט א אייפעריגען שטילען געלעכטער.

— אה, זעהר א שעהנע! — האט ער געענטפערט, ציהענדיג מיט דורשט די מאטע פון דער „באמביזשא".

— מעג איך אויך וויסען איהר נאמען?.. — האט זי שטיל און פארזיכטיג א פרעג געטהון.

— פאני הייסט זי. א שענער נאמען, אפשר ניט? — האט ער זי געפרעגט הארציג און פארבענקט.

— א נאמען ווי אלע נעמען! — האט זי אויסגערופען לאבענדיג און קאפריזנע. און אייך געפעלט ער זעהר דער נאמען?..

— זעהר און זעהר, בת יחידה מיינע!..

— טאקע! — האבען די אויגען ביי איהר אויפגעפינקעלט — פארוואס'זשע זאלט איהר טאקע ניט חתונה האבען פאר איהר?..

בונין האט אנגעשטעלט אויף איהר זיינע מעלאנכאלישע ברוינע אויגען. זי האט אוועקגעדרעהט דעם קאפ פון איהם און מיט א ציטער אין איהר שטימע האט זי אויסגערופען:

— וואס'זשע, איהר האט זי דען ניט ליעב?.. איהר פנים איז מיט אמאל ערענסט געווארען און קאפריזנע האט זי אראפגעלאזט די ברעמען. איהרע קינדישע ליפען האבען זיך עקשנות'דיג געשלאסען און איהם האט זיך אויסגעוויזען אז זיי ציטערן מיט פעררדרוס. ער האט פארזיכטיג איהר אנגענומען ביי דער האנד און גלעטענדיג זי האט ער געזאגט:

— וואס איז בת יחידה'קעלע, איהר זענט ברוגז געווארען אויף מיר?..

זי האט איהם ניט געענטפערט. שוויגענדיג האט זי אוועקגעשטעלט די מאטע נעבען טשאיניק אויפ׳ן דיל און זיך געוואלט אויפהויבען פון בענקיל.

—וואוהין אנטלויפט איהר, עטעלע? זיצט א ווײלע! האט ער זי צוריקגע-צווינגען ביי דער האנד און זי געפרובט פערהאלטען—זיצט נעבען מיר, אט דא—האט ער איהר אנגעוויזען אויף דער סאפע, און אליין זיך צוגעשפארט הארט צום וואנד.

—לאזט מיך אפ!—האט זי אנגעהויבען ארויסרייסען איהר האנד פון זיינער—לאזט מיך אפ בונין, וואס ווילט איהר??!

בונין איז אראפ פון סאפע און זי אנגענומען פאר די אקסלען.—אבער עטעלע, וואס איז מיט אייך?—האט ער זי געוואלט בערוהיגען—זאל מיך גאט שטראפען צו איך האב עפעס געמיינט.. ער האט זיך איינגעקוקט אין איהר שוויי-גענדיגען פנים, און געזוכט איהרע לאכענדיגע טונקעל בלויע אויגען, וואס זי האט טיעף בעהאלטען אונטער איהרע ברוגז׳ע אראפגעלאזטע ברעמען.

— ווילט איהר שוין ניט רעדען צו מיר — האט ער גענומען טענה׳ען צו איהר, ווי צו א פער׳עקשנ׳ט קינד, — שוין, אפילו ניט א קוק טהון?!..

ער איז א ווײלע געשטאנען האלטענדיג זי מיט ביידע הענד פאר די אקסלען און זי געמונטערט:

— עטעלע, איין קוק! ניט מעהר ווי איין קוק! — האט ער זיך געבעטען ביי איהר. עס איז אבער געווען אומזיסט, זי איז געשטאנען פאר איהם ווי פער-גליווערט און געשוויגען. שלעכט מיט דער בת יחידה, האט ער געטראכט, עפעס מאכט זי איהם צופיעל אנשטעלען און איהם האט שוין באלד אנגעהויבען צו לאנגווײלען די גאנצע געשיכטע. ער האט זיך אנגעהויבען צו שלאגען מיט דער דעה: אפשר גאר זי לאזען אזוי שטעהן, ביז זי וועט זיך אליין אוועקגעהן?.. איהם האט אבער געקימערט, טאמער וועט זי שוין אויף אן אמת׳ען ברוגז ווערען. ער האט איבער א נייעם אנגעהויבען רעדען צו איהר, זי אנגערופען מיט די צערט-ליכסטע נעמען:

— עטעלע, בת יחידה׳קעלע, איהר זענט דאך אזא גוטע! קאפריזנע קינד מיינס!.. — ער האט שמייכלענדיג פאר זיך, זי פעסט ארומגענומען מיט ביידע הענד פאר דער טאליע, זי צוגעצויגען צו זיך און איהר א קוש געגעבען אין די ליפען...

די בת יחידה האט אויפגעהויבען די ברעמען און איהם אנגעקוקט מיט א פאאר גרויסע אויגען, אנגעגאסענע מיט טרערען און געלעכטער. באלד האט זיך איהר דאס פנים אנגעצונדען ווי פייער. זי האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ארעמס, און אויסגערופען מיט א קלינגענדען געלעכטער:

—איהר זענט א אונפערשעמטער! איך האב אייך פיינט!—זי איז ארויסגע-לאפען אין הויף אריין און דורך א שטיקענדען געלעכטער איהם נאכגעשריגען:

—פרעכער מענש, אונפערשעמטער! צו אייער פאניען געהט אייך...

בונין איז געבליבען שטעהן ביי דער שוועל פון זיין צימער, און צוגעקוקט א פערגאפטער ווי זי לויפט דאס א לאכענדיגע צו זיך אין סאלע אריין. א ווײלע

איז ער אזוי געשטאנען און זיך איינגעהערט צו איהר פערשטיקטען לאכען, וואס האט זיך פארטראגען צו איהם פון סאלע ארויס, ביז ער איז לאנגזאם אפגע- שטארבען אין דער שטילקייט פון הויף; נאכדעם איז ער צוריק אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער און דאס עלעקטרישע לעמפעל אויסגעלאשען. בלייבענדיג אליין אין דער פינסטער האט ער שמייכלענדיג פאר זיך ארויסגעשטאמעלט: די בת יחידה איז אייפעריג, זי האט איהרם אויסגעפיהרט! און מיט מיר וואס?

II.

אויפ'ן צווייטען טאג, אוועגדצייט, האט בונין זיך געלאזט געהן גלייך פון צענטר-שטאדט צו פאניען, וועלכע האט געוואוינט אין שכנות מיט איהר חבר- טארין בערטא.

געהענדיג אויפ'ן וועג, האט זיך איהם געטראכט מיט צופרידענהייט פון נעכטיגען אווענד, וואס ער האט זיך אויסגעלאזט אזוי גוט און אונערוואראטעט פאר איהם. דער אייפער פון דער בת יחידה, איהר קינדישע און עטוואס ווילדע ליבע צו איהם, האט אויפגעוועקט זיין פערשלאפענע איינגעניבע און א נייער שטראם חלומות און אילוזיעס, האבען אויפגעציטערט אין זיין מעלאנכאלישער נשמה. איהם האט זיך אנגעהויבען בענקען נאך די שטילע אינטימע שטונדען פון וועלכע ער האט גע'חלומ'ט אין זיין בחור'ישען לעבען, און געוואלט האט זיך איהם, זיי זאלען קומען וואס שנעלער און זיי זאלען זיך ציהען ביי איהם אהן א סוף און אהן א ציעל...

צוקומענדיג צו פאניעס וואוינונג, האט דאס הארץ ביי איהם אנגעהויבען צו קלאפען. א אלטע און בעקאנטע מחשבה פאר איהם, וואס האט זיך שטיל אויסגעהארעוועט אין זיין בחורי'שער איינזאמקייט, האט איהם אנגעהויבען צו בע- אונרוהיגען. איהם האט נעשראקען פאר דעם סוף פון זיינע אילוזיעס...

ער האט שמערצליך אנגעהויבען צושמייכלען פאר זיך, ווי איינער וואס וואלט זיך פלוצים פון זיין אומגליק דערוואוסט. און א פערצווייפעלטער, האט ער געקעמפפט מיט זיך, און געוואלט מיט אלע כחות צוריק אפגעוואינען פאר זיך זיין פריהערדיגע גוטע שטימונג, וואס האט איהם א ווייסע גליקליך געמאכט.

ער האט שטייף אויסגעצויגען דעם קערפער זיינעם און מאכענדיג א דרייס- טען אנשטעל, האט ער אנגעקלאפט אן טיר פון פאניעס וואוינונג.

הערריין!—האט זיך געהערט פאניעס שטימע פון צימער ארויס. זיין הארץ האט אנגעהויבען ליידענשאפטליך צו ציטערן, און אריבערטרעטענדיג די שוועל פון טיר, האט ער זיך בעגעגענט מיט די פריילינבע מונטערע אויגען פון די מיידלעך. ער האט זיך געפלייסט זיך צו ווייזען וואס מילדער און העפליכער און געקוקט אויף זיי ווי א פער'חלומ'טער, מיט זיינע ברוינע מעלאנכאלישע אויגען. לאנגזאם און צערעמאניש האט ער זיך דעם שטרויענעם הוט אראפגענומען און עטוואס ארטיסטיש זיך פערנייגט.

—גוט אווענד אייך, מיינע הארציגע פריילינס!—האט ער שטיל און סענ- טימענטאל אויסגערופען—געדענקט איהר נאך דעם העררן בונין?!

ביידע מיידלעך האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער.

—נאר ווי א נישט גוטער זענט איהר, בונין—האט בערטא, פאניעס חבר-טארין, אויסגערופען—וואו זענט איהר דאס געווען נעכטען אין דער צייט?

ער האט א קוק געטהון אויף פאניען, וועלבע איז געשטאנען מיט שעמעוו-דיגע אראפגעלאזטע אויגען און געשוויגען.

—נעכטען אין דער צייט—האט ער געזאגט און א איראניש שמייכעל האט זיך בעוויזען ארום זיינע ליפען—בין איך הינטער אייער טיר געשטאנען און זיך געהאלטען אין ישוב'ען: אריינגעהן אדער ניט...

—איהר האט זיך כאטש ניט אונטערגעהערט, וואס מען רעדט?—האט בערטא נעפרעגט.

אודאי האב איך זיך אונטערגעהערט.—האט ער געזאגט, האלטענדיג אנגע-שטעלט די אויגען אויף פאניען—איך האב לייכט אוועקגעשפארט די טיר און אין צימער אריינגעקוקט... איהר ווילע אפשר וויסען פאני וואס כ'האב געזעהן?—האט ער זי געפרעגט מיט א שטילען געלעכטער און ניט אראפגענומען די אויגען פון איהר.

—און וואס האט איהר געהערט?—איז בערטא צוגעשטאנען.

פאני האט א קוק געטהון אויף איהם מיט איהרע שווארצע פינקעלדיגע אויגען און שעמעוודיג א זאג געטהון:

—אינטערעסאנט, וואס א שטייגער האט איהר געקענט הערען?...

זיינע מעלאנבאלישע ברוינע אויגען האבען אנגעהויבען צו שמייכלען.

—איך האב געזעהן אז איהר זייט ביידע געזעסען ביים טיש—האט ער אנגעהויבען סענטימענטאל און פארבענקט—איהר פאניע, האט א פארטראכטע געקוקט אויפ'ן ווייסען בעלויכטענעם שאר פון לאמפ. איהר האט אויסגעזעהן צו זיין אומרוהיג. אויף אייער פנים, האב איך באמערקט, האט א מחשבה א פער-שאטענטע זיך פארשפרייט; עהנליך צום ערשטען צווייפעל פון א פערליבטער, און זי האט אייער פערטראכטען שטערען פארטונקעלט. ס'איז ניט אנדערש, האב איך געטראכט, אז איהר זענט ערנסט פערליבט און אז אייער געליבטער וועקט צווייפעל אין אייער הארצען...

און באלד טאקע ווי איך וואלט האבען געטראפען אייער אינטימען געדאנק האט איהר א פיהר געגעבען מיט דער האנד איבער אייער שטערען און איהר האט געזאגט:

ווי אינ'ם נעבעל פון א הערבסטיגען פריהמארגען, איז ער איינזאם און שטילשווייגענד ערשינען פאר מיר. איך האב זיין צער דערפיהלט, דעם ווייכען און שטילען אומעט, וואס האט פון זיין נשמה געוויהעט. מיך האט צוגעצויגען די שטימע זיינע, וואס האט דערגרייכט צו מיר פער'חלומט און פערבענקט. און געדוכט האט זיך מיר ווי ער זאגט מיר: וואו איז ערגיץ דאס גליק וואס איך זוך? וועל איך עס נאך אמאל געפינען?... ער האט מיר ליבע ערקלעהרט און איך האב איהם ליב בעקומען. אבער פאר וואס צווייפעל איך אין זיין ליבע?

פאר וואס וועקט ער אונצופרויען אין מיין הארצען? פאר וואס איז ער מיר אזוי נאהענט און אזוי ווייט? פארוואס?...

אייער חבר׳טארין בערטא, האט ווייזט אויס געמיינט, אז דאס פארטרויעט איהר זיך פאר איהר און זי האט אייך געפרעגט:

—וואס־זשע, ער האט דיר שוין טאקע עפיס געזאגט?.. ער האלט שוין טאקע ביי א חתן ווערען?..

אנפאנגס האט איהר זי אינעקוקט פערוואונדערט, אבער אין א ווייל׳ע ארום האט איהר אנגעהויבען צו שמייכלען.

בערטא האט אבער אנגענומען אייער פערטרויען זיך פאר גאנץ ערענסט. זי האט צוגערוקט איהר שטול נעהענטער אביסעל צו אייך, האט אייך אנגענומען ביי דער האנד, און ווי א אייגענע שוועסטער געראטען צום גוטען.

—וואס־זשע מיינסטו פאני טייערע—האט זי אייך געזאגט מילד און פער־טרוויליך—אבי ער איז נאר א פיינער בחור, פארוואס־זשע זאלסטו טאקע ניט פאר איהם א כלה ווערען?

אייערע ליפען האבען עטוואס א ציטער געגעבען. איהר האט ארויסגעצויגען אייער האנד פון איהרער, און אוועקדרעהענדיג דעם קאפ פון איהר, האט איהר אויסגעפלאצט אין א געלעכטער.

בערטא איז געווארען אויסער זיך און ווערענדיג אינגאנצען רויט, האט זי אויסגעשריען:

—איך פערשטעה דיך ניט פאני, וואס דען וואלסטו געוואלט! כ׳ווייס ביי לייטען, אז צוויי האבען זיך ליב, ווערען זיי חתן־כלה און האבען חתונה!

מיט וואס אייער געשפרעך האט זיך נעכטען געענדיגט ווייס איך ניט. אייער צווייפעל האט מיך דעמאלט בעאונרוהיגט און איך בין גרייט געווען צו פאלען פאר אייך אויף די קניע און בעטען ביי אייך ענטשולדיגונג. איך האב אבער צו דעם קיין מוט ניט געהאט. שטיל האב איך צוריק צוגעשפארט די טיר פון אייער צימער און אהיים געגאנגען...

—אבער ווי נעהמט דאס א מענש אזא קאפ אויף זיך!—האט בערטא אויס־גערופען מיט לאכענדיגע אויגען— ווי טראכט מען עס אויס אזא געשיכטע!..

בונין האט געשמייכעלט פאר זיך ווי א פערשולדיגטער און פערדרויכערט א ציגאר. ער האט זיך לייכט אנגעשפארט אויף זיין שטעקיל, וואס ער האט די גאנ־צע צייט פון האנד ניט ארויסגעלאזט, און ארויסבלאזענדיג דעם רויך ביסלעכווייז פון די ליפען, האט ער זיך גענומען גוט איינקוקען אין פאניעס אויגען, ווי ער וואלט וועלען וויסען, וואס פאר א איינדרוק ער האט געמאכט אויף איהר...

—נו, איהר האט שוין מעהר ניט וואס צו זאגען?—האט זי איהם געפרעגט שמעוודיג און שטיל.—ווי איך זעה—האט זי צוגעגעבען מיט א שמייכעל—זענט איהר היינט זעהר סענטימענטאל.

—קוקענדיג אויף אייך פאניע—האט ער געענפערט ליידענשאפטליך און פערבענקט—איך האב אייך ליב...

איהרע שווארצע אויגען האבען א קוק געטהון אויף איהם מיט א פערצייליבען רוגז, און א צופרידענער שמייכעל האט אויפגעשיינט ארום איהרע ליפען.

—אך, ווען איך וואלט אבער נאר אייערער א ברודער געווען—האט ער אויסגערופען מיט א שטילער בעגייסטערונג—וואלט איך אייך צום הארצען געדריקט און דעם צוויפעל פון אייער פנים, מיט מיינע צערטליכסטע קושען געוואשען. איהר וואלט עם מיר ערלויבט פאניע?..

זי האט א פערשעמטע אראפגעלאזט די ברעמען, און מיט צוזאמענגעדריקטע ליפען לאנג געקוקט פאר זיך. נאכדעם האט זי דעם קאפ אויפגעהויבען און בעטראכט זיין אומעטיג געווארענעם פנים און זיין אונבעהאלפענע פאזע.

—איהר וועט מיר אפשר זאגען, צוליב וואס איהר זענט געקומען אהער?—האט זי איהם געפרעגט א בלייכע און מיט א ציטער אין איהר שטים.

—צוליב אייך פאניע, בין איך געקומען—האט ער געענטפערט און זי אנגעקוקט מיט בעטענדע אויגען.—פון נעכטיגען אווענד אן, האב איך שוין די געדולד פערלוירען און איך בין געקומען צו אייך...

זי איז געבליבען זיצען מיט אראפגעלאזטע ציטערענדע ברעמען, אנשפארענדיג זיך מיטביידע הענד אן טיש. אויף איהר בלייכען פנים, האט א ניט דערטראכטע מחשבה זיך טונקלען אנגעהויבען. נאכדעם האט זי זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון בענקעל און מיט א האלב פערלארען קול איהם געזאגט:

—איהר וועט זיין אזוי פיעל גוט בונין און איהר וועט צו-ווארטען אביסעל ביז כ'וועל זיך איבערטהון.

ער האט אויף איהר א קוק געגעבען מיט דאנקבארע בליקען, איז ארויסגעגאנגען פון צימער און זיך אוועקגעזעצט ניט וויט פון טיר אויף א בענקעל. אינ'ם קליינעם הויפעל, וואס האט אויסגעזעהן ווי א פערמאכטער קאסטען, איז שטיל און פינסטער געווען, נאר א שטיק הימעל, נאכט-בלוי און בעשטראלט מיט ווייסער לבנה-ליכט, האט טיף געהאנגען איבער די גרויע הויכע ווענד. די שויב טירען פון דער דערבייאיגער סאלע, וואו א יונג פאאר פאלק האט געוואוינט זענ'ען געווען צוגעשפארט מיט די לאדען און א מאט-בלאסע שיין האט זיך דורכגעשפארט דורך זייערע שפארעס. פון אינווייניג האבען זיך געהערט שטילע טויבע טריט, ווי מען וואלט דארט ארומגעגאנגען אויף ווייכע טאפעטען. פון די מיידלעכם צימער האט זיך געהערט דאס שנעלע באוועגונג פון פאניעס טריט און דאס לייכטע אומפאלען פון א בענקעל. דורך דער אפענער טיר פון געגענאיבערדיגען ציטער, וואו א אידישער בחור האט געוואוינט, האט א „קאטרע" ארויסגעקוקט. א פאאר נאקעטע פיס אויף איהר, האבען ארויסגעשטארצעט מיט די פיאטעם אין דרויסען, פונ'ם אינוועניגסטען חשך ארוים. ס'איז שטארק היים געווען. בונין זייענדיג מיט זיך אליין, האט זיך אנגעהויבען מוסר זאגען: „הלמאי האט ער זיך צופלוידערט היינטיגען אווענד?" די סענטימענטאלע ערקלעהרונגען וואס ער האט איהר געמאכט האבען איהם געערגערט און מיט חשד געקלעהרט וועגען זיך און וועגען זייער ערנסטקייט...

—האט ער זי דען ניט ליעב פאַניען—האט ער זיך געפרעגט—און וויל ער דען ניט זיין גליקליך?...

ער האט זיך דערמאנט אן דער בת יחידה, אן איהרע אייפעריגע בעציהונ־גען צו איהם, פיהלענדיג אז עפיס א נייעס שטראם פון געפיהלען און פערלאנגען, האט זי אויפגעוועקט אין זיין אומעטיגער נשמה. ערשט היינט פארנאכט, האט ער זיך געטראכט, האט זי מיט א אייפעריגען בליץ אין איהרע אויגען, איהם דעם וועג פערשטעלט... ער האט ניט געוואוסט, וואס איהר צוזאגען און איהם איז א שאד געווען זי צו דערווייטערען פון זיך...

ערשט היינט פארנאכט, האט ער נאכאמאל איבערגעקלעהרט, האט ער מיט א כיון אויסגעמיטען, אז זי זאל איהם ניט בעמערקען און שטיל זיך געלאזט ארויסגעהן פון זיין „ענקארגאדאס" הויף. ער האט שוין געהאט אונטער זיך די טיר פארמאכט, ווען פלוצים ניט ווימענדיג פון וואנען, האט די בת יחידה זיך איהם נאכגעשלייכט און איהם פערהאלטען אין קארעדאר.— וואוהין געהט איהר עס בונין?— האט זי איהם געפרעגט מיט א געשפאנטען אטעם און מיט ביידע הענד, איהם דעם וועג פערשטעלט. איהר פנים האט געשיינט מיט א ראזעווען ליידענשאפטליכען שימער, איהרע בלאנדע פערשייטע לאקען האבען געשפילט אויף איהר ליכטיגען אלבאסטער שטערען. זי האט איהם אנגעקוקט מיט איהר קא־קעטישען און שארפען אייפער אין די אויגען און צו איהם געזאגט:

— איך ווייס שוין ווער די פאני איז. א שניידער-מיידעל איז זי... איהרע בלויע אויגען זענען דערביי טיפער און טונקעלער געווארען, און זיי האבען גע־קוקט אויף איהם מיט אזא אויסדרוק, ווי זי וואלט איהם זאגען.

— ארימער בונין, אין וועמען ער האט זיך דאס געפונען איינצוליבען!...

— אבער וואס וועט זיין פון דעם— האט ער זיך געפרעגט און פיבעריש געצויגען דעם רויך פון ציגאר— האט ער זי דען ליב, און מעג ער דען אפילו טראכטען וועגען דעם? ער האט זיך אויפגעהויבען פון בענקעל, און פערקנייטשענ־דיג נערוועאיש דעם שטערען, האט ער אנגעהויבען ארומשפאנען איבער'ן פינס־טערען הויפעל. זיינע צעשטרייטע אויגען האבען זיך באגעגענט מיט די נאקעטע פיאטעס פונ'ם בחור, וואס האבען ארויסגעשטארט פון דער „קאטרע", און ער האט ארויסגעברומט:

—דער, ווייזט אויס בעריהמט זיך מיט זיינע אומגעלומפערטע פיס, ווי איך מיט מיינע סענטימענטאלע שוויינקייטען. ער האט ניט ווילענדיג אנגעהויבען צו לאכען מיט א קאלטען און סארקאסטישען געלעכטער...

— פון די מיידלעך'ס צימער, האט זיך געהערט א לייכטער גערוייש. און די צארטע מיידעלשע קלאנגען פון פאניעס מעלאדישע שטים. זי האט זיך עפיס געקלאגט פאר בערטאן, וועלכע האט ארומגעשפאנט מיט שווערע טריט איבער'ן דיל. ער האט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויפ'ן בענקעל און זיך געוואלט איינהערען. די טיר האט זיך געעפענט און בערטא איז ערשינען אין א ווייסען אונטערקלייד.

—איהר זיצט נעביך אליין בונין—האט זי איהם געזאגט—פאני האט זיך שוין איבערגעטהאן. און וואוהין קלייבט איהר זיך דאס?

בונין האט ניט געענטפערט. ער האט שווייגענדיג געצויגען דעם רויך פון ציגאר און מיט א קאלטקייט אין הארצען האט זיך איהם געטראכט וועגען פאניען, פארשטעלענדיג זיך אז זי וועט זיכער פאדערען א ערקלעהרונג פון איהם, וועגען זייערע באציהונגען. ער האט זיך גענומען בעטראכטען בערטאן, וועלכע האט א ברוג׳זע, מיטביידע הענד אנגעשפארט אין די קלובעס, זיך פלעגמאטיש בע־וואויגען פון איין ארט צום צווייטען. אין א ווינקעל ערגעץ פון פינסטערען הויפעל, האט א גריל געזונגען און פונ׳ם בחור׳ס פינסטערען צימער ארויס, האט זיך געהערט א שטילער שנארכען.

ער האט דערהערט פאניס שטימע און ער האט זיך אויפגעהויבען פון בענקעל.

—קומט שוין אריין בונין!—האט זי איהם גערופען פון צימער ארויס. ער האט אויפגעעפענט די טיר און אריינגעגאנגען. זי איז שוין געשטאנען אנגעטהון אין א ווייסען זומערדיגען אנצוג און געווארט אויף איהם. דאס פנים איהרס האט געגליהט אונטער איהר טונקעלער גלאטער הויט. זי האט אויסגעזעהן צו זיין גליקליך. בונין איז געבליבען שטעהן ווי א בעצויבערטער, פון איהרע שווארצע אויפגעלעבטע אויגען און פון דעם ליכטיגען שמייכעל, מיט וועלכען זי האט איהם באגעגענט. א געפיהל פון עהרליכער סימפאטיע צו איהר, האט זיך אויפגעוועקט אין איהם און ער האט ריהרענד אויסגערופען:

—איהר זענט שעהן פאני, ווי זיבען נייע וועלטען זענט איהר שעהן! און איך בין גרייט יעדער רגע צו פאלען פאר אייערע פיס...

בערטא, וועלכע איז געשטאנען אויף דער שוועל פון טיר, האט אויסגעשאסען אין א פרעהליכען געלעכטער. פאני האט דערביי געמאכט א מינע פון א קינד, וואס פיהלט זיך געשמייכעלט. זי האט מיט א שעמעוודיגער פארב אין פנים, איהם דערלאנגט די האנד.

—קומט, לאמיר געהן בונין, ס׳מוז שוין זיין שפעט!—האט זי איהם געזאגט.

—

געהענדיג ביידע אויפ׳ן טראטואר פון א ברייטער און רוהיגער גאס, וואס איז העל בעלויכטען געווען פון די גרויסע עלעקטרישע לעמפ, האט בונין בעמערקט ווי פאני שמייכעלט פאר זיך מיט א גליקליכער מינע אויף איהר פערטראכטען פנים. ער האט בעטראכט איהר גליקליכען אויסזעהן, מיט אומעטיגע און דערביי שמייכלענדע אויגען פון א האפונגסלאזען, אין וועמענס הארצען עס האט זיך אנגעצונדען דאס פערבארגענע קנאה־פייער צו די מעהר גליקליכערע פון איהם. ער האט אבער מורא געהאט דאס פאר׳ן מויל צו ברענגען. באטש אין הארצען ביי איהם, האט געברענט דאס פערבארגענע געפיהל פון יאוש און פערביטערונג. ער האט זיך אנגעשטרענגט צו בעהערשען און אנגעהמענדיג א מילדען אויסזעהן, האט ער זי מיט א עטוואס ניט זיכערען קול א פרעג גע־געבען:

—פון וועמען שמייכעלט זיך אייך אזוי שעהן, פאני?

זי איז געגאנגען נעבען איהם מיט לייכטע איילענדיגע טריט און קוים

איינגעהערט וואס ער פרעגט זי. דאס פנים האט געפלאַמט ביי איהר פון דער היץ און פון שנעלען באוועגען זיך. בונין האט מיט א מין לײדענשאפטליכער קנאה, געקוקט אויף איהר פארביג-לויטערען פראפיל און אויף א פערשייטען לאק, וואס האט געשפילט אויף איהר אויער.

—איהר האט גאר ניט געהערט וואס איך פרעג אייך?—האט ער איהר פארגעהאלטען מיט א פיינליכען אויסדריק אויפ׳ן פנים. ער האט פארזיכטיג איהר אנגענומען ביי דער האנד.

—וואס פאר א שטיקענדע היץ עס איז—האט זי אויסגערופען און לייכט ארויסגעצויגען איהר האנד פון זיינער—קיין טראפען לופט ניטאו!—זי האט איהם אנגעוויזען אויף די בוימער—איהר זעהט, ווי זיי שטייען נעביך פערשטויבט און פער׳חלש׳ט?— זי האט אנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער און געקוקט צו איהם מיט הייסע פינקעלדיגע אויגען.

—ענטשולדיגט מיר בונין, וואס האט איהר מיך געפרעגט אזוינס?

ער האט איהר ווידערהאלט זיין פראגע.

—ווילט איהר עס שטארק וויסען?—האט זי איהם געפרעגט, עטוואס קא-קעטיש.

—גראדע פריהער האט זיך מיר אזוי גערן געוואלט וויסען—האט ער גע-ענטפערט און דערביי איראניש געשמייכעלט.—מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז געהענדיג אזוי נעבען מיר ווי א פער׳חלומ׳טע, האט זיך אייך זיכער געטראכט פון א פיל גליקליכער׳ן פון מיר...

—איהר זענט אייפעריג?...

—איך בין אייפעריג. כאטש אזא שלים-מזל ווי איך, האב קיין רעכט ניט אויף דעם...

זי האט געשוויגען און פון איהרע ליפען איז דער שמייכל פערשוואונדען געווארען.

—אויב איהר האט דאס אזוי שעהן געטראכט וועגען מיר—האט ער צוגע-געבען מיט א אנגעצויגענעם קול—ווילט זיך מיר גלויבען, אז איך וועל נאך אמאל א העלד זיין און אז איהר וועט זיך נאך אמאל פיהלען שטאלץ נעבען מיר...

זי האט אוועקגעדרעהט דאס פנים פון איהם און פארטראכטענדיג זיך, האט זי איהם איבערגעיאגט א פאאר טריט. ער איז מיט א כיון געבליבען הינטער-שטעליג, און זיך אוועקגעשטעלט ביי א דערבייאיגען שוי-פענסטער. ער האט איהר נאכגעקוקט, ווי זי געהט דאס אזוי פערטראכט, פארגעסענדיג זיך אן איהם. זי האט זיך אבער באלד אומגעקוקט און אויסגערופען:

—וואס זענט איהר געבליבען הינטערשטעליג בונין?

ער האט איהר אנטקעגען געשמייכעלט און זיין פנים, ווי ס׳וואלט פלוצים פערעלטערט געווארען, האט זיך פערכמארעט...

—ווי איהר האט זיך עס פארגעסען אן מיר—האט ער געפרובט לאכען—נאר ס׳מאכט ניט—האט ער צוגעגעבען פרעהליכער—איך בין מיט א כיון גע-

בליבען הינטערשטעליג. מיר האט זיך זעהר געוואלט אייך אנקוקען פון ווייטענס...

—ריכטיג?...

—ערנסט... איך וואלט אייך געוועזן נאכגעגאנגען אזוי ביז אין פארק אריין.

—איהר לאכט בונין, נו, ווי האב איך אייך אויסגעזעהן?

—דעם אמת געזאגט—האט ער גענטפערט מיט א טיף ליידענדען טאן—האט איהר מיר אויסגעזעהן ווי א גרויס גליק וואס האלט זיך שוין אין דערוויטערען. .

—וואס פאר א מאדנער מענש איהר זענט דאס בונין!—האט זי אויסגערופען עטוואס פערווירט.

—מאדנע זאגט איהר, מיט וואס, פאני?

—אט מיט דעם...—זי האט א ווילע געשוויגען ווי נאכדענקענד, און קוקענדיג ערגעץ פאר זיך, האט זי צעשטרייט א זאג געטהון:

—אט מיט דעם טאקע בונין, וואס איך בין קיין מבין ניט אויף אייך... צומאל ווייס איך ניט, וואו ס'הויבט זיך ביי אייך אן דער ערנסט...

די ברעמען האבען זיך ביי איהם אראפגעלאזט און זיין פנים איז קאלט געווארען. ער האט מיט א מאל זיך דערפיהלט שוואך און געקרענקט. זיינע דינע ליפען האבען געציטערט מיט א בלאסער און קאלטער איראניע... איהם האט זיך געוואלט זי איבערלאזען און אנטלויפען ערגעץ...

שווייגענדיג זענען זיי פארבייגעגאנגען א קאפע-הויז. אויפ'ן טראטואר, אין צוויי רייהען, זענען געזעסען די קאפע-טרינקער ביי די קאפע-טישלעך, כמעט אלע א פוס איבער א פוס און מיט צעשפילעטע רעקליך. זיי האבען געפלוידערט צווישען זיך אויף א קול. די יונגע לייט ווי די עלטערע. אז זיי האבען זיי דערזעהן פארבייגעהן, האבען מיט תמוה'דיגע בליקען זיך גענומען נאכקוקען פאניען און זי געגעסען מיט די אויגען.

פאני, פערפאלגט פון אלעמענס אויגען, האט אנגעהויבען צו געהן שנעלער. בונין האט איהר קוים נאכגעהאלטען און שווייגענדיג געשמייכעלט...

—וואס פאר א וועלט מיט תאוה דא איז—האט ער שטיל געשמייכעלט פאר זיך און טיף אין הארצען ביי זיך האט ער זיי מבטל געווען...

אז זיי זענען צוגעקומען צום עק קווארטאל, האט ער זיך אפגעשטעלט און זיך אנגעהויבען פרייער ארומקוקען.

—נו, וואס זשע זאגט איהר, פאני -האט ער זי געפרעגט—אמאדנער מענש בין איך—מאדנע שלים-מזל'דיג און מאדנע ניט ערענסט?..

—אזוי דוכט זיך מיר... און אפשר פערשטעה איך אייך ניט... זי האט א ווילע ווי זיך גע'ישובט און באלד צוגעגעבען:

—איהר האט דאך ליב אז מ'איז אפענהערציג, איהר האט עס אליין געפאדערט פון מיר און איך האב עס אייך געזאגט. זי האט איהם דערביי אריינגעקוקט אין פנים און מילד געשמייכעלט צו איהם.

זיי האבען אנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער מיט א גלייכען ריטמישען שריט און זיך פון צייט צו צייט איבערגעקוקט מיט די אויגען. ביי בונינען האט דאס הארץ אנגעהויבען צו קלאפען שטארקער און מוטיגער, פיהלענדיג ווי זיין געמיט

ווערט רגע׳ס־ווייז רוהיגער און ליטערער, און געהענדיג אזוי אראפ מיט דער גאס, האבען זיי זיך פערנומען לינקס אויף דער פוסטער גאס, וואס פיהרט צו „אווענידא אלוועאר". דער שטענדיגער רויש דארטען פון די קאטשען און אויטא־מאבילען, איז עטוואס שטילער געווען, און בונין האט א קוק געגעבען אויפ׳ן זייגער.

—ס׳איז שוין שפעטליך אביסעל—האט ער געזאגט ווי בעזארגט—שוין נאך ניין. איהר דארפט אודאי אויפשטעהן פריה צו דער ארבייט?—האט ער זי גע־פרעגט.

—ס׳מאכט ניט. מיר וועלען היינט זיצען אין פארק שפעטער אביסעל. פאר א נייט וועל איך פעהלען א האלבען טאג—האט זי איהם געזאגט עטוואס שטיל און שעמעוודיג.

—דאס איז שוין צוליב מיר פאני, ניט אזוי?..—האט ער זי געפרעגט—עט־וואס צעשרייט און אויפגעלעבט.

זי האט א שמייכעל געטהון, און דערפיהלענדיג זיין האנד אונטער איהר ארעם, האט זי געזאגט:

—היינט וועל איך שוין פאדערען פון אייך, איהר זאלט זיין ערענסט... איהר הערט בונין, כ׳האב מיט אייך עפיס צו רעדען...

ער האט ניט געענפערט און שוויגענדיג זענען זיי געגאנגען מיט דער לענג פון דער „אווענידא".

קומענדיג אין פארק אריין, האבען זיי געטראפען זעהר ווייניג מענשען. וואו ניט וואו האבען זיך נאך ארומגעשלייכט יונגע פערליבטע פאארלעך, וועלכע זענען אלעמאל פערשוואונדען געווארען צווישען די געדיכטע פינסטערע אלעען. פון צווישען דער געדיכטעניש פון די בוימער, האבען ארויסגעלויכטען, מיט א העל־רויטער שיין די עלעקטרישע גרויסע לעמפ, וועלכע האבען געווארפען א פאנטאס־טישען שימער אויף די אין שאטען איינגעהילטע בלומענבייטען און אויף די סאמעט גראזיגע לאנקענס וואס ארום זיי.

די גאנצע אומגעגענד ארום איז געשטאנען שטיל און אונבעוועגליך, און א אטעמלאזע מידקייט האט זיך געפיהלט אין דער הייס אנגעגליהטער לופט.

זיי האבען אנגעהויבען נאכזוכען א בעקוועמע באנק פאר זיך און לאנג ארומגעשפאצירט איבער די ברייטע זאמדיגע סטעשקעס.

—וואס פאר א איינזאמקייט עס פיהלט זיך איצט אין פארק!—האט בונין געשטאמעלט. און וואס טיפער זיי זענען פערגאנגען, אלץ שטילער און געהיימניס־פולער האט די געגענד אויסגעזעהן. אינ׳ם נאהענטען מערב, אונטער א טיעף בלויען הימעל, האט זיך געטונקעלט רונד ארום, א הויך געוואקסענער אויקאליפטען־וואלד, וואס האט אפגעטיילט די גרויסע רוישיגע שטאדט פון די האלב פינסטערע שטילע געגענדען.

בונין האט אויסגעפונען א פאסענדע באנק און געזאגט:

—דא וועט זיין גוט אפצורוהען א ווילע, פונקט אנטקעגען איבער א עלעק־טרישען לאמפ—האט ער איהר אנגעוויזען—וועלען מיר זיך בעסער אנזעהן...

פאני האט זיך אוועקגעזעצט און ער פעררויכערענדיג א ציגאר איז געבליבען שטעהן.

—פארוואס זעצט איהר זיך ניט בונין?—האט זי געפרעגט.

דאס גאנצע פנים איהר׳ס אונטער דער אפשיין פונ׳ם עלעקטרישען ליכט, האט איהם מילד אנטקעגען געשמייכעלט. זי האט איהם אנגעוויזען מיט די אויגען ער זאל זיך זעצען נעבען איהר.

—ערלויבט מיר שטעהן—האט ער געזאגט ציהענדיג אביסעל נערוועאיש דעם ציגאר—דאס וועט אפשר זיין א פרייוויליגע שטראף פאר מיר, פאר מיין היינטיגען יאוש און פאר מיין ניט ערענסטקייט... און ווידער האט ער צוגעגעבען ווי צעשטרייט—ווילט זיך מיר גלאט אזוי שטעהן פאר אייך... איך האב אזוי ווענינ פערשטאנען אייך צו שעצען פאני—האט ער געזאגט מיט א ציטער אין זיין שטים—איך האב רק געמיינט, אז אויסער מיינע אילוזיעס, מיט וועלבע איך האמפער זיך אלע טאג, איז שוין קיין העכערס נישטא...

זי האט געשמייכעלט צופרידען און איהם האט זיך אויסגעוויזען אז די ברעמען איהרע האבען א לייכטען ציטער געטהון.

—הערט אויס בונין, ענטשולדיגט וואס איך פרעג אייך—האט זי געזאגט שטיל און עטוואס אנגעשטרענגט—איך קאן אייך שוין ניט פון היינט. איך האב אייך שוין פיעל מאל געהערט רעדען פון אייערע אילוזיעס, נאר כ׳האב אייך קיינמאל געוואגט צו פרעגען... נאר פון זינט מיר זענען אינטימער געווארען און איך האב איינמאל געהערט פון אייך אז איהר ליבט מיך, ערלויב איך מיר דאס צו פרעגען...

—איך גלויב אז ס׳איז איבעריג פאני,—האט ער אויסגערופען מיט א לייכטער אויפרעגונג און מיט א בעטענדען בליק אין זיינע אויגען—איך גלויב אז ס׳איז איצטער אינגאנצען איבעריג... מיר ווילט זיך איצט ניט טראכטען פון נאר נישט אויסער אייך...

אויף פאניעס פנים, האט זיך א אומעטיגער שמייכעל בעוויזען. איהר האט זיך געדוכט, אז זי איז אין דעם מאמענט פיעל בלאסער געווארען. ער האט פארזיכטיג זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר אויפ׳ן באנק און אננעהמענדיג זי ביי דער האנד האט ער איהר געזאגט:

—ניט צווייפעלט אין מיר פאני, ניט פאדערט פון מיר צו זיין ערנסט, איך קען דאס ניט זיין טייערע, דאס הארץ מיינס פעררוואט מיך אויף יעדען שריט, די נשמה מיינע, שטענדיג א אונרוהיגע, פלאטערט ארום אין דעם ארימען וועלטער פון מייגע אילוזיעס און קאן פאר זיך קיין רוה געפינען... מיר ווילט זיך פון אלץ געניסען פאני, מיר פעהלט אבער די רוהיגקייט, אט די זיסע געוועהנליכע רוהיגקייט, וואס פארוויגט די נשמה אינ׳ם ערשטען און שענסטען חלום...

ער האט מיט אמאל אויפגעהערט צו רעדען, פיהלענדיג אז ניט דאס האט ער איהר געוואלט זאגען. ער האט פארזיכטיג זיך אויפגעהויבען פון דער באנק און זיך אוועקשטעלען אנטקעגען איהר.

—וואס האט ער איהר אייגענטליך געוואלט זאגען—האט ער זיך געפרעגט

מיט צוזאמענגעדריקטע ליפען—פאר וואס האט ער איהר שוין ניט געזאגט דעם אמת—האט ער זיך פארגעוואָרפען—אז ער בונין איז ניט מעהר ווי א שלים-מזל, א ארעמער טייוועל און אז ער מאטערט זי אומזיסט... זיין אויפרעגונג איז געשטיגען פון מינוט צו מינוט און א נערוועאישער האט ער זיך אנגעהויבען ארומדרעהען אנטקעגען איהר.

זי איז די גאנצע צייט געזעסען כמעט אהן באוועגונג. דעם קאפ האט זי געהאלטען צווישעןביידע הענד, און די אויגען איהרע, פערצויגען אין שטערען אריין, האבען פייכטע און גלאנציגע איהם אנגעקוקט. זי האט אזוי וועניג פערשטאנען אט דעם דאזיגען געפיהל-פולען מענשען, וואס ווייזט זיך איהר אלע מאל אין פערשידענע געשטאלטען.

—כ׳האב אייך ליב פאני – האט ער איהר שוין ניט איין מאל געזאגט—כ׳האב נאך אין מיין לעבען קיינעם אזוי ניט ליב געהאט. און אין א ווײלע ארום דוכט זיך איהר, אז ער שמייכעלט פון זיך און פון זיין ליבע...

—נו, וואס טראכט איהר אזוי פיעל פאני?—האט ער נעפרעגט אפאטעמענדיג שווער, ווי ער וואלט א זיפץ געטהון—איך זעה אייך נאך אלץ אויס מאדנע און ניט ערענסט?...

—אזוי דוכט זיך מיר—האט זי געענפערט מיט א פערטראַכטען קול. אבער איהר אליין בונין, איהר פארשטעהט זיך כאטש א מאל?...

ער האט אויפגעצויגען מיט די ברעמען און זי אנגעקוקט פערוואונדערט. ער האט פערפלאכטען די הענד אויף דער ברוסט, ווי נאכדענקענדיג א ווײלע און באלד אנגעהויבען צו שמייכלען.

—איך זיך—האט ער געענטפערט קאלטבלוטיג—פערשטעה זיך שוין צו גוט...

—פאר וואס-זשע זאלט איהר ניט פרובען זיך צו בערוהיגען? — האט זי איהם געפרעגט מיט א טרויעריגען ערנסט.

—פרובען זיך בערוהיגען!...—האט ער אויסגערופען און זיך צולאכט מיט א ביטערען געלעכטער—סיידען איך זאל א צווייטען מאל געבוירען ווערען!

—אך ווי כ׳האב אייך נישט געקענט בונין! — האט זי אויסגערופען אין פערצווייפלונג, פערשטעלענדיג זיך מיט ביידע הענד דאס פנים.

בונין האט דערפיהלט ווי דאס הארץ קלאפט אין איהם, ווי ביי א פערלוירענעם. מיט איין האנד האט ער זיך גענומען ווישען דעם פערשוויצטען שטערען אונטער׳ן פעררוקטען הוט און מיט דער צווייטער האנד, האט ער א אומרוהיגער און נערוועאישער, געצויגען דעם זייגער פון טאש. מיט צעשטרייטע פערנעבעלטע אויגען, האט ער גענומען קוקען איבער׳ן פארק, וועלכער האט איהם אויסגעזעהן ווי א שטילער פערוואָרפענער אינזעל. פון צווישען די בוימער און ווייזעס האט די נאכטשטילקייט ארויסגעווייהט, און עס האט זיך ניט געפיהלט דער מינדסטער גערויש.

—פאר וואס האט איהר שוין בעסער נים געשוויגען...—האט פאני ארויסגעשטאמעלט א פערצווייפעלטע, ניט אוועקנעהמענדיג די הענד פון פנים.

—מיר וועלען שוין אפשר געהן פאני?—האט ער קאלט אפגעהאקט.—ס׳איז שוין באלד נאך צוועלף און דער שומר וועט אונז הייסען געהן...

פאני איז געזעסען א קליינע. ווייטע אין דער זעלבער פאזע, און בונין מיט א פערצווייפעלטער קאלטקייט, האט א פערטראכטער געפייפט עפיס אין דער שטיל. ער האט ניט באמערקט ווי פאני האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון באנק און אין ערוואַרטונג געקוקט אויף איהם.

—אה, געהען מיר!—האט ער אויסגערופען ווי אויפוואכענדיג זיך מיט א פערלוירענעם שמייכעל. זי איז געגאנגען פאראויס שווייגענדיג, ווי זי וואלט האבען די טריט איהרע געצעהלט. ער איז איהר נאכגעגאנגען פון הינטען מיט א פעררוקטען הוט אויפ׳ן קאפ, פאכענדיג לאנגזאם מיט זיין שטעקעל אין לופט און אויספייפענדיג דעם מאנאטאנעם ניגון פון א ארגענטינער פאלקס־ליד. און געהענדיג אזוי איבערן גלאנציגען אספאלט פון דער ברייטער אוועניד א „אלוועאר” זענען זיי ארויסגעקומען אויף דער הויפט גאס, וואס פיהרט אין צענטר שטאדט. פון א נאהענטען קלויסטער האט זיך געהערט דאס מאנאטאנע קלינגען פונ׳ם זייגער. און יעדער קלאנג איז שטיל און מעלאנכאליש אויסגעגאנגען אין דער נאכטשטילקייט. פון ערגיץ ווייט האט זיך געהערט דאס לאנגע אויסגעצויגענע פייפען פון א פאליציימאן און דאס פערשפעטיגטע רודערן פון א ווייט לויפענדען אויטאמאביל. די גאס, אונטער די הענגענדיגע עלעקטרישע לעמפ, מיט די פערטראכטע שווייגענדיגע פענסטער און מיט די גרויע געפארבטע זומערלאדענס איבער די פערשלאפענע באלקאנען, האט ברייט און אפען, פון צפון קיין דרום זיך געצויגען, אונטער א פאנטאסטישער נעץ פון ווייסע עלעקטרישע ליכט און פערזילבערטען שאטען. פון ערגיץ וואו האט א ווארעם ווינטעל געבלאזען און לאסטשענדיג געגלעט דאס פערשלאפענע פנים פון א פארבייגעהער און שפילענדיג זיך נעגרייזעלט די צעפאטעלטע פייכטע האאר פון זיין פערשוויצטען שטערן.

בונין רויכערענדיג מיט א בעזונדערען געשמאק און נערוועאישקייט, האט מיט א בעצויבערטער זיסער הפקרות געטראכט וועגען זיך און וועגען פאני׳ען. דאס האט איהם אזוי פערוויגט און בערוהיגט, ווי די לייכטע שכרות א שטארקען אינערליכען וועהטאג. ער איז איהר מעהר נאכגענאנגען ווי בעגלייט, גלייך זי וואלט ניט מעהר ווי א ווייט בעקאנטע פיגור געווען, וועלכע ער האט צופעליג אויף זיין וועג געטראפען. און אז זי האט זיך דערווייטערט אביסעל, איבערגעהענדיג פון איין קווארטאל צום צווייטען, האט זי איהם אויסגעוויזען, מיט איהר לייכטער פיגור, אינם ווייסען זומער-קלייד, ווי א ווייטע ליכטיגע אילוזיע, וואס האלט שוין אין צערינען ווערען...

—אך די דאזיגע אילוזיעס—האט ער זיך געקלעהרט מיט וועהמוט—וואס לאזען נאך זיך איבער נאר שוואכע בילדער אין זכרון, אבער ניט איין מאל דערמאנט מען זיך אן זיי, מיט הארציגער דאנקבארקייט און מיט טרערען אין די אויגען...

אז זיי זיינען צוגעגאנגען צו דער שטוב, האט זיך נאך געלייכט ביים שכן דורך די פערמאכטע זומערלאדען פון דער סאלע.

— בערטא מוז שוין אודאי שלאפען — האט פאני געזאגט מיט א מידען קול. זי האט לייכט אנגעקלאפט אין דער טיר. אין א ווײַלע ארום האט זיך געהערט דאס נאכשלעפען פון בארוויסע, פערשלאפענע פיס, איבער די גלאטע מאזאאיקען שטיינדלעך. די טיר האט זיך געעפענט און בערטא איינגעהילט אין א ווייסער דעק, האט געבענדיג א געשמאקען גענייץ א פרעג געגעבען:

— שוין שפעט בונין?

— ס'טאגט שוין, בערטא לעבען — האט ער געענטפערט — איהר מעגט זיך שוין אפגיסען נעגעל-וואסער און נעהמען עפּיס אין מויל אריין. זי האט ארויסגעלאזט א צווייטען גענייץ און מיט פערשלאפענעם ברוגז געענטפערט:

— אה, ס'זאל אייך שוין זיין בונין, שטענדיג אבער מיט זיינע חכמותו..

II.

עס איז געווען פרייטאג גאנץ פריה. בונין האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און מיט א הארצקלאפעניש זיך דערמאנט, אז שוין צוויי אווענדען זענען פערבייגעגאנגען און ער האט פאניע'ן ניט געזעהן; אז נעכטען אין אווענד האט איהם א נאגענדע בענקשאפט ארומגעכאפט און ער האט זיך געקליבען געהן צו איהר. נאר די בת-יחידה האט זיך איהם אוועקגעשטעלט אין וועג און ניט געלאזט. זי האט איהם אוועקגעזעצט אין הויף נעבען זיך אויף א בענקעל און איהם געמאטערט ביז שפעט אין דער נאכט אריין מיט איהרע שטיפערייען און מיט איהר „מאטע".

— און אפשר איז טאקע גלייכער געווען, וואס ער איז ניט געגאנגען — האט ער זיך געטראכט — דער ביינאכטיגער שפאציר מיט פאניע'ן אין פארק האט איהם בעאונרוהיגט און איבערגעלאזט א שווערען אומעט ביי איהם אויף דער נשמה. איהם האט זיך אויסגעוויזען אז זי מוז זיך פיהלען געקרענקט דורך איהם און איהם האט געערגערט דער געדאנק, טאמער האט ער בעליידיגט איהרע מיידעלשע געפיהלען מיט זיין פערצווייפעלטער אונבעהאלפענקייט...

ער איז געבליבען ליגען בעווענלאז, מיט פערנעבעלטע און שלאף-אנגעגאסענע אויגען און עס איז פאר איהם ערשינען די לעבעדיגע, עטוואס קינדישע פיגור פון דער בת-יחידה, מיט א נאגענדיגער תאוה אין הארצען האט זיך אנגעהויבען טראכטען פון איהר, ווי ער האט זי אין זיינע ארעמס געהאלטען און צום הארצען געדריקט, פיהלענדיג דערביי דעם זיסען יוגענדליכען פייער פון איהר קערפער וואס האט זיך געצאפּעלט, דעם ליידענשאפטליכען ציטער פון איהר פרישען מיידעלשען לייב...

עס איז געווען תחילת נאכט. אין הויף האט שוין אנגעהויבען פינסטערליך צו ווערען. זיי זענען ביידע געזעסען ביים טהע-טישעל וואס נעבען אריינגאנג פון דער סאלע און די בת יחידה האט איהם געזאגט:

— איהר וועט שוין היינט ביי מיר זיצען דא, וויפיל איך אליין וועל נאר וועלען... זי האט דערביי איהם געדראהעט מיט'ן ווייהער וואס זי האט געהאלטען אין דער האנד. זי האט איהם געבעטען ווארטען א ווײַלע און אליין אוועקגעלאפען

אין דער צווייטער „פאטיע", צו ברענגען פון קיך דעם טשאיניק וואסער אויף דער מאטע.

איהר טאטע מיט דער מאמען, זענען געזעסען אין דער העל בעלויכטענער סאלע ארום קיילעכדיגען טיש, מיט נאך א פאאר בעקאנטע אידען, מעבעל פאב-ריקאנטען, און זיך צוזאמען געהאמפערט איבער זייערע עסקים. די מאמע איז געווען מלא רוגזא אויפ׳ן טאטען, הלמאי ער איז אזוי גיך מושוה געווארען מיט די אידען, האט נאכאנאנד געשאטען די תוכחה אויף עפיס א אידען א „עסטא-פאדאר", וואס איז איהר שולדיג געבליבען א „ממון קורח" און וואס איצט, אז ער האלט שוין ביים אנזעצען וויל ער אפילו קיין פופציג פראצענט איהר ניט צאהלען...

די אידען, די מעבעל פאבריקאנטען, האבען זי געפרובט בערוהיגען און צו איהר גע׳טענה׳ט, אז אייגענטליך זענען זיי ניט קיין קלענערע קרעדיטארען פון איהר; אבער וואס קאן מען טהון מיט א אידען א שווינדלער? דאס בעסטע און דאס גלייכסטע וואלט געווען— האבען זיי געזאגט— צו פערענדיגען וואס שנעלער מיט דעם „אידעל", ווייל ער קאן זיך נאך מישב זיין און „אפציהען" קיין טשילע...

ביז שפעט אין דער נאכט אריין האט זיך דער סכסוך פערצויגען. די מעבעל פאבריקאנטען זענען זיך אוועקגעגאנגען. דער טאטע מיט דער מאמע האבען זיך נאך איצט געהאמפערט צווישען זיך אין פינסטערען שלאפצימער, ביז זיי זענען איינגעשלאפען און בלויז זיי אליין, ער מיט עטעלען זענען נאך געבליבען זיצען.

די שטאדטישע זייגערס האבען שוין צוועלף געשלאגען.

אינ׳ם האלב טונקעלען הויף, בעלויכטען פון קליין עלעקטרישען לעמפעל, האט זיך שוין געפיהלט די נאכטיגע שטילקייט פון ארום. די וואזאנעס מיט די בלומענטעפ, האבען געדרימעלט אינ׳ם שאטען פון דער אנטקעגענאיבערדיגער וואנד, און פון די געגלייזטע טירען פון די צימערען, האט דער אינוועניגסטער חושך ארויסגעשטארט.

די בת יחידה האט אפילו ניט אנגעהויבען צו טראכטען פון שלאפען געהן. זי האט ערשט אנגעהויבען צו שטיפען מיט איהם און צו פלוידערן און נאכאנאנד ביי איהם איבערגעפרעגט צי איז ער נאך פערליבט אין פאני׳ען און צו דענקט ער טאקע חתונה האבען פאר איהר...

ער האט עטליכע מאל געפרובט זיך אויפהויבען פון בענקעל און אוועק צו זיך אין צימער אריין, פיהלענדיג ווי עס דריקט איהם א בענקענדער אומעט אויף דער נשמה, נאר זי האט זיך איהם אוועקגעזעצט אויף די קניה, איהם פעסט ארומ-גענומען מיט ביידע הענד פאר׳ן האלדז און איהם זיך ניט געלאזט ריהרען פונ׳ם ארט.

—זי וויל נאך מיט איהם רעדען—האט זי געזאגט און עקשנות׳דיג געצויגען מיט די אקסעל. זי האט איהם געפרעגט, וואס ער טראכט זיך, וואס פאר א פלאן ס׳איז פאר איהם חתונה צו האבען מיט אזא ארימער מיידעל ווי פאני.

איהר פנים האט דערביי אנגענומען א קינדישען ערנסט.

ער מוז ווערען א „פערסאנא סעריא"—האט זי געטענה׳ט צו איהם און מילד פערפיהרעריש איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין.

זי איז צוגעשטאנען צו איהם מיט א ווילדער און בייזער עקשנות און מיט די ריהרענדסטע צערטליכקייטען האט זי זיך איהם געטוליעט צום הארצען...

– איהר טאטע—האט זי איהם פערזיכערט און דערביי ליבליך צו איהם גע־שמייכעלט—האט אין שמועס מיט איהר מאמען, זיך ארויסגערעדט וועגען איהם: „בונין וואלט שוין געמעגט ווערען אביסעל מעהר „סעריע" און אז קאמערץ וואלט איהם געמאכט פאר א לייט...

ער האט געשמייכעלט און זי גלעטענדיג איהם די האאר פון קאפ האט איהם געפרעגט:

—און וואס־זשע זאגט ער בונין, איז דען איהר טאטע נישט גערעכט? קא־מערץ—האט איהר דער טאטע געזאגט—איידעלט אויס דעם מענשען... און אויך זי אליין וויל האבען א חתן א סוחר... זי האט דערביי געקוקט אויף איהם מיט אזוי פיעל ליבע און איבערגעבענקייט אין די אויגען, אז ער האט געפיהלט, אז זי בעצווינגט איהם און אז ער וועט לאנג ניט ווידערשטעהן. ער האט זי ווילד און ליידענשאפטליך ארומגעכאפט, זי צוגעדריקט צו זיין הארצען און איהר אויס־געקושט דאס גאנצע פנים. זי איז געבליבען ליגען ווי א פער־חלשטע ביי איהם אויפן שויס און שטילשווייגענד זיך געפיהלט איבערגליקליך...

ער איז געבליבען זיצען אנגעבויגען איבער איהר און זיך געפיהלט שטארק געריהרט פון דער סצענע. ער האט שטיל און פארזיכטיג זי אנגעהויבען וועקען, און גלעטענדיג איהר די וייד־בלאנדע האאר, האט ער איהר געזאגט:

—אבער עטעלע, קינד וואס דו ביזט, איך בין דאך קיינמאל קיין סוחר ניט געוועזען און קאן דאס ניט זיין...

ער האט איהר א קוש געגעבען אין קאפ און זיך געוואלט אויפהויבען:

—עס איז שוין שפעט עטעלע, און איך דארף נאך מארגען אויפשטעהן פריהער אביסעל—האט ער איהר געזאגט.

זי האט אויפגעהויבען דעם קאפ, וואס זי האט געהאלטען אוועקגעלעגט אויף זיין ברוסט, האט זיך אנגעשפארט מיט ביידע הענד אן זיינע אקסלען און איהם אריינגעקוקט אין זיינע אויגען... נאכדעם איז זי שטיל ווי א קעציל אראפ־געשפרונגען פון זיינע קניה און זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגען איהם מיט אנגע־כמורעטע ברעמען. א ווייל איז זי געשטאנען אזוי א צעפאטעלטע און שווייגענ־דיג איהם אנגעקוקט. באלד האט זי זיך אוועקגעדרעהט פון איהם, און מיט לאנג־זאמע טריט זיך פערקליבען אינ'ם שאטען פון דער געגענאיבערדיגער וואנד.

ער האט זיך אויפגעהויבען פון בענקיל און זיך געלאזט צוגעהן צו איהר. זי האט זיך פון איהם אפגערוקט און זיך צוגעטוליעט נעהענטער צו דער וואנד, אין פערדעקענדיג זיך מיט ביידע הענד דאס פנים, האט זי אויסגעבראכען אין א היסטערישען שלוכצען...

—וואס פאר א מאדנע קאפריזנע קינד דאס איז!—האט ער א אומעטיגער געשמייכעלט. א לייענשאפטליכער זיפץ האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון הארצען. ער איז געבליבען ליגען אין א זיסער מאטקייט, טוליענדיג זיך צום גע־

לעגער. אין צימער איז טונקעל און קיהל געווען און מיט פער׳חלום׳טע אויגען און מיט א שטילען בין השמשות׳דיגען טרויער אין דער נשמה האט ער געקוקט צו די שפאלטען פון די צוגעמאכטע זומערטירען פון זיין צימער, דורך וועלכע עס האט זיך ארייגעשפארט די שטראמיגע פרישע לופט פונ׳ם ליכטיגען זומער-פריהמארגען.

אין צווייטען צימער ביים שכן האט זיך שטיל גערודערט און ער האט זיך איינגעהערט צום בנעימות׳דיגען בייזערן זיך פון דער יונגער שכנה—א אידיש חנ׳עוודיג ווייבעל מיט שווארצע סאמעט אויגען, וועלבע האט גזאגט צו איהר פינפיעהריגען אינגעלע:

—טרינק אפ די טהיי, טאטע מיינער! טרינק שוין אפ! די מאמע דארף אויסוואשען די גלעזער און צוגרייטען דעם מיטאג.

איהר שטימע האט איהם געקלונגען אזוי הארציג און היימיש ווי זי וואלט פאר איהם א טרייסט געווען.

אין הויף האט נאך געוויהט די שטילע פריהמארגען רוהיגקייט פון בעגינען. פון דער צווייטער „פאטיע” האט זיך דערטראגען צו איהם דאס פרייהליכע סוויט-שערען פון צוויי קאנאריקלעך, וואס האבען דארטען ארומגעפלאטערט אינ׳ם הענ-געגדיגען שטייגעל און געמאכט אויפציטערן מיט זייער געזאנג די דורכזיכטיגע מארגענלופט.

מיט א זיסער פער׳חלום׳קייט אין דער נשמה, האט ער זיך פארגעשטעלט ווי די בת יחידה זיצט שוין אין הויף ביים טהיי=טישעל וואס נעבען דער סאלע, אנגעטהאן אין איהר לייכטען זומערכאלאט, מיט די צעלאזטע בלאנדע האאר איבער די אקסלען און טרינקט ווי אלע פריהמארגען, איהר קאווע מיט מילך.

איהר טאטע, האט ער זיך געקלעהרט, דער אויפגעקומענער נגיד אין אר-געגטינא, מוז זיך שוין ארומדרעהען מיט די הענד אין די הויזנקעשענים, איבער דער קלייט פון זיין מעבעל געשעפט, אויף „קאזשע ריוואדאוויא” און א פער-זארגטער איבערטראכטען, טאמער טאקע, די שעה זאל ניט זיין, האט זיך דאס „אידעל” מישב געווען און „אפגעצוויגען” קיין „טשילע”. און די מאמע, די אשת חיל, מיט׳ן פערעלטערטען קרייענדיגען פנים, און מיט׳ן שווארצען בארעטיל אויפ׳ן קאפ מיט די פלאקסענע האאר איז שוין אודאי אוועק אין „מערקאדא” אריין, זיך דינגען דארטען מיט די נאפאליעטאנער, די גרינס=הענדלער.

און ער האט זיך דערמאנט, ווי עטעלעס טאטע, האט איהם געכאפט אמאל אויף דער ווענדקע, באלד ווי ער האט זיך צו איהם אין הויף אריין אי-בערגעצויגען:

—נו, און מיט וואס באשעפטיגט זיך עפעס אזא יונגערמאן ווי איהר?—האט ער איהם געפרעגט מיט א אנשטעל פון א אויפגעקומענעם נגיד. און אז ער האט זיך דערוואוסט, אז ער בונין, איז ניט קיין סוחר און האט אפילו קיינע אויסזיכטען צו ווערען אמאל א נאטארוס, האט ער איהם אויפ׳ן צווייטען טאג קיין גוטמארגען ניט געזאגט...

—וואס פאר א מיאוסע אומה, עס זענען די אויפגעקומענע נגידים—האט

ער זיך געקלעהרט—א שאד נאר די גראציעזע שעהנע מיידלאך זייערע—האט ער זיך דערמאנט מיט א סענטימענטאלען שמייכעל אן עטלעך...

ווען אין צווייטען צימער ביים שכן, האט דער וואנדזייגער געשלאגען צעהן, איז בונין אויפגעשטאנען און זיך געגאנגען ארומוואשען. אין הויף איז קיינער ניט געווען. די בת יחידה, האט זיך ארומגעדרעהט אין סאלע, און באַמערקענדיג איהם האט זי זיך אויסבעהאלטען. ער האט אנגעהויבען צו שמייכלען פון איהר רוגז—טראכטענדיג אז ער וועט לאנג ניט געדויערען—און איז אוועק אין דער צווייטער „פאטיע". שטעהענדיג מיט'ן קאפ אונטער דער לויפענדער וואַסער פון קראנט, האט ער זיך נאכאמאל דערמאנט אין פאניען, אז שוין צוויי אוועגדען זענען פארביגעגאנגען, וואס ער האט זי ניט געזעהן און אז היינט אין אווענד מוז ער געהן צו איהר, און די ברוגז געווארענע בת יחידה, וועט איהם אפשר שוין מעהר ניט פערהאלטען...

III.

זונטאג אין דערפריה. אין צימער איז שוין געווען אויפגעראמט. בערטא'ס נייה־מאשין איז געשטאנען אין א ווינקעל איבערגעדעקט מיט א ווייסען ליילעך, ווי שבת'דיג. דאס בעט אויפ'ן אידיש־רוסישען שטייגער צוגעבעט, מיט א פאאר קליינע יאסיקעס אויף צוויי גרויסע קישענס, מיט ווייס געהעפטע ציכען, זענען געלעגען איינער אויפ'ן אנדערן. די דילען ריין אפגעוואשען, אז ס'האט זיך נאך געפיהלט פון זיי דער ריח פון געלער זייף און שטארק-וואסער. דער טיש, וואס איז אין מיטענוואך פערקלענערט, איז מיט דער מיטעלסטער אריינגעשטעלטער ברעט, פערגרעסערט געווארען. פערשפרייט איז ער געווען מיט א גרין אפגעלאַקירטען טישטוך, און פונקט אין מיטען א פירעקעכדיג סערוועטיל, א ווייס, מיט אויסגענייטע קוויטען אויפ'ן רוסישען ארט. אויף דעם א גרינבליכער אפגעַנוצטער אלבום מיט א פיאלעטען קראנץ אויפ'ן טאוועל. אנטקעגען איז געשטאַנען די קליידער-שאפע, א אויסגעפוצטע און א גלאנציגע, ביי וועלכער דער איינגעפאסטער שפיגעל, איז שוין אין פיעל ערטער געווען געפלעקט און דער קוועקזילבער אפגעשפרונגען. דערביי אנטקעגען טיש איז געשטאנען א נאכטשאפ-קעלע, אויף דעם זענען געלעגען איניגע ביכער צונויפגעלעגט. און א גלעזער-נער קרוג מיט פרישע אריינגעשטעלטע בלומען. דאס גאנצע צימער האט געאַטעמט מיט א שטילער פריהמארגען רוהיגקייט.

בערטא מיט צושויבערטע האאר, אנגעטהאן אין א ריין לייוועגטענעם כאַלאט, איז געזעסען מיט ביידע הענד אין פאדעליג און געריעדט מיט חיים'ען. ער איז געזעסען פון צווייטען זייט טיש מיט די פלייצעס צום נאכטשאפקעלע. אנ־געטהאן אין א נייעם בלויען אנצוג, מיט א הויכען גלאנציגען קראגען, דעם קאפ פריש אויסגעוואשען און פערפומירט, מיט א ווייסען שרינט צווישען די בלאנדע

האאר. ער האט געהאלטען א דיקען בוך אנגעשפארט אויפ׳ן רוקען. דאס פנים זיינס, נאך זעהר יונג, מיט ראזעווע לוויטער-הויטיגע באקען, האבען זייער האר־מאנירט מיט זיינע בלויע אינגעלשע אויגען.

—אזוי פריה געהט זי פראווען וויזיטען?—האט ער געפרעגט אונגעדולדיג.

—ס׳איז ניט קיין וויזיטען—האט בערטא געענטפערט—כ׳האב דאך אייך געזאגט, אז זי איז אריינגעגאנגען אין א צווייטען הויף צו א קריסטליכער שכנה. זי וועט מסתמא באלד אריינקומען.

—ווי קומט עס עפעס איהר זאלט אויפשטעהן אזוי פריה, ס׳איז דאך היינט זונטאג?

—איהר ווייסט ניט, מ׳האט זיך געלעגט פריה שלאפען, איז מען טאקע מיד געווארען צו ליגען אויף די געלעגערס.

—ווי קומט עפעס אזוי פריה שלאפען געהן—האט חיים זיך געחידוש׳ט—זי געהט גאר ניט אין ערגיץ, פאני?

—גראדע נעכטען האט איהר ווער געטהון דער קאפ...

איהר ווייסט ניט—האט זי צוגעגעבען—פריהער מיט א נאכט איז זי ניט געשלאפען, איז עפעס ניט געווען מיט אלעמען, איז זי מיד געווען...

ער איז אויפגעשטאנען פון בענקעל און גענומען איבערקוקען די ביכער, וואס זענען געלעגען אויפ׳ן נאכטשאפקעלע.

—זי לייענט, פאני, לייענט אסך...

—נו, צו זי לייענט, א פראגע א ביסעל!—האט זי אפגעווישט מיט צוויי פינגער דאס מויל, גלייך ווי ס׳וואלט פלוצים נאס געווארען.

—זי אז זי צולייענט זיך, זאלט איהר מיך שוין גארניט פרעגען. עס איז דאך עפעס דא א בונין אויף דער וועלט, ברענגט ער אלע מאל פרישע ביכער.

—איך לייען זעהר ווייניג—האט ער געמאכט א אונצופרידענע מינע—איך בין גראדע א מיטגליד אין א אידישען קולטור פעראיין, און די ביבליאטעק, ווייסט איהר דאך אז זי איז מיינע, זי האט מיך ניט איין צעהנער׳ל געקאסט, נאר איך בין רק פערנומען. דער ברודער געהט אוועק „קאברירען" די קליענטען אדער אין באנק אריין, מוז איך בלייבען אין געשעפט...

—ווען גאט העלפט מיר—האט בערטא ברייטליך אזאג געטהון—אז אהן אייער שאדען, זאל איך כאטש אין א יאהר ארום פערמאגען העלפט... וואלט איך זיי אלעמען צוגעלאזט די ביכער.

—אין ב. איירעס אז מ׳וויל האבען געלט, טאר מען קיין ביכער ניט לייענען—האט ער אזאג געטהון מיט א טאן פון א ערפאהרענעם מענשען—ער האט בשעת מעשה גאוה׳דיג געשמייכעלט און אנגעהויבען ארומשפאצירען מיט די הענד אין די קעשענים איבער׳ן צימער.

—ער קומט אפט אהער בונין, ברענגט ביכער?... האט ער צוגעמאכט אביסעל דאס לינקע אויג און מיט׳ן צווייטען געקוקט צו בערטאן.

—זעהר אפט—האט זי געענטפערט—נאר שוין א פאאר טאג, אז ער איז דא ניט געווען.

—א געלערענטער יונג, אט דער בונין,—האט עס געקוקט צו איהר מיט א חוזק-שמייכעלע אויף די ליפען—א גאנצער רעדנער איז ער. ער האט שוין אמאל געהאלטען א רעדע ביי אונז אין קולטור פעראיין. אייך געפעהלט ער עפּיס בערטא?

—וואס האט ער מיר וואס צו געפעלען! מיר דוכט, אז ער רעדט שוין צופיל. זי האט זיך איינגעהערט א ווײַלע צו דער טיר און אויסגערופען:

—אט געהט דוכט זיך פאני!

חיים האט זיך צוגעגלייכט דעם שניפּס, האט פון דערוויטענס, געכאפּט א קוק אין שפּיגעל און זיך צוגעלעגט די האאר פון קאפּ.

פאני איז אריינגעקומען.

—א גאסט, חיים, וואס מאכט איהר עפּיס?

—א דאנק, איהר זעהט ניט? אט בין איך געקומען זעהן וואס איהר מאכט.

—און ער האט געבראכט ביליעטען פאר אונז—האט בערטא געזאגט—אויפ'ן ליטעראַרישען אָווענד פון זיין קולטור פעראיין, וועסט געהן פאניע?

—אויף ווען איז דאס?

—טאקע אויף היינט אווענד, חיים'ל וועט אונז קומען נעהמען אין סאלאן אריין.

—איך זאל עס אנהויבען וויסען—האט פאני געזאגט און זיך פערטראכט—און טאמער וועט עמיצער קומען און מיר וועלען ניט קאנען אוועקגעהן...

—ווער וועט קומען, נארעלע, בונין? וועט ער אויך געהן...

—געוויס וועט ער געהן. ער האט מעהר ניט וואס צוטהון!..

—א כלל, וואס-זשע ווילסטו? געהושע ניט!—איז בערטא געווארען אונ-צופרידען—האסטו געהערט?... בונין וועט קומען! א מאטע מיינער!

פאני האט אויף איהר א קוק געטהון מיט ברוגז'ע אויגען און זיך געווענדט מיט א שמייכעל צו חיים'לען:

—און איהר ווילט אפשר געלט פאר די ביליעטען?

ער איז רויט געווארען און געענפערט, אז ער וואלט איהר שוין גראדע פיל מעהר געטרייעט און אויסער דעם איז ער גלאט אזוי אריינגעקומען זעהן ווי ס'געהט איהר...

—א שענעם דאנק אייך! און ווי געהען דאס אייערע געשעפטען, פערדינט איהר עפּיס געלט?

ער האט שעמעוודיג געשמייכעלט א צופרידענער און געזאגט, אז ער איז רק פערנומען, און אז ער רייסט זיך אמאל אפ מיט גוואלד פון געשעפט, און געהט ספּעציעל צו איהר, זעהן וואס זי מאכט, טרעפט ער זי ניט אין דער היים.

—פערברענגט איהר כאטש פרעהליך, פאני?

—אזוי זיך, אז בונין קומט געהען מיר ערגעץ.

—פאר וואס געהט איהר אמאל ניט אין א טעאטער? איך געה זעהר אפט אין טעאטער, כמעט איין קאנצערט פערפעהל איך ניט.

פאני האט זיך גענומען איבערלעגען איהרע זאכען, וואס די וועשין האט

געבראכט, און זיי איינציגוויז ארייגעלעגט אין שיפלאד פון דער קליידערשאפע און בערטא האט געזאגט:

—פאני, חיים זאגט, אז אויב מיר ווילען נאר, קומט ער גלייך מיט א אוי-טאמאביל נאך אונז און פיהרט אונז אין סאלאן אריין... ניט אזוי חיים׳על?

ער האט אויפגעהויבען די אויגען אויף פאניען, וועלכע איז געשטאנען מיט׳ן פנים צום שפיגעל פון דער שאפע און זיך פעררינכט די האאר פון קאפ.

כ׳וויים אויף פריער—האט ער געזאגט מיט א שטילען פייערל אין די אויגען—אז דער אוונד וועט זיין זעהר א אינטערעסאנטער. זאל נאר פאני זאגען, קום איך פארנאכט מיט א אויטאמאביל.

—ווי איהר ווילט!—האט זי געענפערט קאלט.

זיין הארץ האט אנגעהויבען קלאפען מיט בעליידיגונג, און ער איז געבלי-בען שטעהן אינגאנצען א פערלוירענער. דערזעהענדיג איהר מיידעלש-גלייכגילטיג פנים, ווי פערשאטענט פון איהרע שווארצע געלאקטע האאר, וועלכע זענען מיט א צוויבער זיך צופאלען אויף איהר שענעם נאקען, האבען זיינע אינגלישע בלויע אויגען זיך פערנעבעלט. ער האט זיך דערמאנט אן בוניג׳ען, אן דעם דאזיגען ארימען בחור, און ער האט איהם נאך קיינמאל אזוי ניט מקנא געווען ווי איצטער. און גלייך ער וואלט איהם געזעהן שטעהן נעבען איהר און גלעטען איהרע שווארצע האאר, האט דאס הארץ זיך געצאפעלט אין איהם פאר קנאה.

בערטא, אריינקומענדיג פון הויף, האט בעמערקט ווי ער שטעהט א פער-לוירענער און האט זיך אנגערופען:

—פארוואס זיצט איהר ניט חיים? קומט א ביסעלע פריהער מיט׳ן אויטא-מאביל, וועלען מיר פריער זיך דורכפאהרען קיין פאלערמא און נאכדעם ערשט אין סאלאן, ווי מיינט איהר חיים?

—פארוואס ניט, איך האב שוין אליין געטראכט וועגען דעם—האט ער געענטפערט מיט א פערלאשען קול. ער האט זיך א קליינע ווילע ארומגעדרעהט ביי די קאנטען פון טיש, בעריהרט זיי א פאאר מאל מיט די שפיץ-פינגער און געזאגט:

—מ׳דארף שוין געהן!.. ער האט ארויסגעצויגען דאס זייגעריל פון טאש, געקוקט א רגע אין דער שטילער לופט פון צימער און נאכדעם אויפ׳ן ציפערבלע-טיל און קוים ארויסגערעדט:

—זאל איך קומען, זאגט איהר?

—וואס פאר א פראגע!—האט בערטא אויסגערופען—קומט, קומט חיים, אבער למען השם וואס פריער! זי האט איהם בעגלייט ביז צו דער גאסענטיר און איהם נאכאמאל אנגעזאגט:

—ער זאל נישט פערגעסען חיים. וואס פריער זאל ער קומען, זיי וועלען שוין ווארטען אויף איהם.

ווען זי איז צוריק אריינגעקומען אין צימער, האט זי געטראפען פאניען מיט א אויפגעעפענטער בריף אין האנד.

—מיינסט אפשר כ׳האב ניט געזעהן—האט זי אנגעהויבען צו לאכען—ער האט די בריף אוועקגעלעגט אויפ׳ן נאכטשאפקעלע. גלויב מיר אז כ׳האב ז געזעהן; בערטא איז שוין גרארע א מבין אויף די זאכען, נאר פון דעסטוועג איז פון דיר א גרויסע עולה פאני, ווי בעהאנדעלט מען עס אזוי א מענש האסט כאטש געזעהן, ווי ער איז געשטאנען?

פאני האט ניט געענטפערט. דעם גאנצען האלבען טאג איז זי ארומגעג גען שווייגענדיג און מעלאנכאליש. בערטא אינגאנצען אנגעגענטהייל איז געווען זעהר או געלעגט און די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראלאלייקען:

א חלום, א חלום, האט זיך מיר געחלומ׳ט,
און א חלום האט זיך מיר געדאכט.
דיין שעהן פנים מיט דיינע שווארצע אויגען,
קראנק האסטו מיך געמאכט...

—כ׳וואלט נאר א בעלן געווען צו וויסען—האט זי זיך פלוצים אנגערו צו פאני׳ן— וואס שרייבט ער דיר דארטען אינ׳ם בריוועל? א גאנץ וואויל יונגערמאן איז ער, אט דער חיים׳על. אזא בנעימות׳דיגער, ווי א שטילע מויז

פאני האט זיך צולאכט און ארויסגעגאנגען פון צימער. בערטא האט געכאפט פאר׳ן בריוועל, וואס איז געלעגען אינ׳ם אפענעם קאנווערט, זי האט ג געהויבען לעזען אין דער שטיל, קוקענדיג אלע ווײלע צו דער טיר:

„טייערע פאני: איך האב אייך ליב פון זינט איך האב אייך דערקע איך האב אבער קיין גליק ניט אין מיין ליבע. און ווען איך קום צו אייך, ווי איהר מיר אפילו אייער בליק ניט שענקען. פאר וואס בין איך אזוי זינדיג פאר און ער קלאגט זיך נאכאנאנד, אז אווענדען און נעכט גאנצע, ווען זי געהט או מיט בונינען, אדער זי זיצט מיט איהם אין שטוב, דרעהט ער זיך ארום ווי שומר פאר איהר טיר; אפשר וועט זי זיך ווייזען אויף דער שוועל, אדער זי ו אנקומען פון ערגעץ. און ער בעט זי, אז זי זאל מיט איהם מיטלייד האבען איהם ניט אפשטויסען פון זיך...

פאני איז אריינגעקומען, און מאכענדיג זיך גלייך, ווי זי האט גאר באמערקט, ווי זי האט אין כאפעניש די בריף אוועקגעווארפען, האט זי זיך רו אוועקגעזעצט ביים טיש. בערטא, אביסעל אין א פערלעגענהייט, מיט א שמ לענדיגען פנים, איז צוגעגאנגען צו פאני׳ן און געזאגט:

—הערסט פאני, זאגסט דאך אז בערטא איז א נאר, נאר דו וועסט אמאל דערמאנען וואס בערטא האט געזאגט! דו מיט בונינען... נאר זייט ניט ברו כ׳בין אפשר ניט אזוי געלערנט ווי דו, אבער אויף די זאכען בין איך שוין גר מעהר מבין פון דיר... מיר געפעהלט, אז אט דער בונין איז ניט פאר די פערשטעהסט... ער איז פון די היינטיגע בחורים... וואס ווילסטו זאל איך זאגען?.. כ׳בין א פראסטער גוט שבת... איך זאג ער וועט דיך ארומפיהרען, הי מארגען... ס׳וועט דערפון גאר גישט ניט זיין... אזוי איז ער שוין... און איצט ווי דו פערשטעהסט!..

פאני האט איהר אנגעקוקט מיט א קאלטען פנים און פערטראכטע אויגען,

פערשלינגענדיג א שטילען זיפץ, איז זי געבליבען זיצען מיט׳ן קאפ געזונקען צווי־שעןביידע הענד.

בערטא׳ן האט זיך אויסגעוויזען אז זי וויינט. און אין אמת׳ען האבען די טרעהרען זיך געשפארט אין איהרע אראפגעלאזטע וויעס. דאס פנים איהרס, האט ביסלעכוויז די פארב פערלוירען און זיך אנגעכמורעט. אין דער שטיל, מיט צו־זאמענגעדריקטע ליפען, האט זי זיך געראנגעלט מיט א פערבענקטען וועהטאג, און מיט אלע כחות זיך איינגעהאלטען, ניט אויסצוברעכען אין א שלוכצען.

בערטא איז געשטאנען די גאנצע צייט און איהר שוויגענדיג אנגעקוקט. נאכ־דעם האט זי לאנגזאם אפגעווישט די ליפען, געגעבען א ניט פערשטענדליכען ציה מיט די אקסלען און ארויסגעברומט:

—אט, האסטו דיר! מיינע גליקען! איך, בערטא נאר דארף זיך אריינמי־שען! זי איז פארזיכטיג מיט שטילע טריט ארויסגעגאנגען פון צימער. אין א קליינע ווײַלע ארום, איז זי געשטאנען אליין אין קיך ביים מיטאג קאכען. זי האט זיך דערמאנט, אז אויף דער נאכט ווארט אויף איהר א באל, און חיים וועט מסתמא קומען מיט׳ן אויטאמאביל איהר נעהמען אין סאלאן אריין, האט זי הנאה׳דיג געשמיי־כעלט פאר זיך און אנגעהויבען צו זינגען אויף א קול.

א חלום, א חלום, האט זיך מיר גע׳חלום׳ט,
און א חלום האט זיך מיר געדאכט...
דיין שעהן פנים מיט דיינע שווארצע אויגען,
קראנק האסטו מיך געמאכט!..

עס איז געווען א הייסער נאכמיטאג. ביידע מיידלעך אין די אונטערשטע קליידלעך, האבען געטריבען די פליגען פון דעם צימער. פערמאכט די לאדען פון דער שויבטיר וואס פיהרט אין הויפעל אריין, פון וואנען ס׳האט געשלאגען א היץ פון די אנגעגליהטע מאזאאיקען, וואס האבען זיך געבאקען אונטער דער זון.

בערטא האט זיך אוועקגעלעגט אויפ׳ן פאל, פאנאנדערגעשפרייט די ענט־בלויזטע פליישיגע הענד און פאכענדיג זיך געקלאגט אויף דער היץ.

פאני האט זיך איינגעהילט אין א ווייסען קלאהרען כאלאט. מיט א אויס־געוואשענעם קאפ, די שווארצע האר, פייכטע און צולאזטע איבער די אקסלען, איז זי געבליבען שטעהן אין מיטען פון האלב פינסטערען צימער און ניט געוואוסט וואס צו טהון מיט זיך.

— לעג דיך אוועק צווישען בעט און דער שאפע — האט איהר בערטא גע׳עצה׳ט — דארטען דארף זיין קיהל א מחיה.

פאני האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער וויגשטול.

— כ׳זאל זיך כאטש קענען גוט אויסשלאפען ביז חיים׳ל וועט קומען — האט בערטא געזאגט מיט א מיד־פערשלאפען קול — יעדעס מאל וואס איך הער דאס פייפען פון א אויטאמאביל פון דרויסען, ווייזט זיך מיר רק אוים אז ער קומט שוין. זי האט דערביי ארויסגעלאזט א פוילען געניץ און צוגעמאכט די אויגען.

פאני איז צוגעגאנגען אהן חשק צום נאכטשאפקעלע, האט גענומען א בוך פון דארט און זיך צוריק אוועקגעזעצט. זי האט געוואלט זיך פארליינען און ניט געקאנט. דאס בוך האט זיך ניט ווילענדיג ארויסגעגליטשעט פון איהרע הענד, זי איז געבליבען ליגען מיט׳ן קאפ אנגעשפארט אן אנלעהן פון וויגשטול. מיט פער־מאכטע אויגען און די הענד פערפלאכטען אויפ׳ן הארצען, במעט אהן געדאנקען, פערוויגט אין א מידקייט, האט זיך איינגעהערט צו איהר אייגענעם הארצקלאפען.

בערטא איז שוין איינגעשלאפען. מיט די צושפרייטע נאקעטע הענד און מיט א אפען מויל, האט זי אנגעפולט דאס צימער מיט א שטילען שנארכען. פון דרויסען אופ׳ן טראטואר, האבען זיך געהערט די טריט פון די פארבייגעהער, זייער רעדען צווישען זיך מיט פערשידענע קולות, און ווייטער א מאל די זעלבע שטילקייט. פאני האט זיך דערמאנט אן חיים׳ן, אן זיין הייגטיגען וויזיט. זי האט געדענקט אן בונינען, וואס מוז זיך געפונען ערגעץ צווישען זיינע בעקאנטע און רעדען ווי שטענדיג, פון זיך, פון אלעמען און געדענקען אפילו ניט אן איהר. און אפשר איז ער גאר ביי זיך אין צימער — האט זי זיך געטראכט — איינער אליין מיט זיך, און ליגענדיג א פערטראכטער אויף זיין בעט, בענקט ער נאך איהר... איז עס מעג־ליך, אז ער זאל זיך ווילען פערגעסען אן איהר? פאר וואס־זשע האט ער איהר אזוי פיל מאל ערקלערט אז ער האט איהר ליב? און אפשר איז זי ביי איהם ניט מעהר ווי איינע פון זיינע אילוזיעס, וואס פולען אן זיין מח און נשמה?

— איי בונין, — האט זי געשטאמעלט פאר זיך מיט בענקשאפט - ווי ענטוישט ער רעדט פון זיך און פון זיין לעבען; און זי האט זיך דערמאנט וואס ער האט איהר אין זיינע יאוש־מינוטען געזאגט: „צופיעל איז ער פון לעבען אפ־גענארט געווארען, אז די ליבע פון א פרוי, וואס וויל ליבען און געליבט ווע־רען, זאל איהם אומקעהרען דאס, וואס ער האט אויף זיין וועג פערלוירען...״

זי האט פעסטער צוגעמאכט די אויגען און פערפלאכטען די הענד איבער׳ן קאפ. זי האט געוואלט פערטרייבען די אלע מחשבות וואס האבען זי נאך פונ׳ם לעצטען אוונד, געהענדיג פון פארק, ניט אויפגעהערט צו מאטערען. און גע־וואלט האט זיך איהר טראכטען פון יענעם ערשטען אוונד, ווען בונין האט איהר אויסגעזעהן אן אנדערער, אט דער בונין, מיט דעם פערבארגענעם כשוף אין זיין נשמה, וועלכע איז ערשינען פאר איהר ווי א גליקליכער חלום אין איהר לעבען. זי האט אויפגעעפענט די אויגען, און דאס האלב פינסטערע צימער, האט איהר נאך פינסטערער אויסגעזעהן. דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען ציטערען און פערשטעלענדיג מיט די הענד דאס פנים, זענען די טרערען שטיל גערונען איבער איהרע באקען...

אין סאלאן, איז חיים, אנגעטון אין שווארצען אנצוג, מיט ווייסע האנדשוה, אויף א רגע ניט אפגעטראטען פון פאני׳ן. די גאנצע צייט וואס ער איז געזעסען נעבען איהר, האט זי צו איהם ניט גערעדט און זיך אפילו צו איהם ניט אומגע־קוקט. ווען דער קאנצערט האט זיך געענדיגט, איז ער ארויס פון סאלאן אויף דער

גאס ארויס און ווי א צעמישטער געבליבען שטעהן אויפ׳ן טראטואר. ער האט קוים געפיהלט דאס ארומיגע און דאס אנשטויסען זיך אין איהם פון די פארביי-געהער. ער האט אנגעהויבען ארומשפרייזען הארט ביי די ווענט און געקיהלט זיך דעם צעהיצטען קאפ און די שלייפען וואס האבען איהם געברענט און פער-נעבעלט די אויגען.

בונין האט פאר דער גאנצער צייט זיך ניט געוויזען. ער איז געזעסען אויפ׳ן באלקאן מיט עטלען און מיט איהרען א קרוב, א יונגען בחור, וועמען טאטע-מאמע האבען געשיקט אלס שומר, אכטונג צו געבען אויף דער פערשייטער בת יחידה. ער האט בעמערקט פאני׳ן, וועלכע איז געזעסען אין דער פערטער רייהע און עטלען אנגעוויזען אויף איהר. די בת יחידה איז באלד צוגעשטאנען צו איהם, אז ער זאל זי מיט איהר באקענען, נאר בונין האט ווייזט אוים קיין חשק ניט געהאט און איהר געזאגט:

—שפעטער א ווײלע, ווען דער באל וועט זיך אנהויבען.

די בת יחידה אבער האט שוין ניט געקאנט איינזיצען און זי האט זיך פאר-טיג געמאכט, אליין ארפצולויפען אין סאלאן און זיך פארשטעלען פאר איהר. בונין האט איהר קוים איינגעהאלטען. מיט איין האנד האט ער איהר ארומגענומען ביי די אקסלען און מיט דער צווייטער זי פעסט אנגענומען פאר ביידע הענד.

—אבער זייט ניט אזוי ווילד עטעלע,— האט ער אויסגערופען— האט געדולד א ווײלע.

זי האט זיך געפרובט ארויסרייסען פון זיינע הענד און געשריגען צום בחור דעם קרוב:

—סימאן, וואס זיצטו ווי א גולם! זעהסט ניט וואס ער טהוט מיט מיר?...

דער בחור האט תם׳עוואטע געשמייכעלט און רויט געווארען איבער די אויערען.

—ער טהוט דאך אייך קיין בייז ניט! — האט ער ארויסגעשטאמעלט ווי א פערשולדיגטער. זי האט איהם אנגעקוקט מיט בייזע פינקעלדיגע אויגען.

בונין האט בשעת מעשה בעטראכט מיט תאווה׳דיגע בליקען איהר ווייסען אלבאסטער האלדז, וועלכער האט ארויסגעפעבעלט פון איהר דעקאלטירטער זיי-דענער בלוזע. זי האט אויסגעדרעהט צו איהם דעם קאפ און טרעפענדיג זיך מיט זיינע פערנעבעלטע ליידענשאפטליכע אויגען, האט זי זיך צולאכט מיט א קלינ-גענדיגען קאפריזנעם געלעכטער.

— אונפערשעמטער וואס איהר זענט — האט זי געשריגען — מיט בלוי-ציג-אייפעריגע אויגען — פאר וואס געהט איהר זיך ניט צו פאני׳ן, פאר וואס?...

בונין האט געלאכט שטיל און הנאה׳דיג און אנרופענדיג זי מיט די צערט-ליכסטע ווערטער, האט ער זי קוים בערוהיגט. זי האט זיך באלד פערגעסען אין פאני׳ן און אנגעהויבען צו שטיפען. נאכדעם האט זי זיך גענומען נוקם זיין אין איהר תם׳וואטע קרוב מיט אלערליי שפאט-ווערטלעך, איהם אנגערופען „פאר-שלאפענער פאפוגאי״ „גלעזערנער גולם״. דער בחור איז די גאנצע צייט געזעסען א צוטומעלטער, מיט אן אראפגעלאזטען קאפ און א פערלוירענער זיך געשפילט מיט די קנעפלעך פון זיין וועסטעל...

אונטען אין סאַלאָן האָט זיך געטומעלט. די דינער האָבען אַרויסגעטראַגען די בענקלעך און יונגוואַרג האָבען זיך געגרייט מיט אַ געפּילדער צום באַל. פאַני אַ אומרוהיגע מיט אויפגעהויבענע אויגען, האָט אַרומגעבלאַנדזשעט איבער׳ן סאַלאָן. עטליכע מאָל האָט זי מיט זיך מיטגערופען בערטאַ׳ן, אוןביידע זענען געגאַנגען זוכען בונינען אין בופעט אַריין און איהם ניט געטראָפען.

די מוזיק האָט אָנגעהויבען שפּילען און דער באַל האָט זיך אָנגעהויבען. חיים, אַ בערוהיגטער אַ ביסעל, האָט זיך מיט בערטאַן געוויזען פריינדליכער און צוגעלאָזטער ווי תמיד. ער האָט זי אַלע מאָל איינגעלאַדען טאַנצען, און דרעהענ־דיג זיך מיט איהם אינ׳ם טאַנץ, האָט ער פאַנין, וועלכע איז געשטאַנען איינע אַליין ביים אַריינגאַנג פון סאַלאָן, פון די אויגען ניט פערלוירען. ביי יעדער מאָל וואָס זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגנט, האָט ער געפיהלט ווי דאָס האַרץ פער׳חלשט אין איהם פון בענקשאַפט און פערדרוס.

די פליה־פּאָסט האָט זיך אָנגעפאַנגען, און יונגוואַרג, האָבען זיך בעהאַנגען מיט נומערן און שוין געוואַרט מיט אונגעדולד, אַז די דאָזיגע קינדישע קאָרעס־פּאַנדענץ זאָל זיך אָנהויבען. חיים איז צוגעגאַנגען צו פאַני׳ן און איהר געוואָלט אָנהענגען אַ נומער.

— זייט אַזוי פיל גוט חיים — האָט זי געזאָגט צו איהם — און גיט אַ קוק צו בונין איז נישטאָ אויפ׳ן באַלקאָן, אָדער אין דער גאַלעריע. ער איז גע־בליבען שטעהן ווי מ׳וואָלט אויף איהם מיט קאַלטע וואַסער געגאָסען.

—טהוט מיר די טובה, חיים— האָט זי זיך ביי איהם געבעטען, זי האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען מיט אַזוי פיל געבעט און מילדקייט אין איהרע אויגען, אַז ער האָט ניט געקאָנט ביישטעהן און ער איז געגאַנגען.

בערטאַ׳ס פיגור, האָט זיך די גאַנצע צייט געדרעהט אינ׳ם געוויש פון די טאַנצענדיגע פּאָרלעך. איהרע גרויע אויגען, ברייט געעפענטע, האָבען פרעהליכע אַרויסגעגלאַנצט פון אונטער איהר פלאַכען שטערען. די מעלאַנכאָלישע טענער פון אַ וויענער וואַלצער, האָבען שטיל און תאוה׳דיג זיך צוגאָסען אין דער לופט פונ׳ם העל בעלויכטענעם סאַלאָן. פאַני איז געשטאַנען אַ איינזאַמע מיט אַ אויס־געבלייכטען פערטראַכטען פּנים און איהרע פערבענקטע אויגען האָבען ניט אויפ־געהערט צו זוכען בונינ׳ען. זי האָט זיך געפיהלט אַזוי ווייט פון דעם גאַנצען טומעל גלייך זי וואָלט האָבען אַהער פערבלאַנדזשעט געוואָרען. איהר האָט זיך געוואָלט איהם טרעפען פּלוצים, אונבעמערקטערהייט פון קיינעם, ערגעץ איינעם אַליין, און אויף זיין פּנים זאָל זי דערקענען, צי טראַכט ער אויך און בענקט נאָך איהר ווי זי נאָך איהם... זי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אין דער זעלבער פּאָזע, פּונקט ווי אין יענעם ערשטען אָוונד ווען ער האָט זיך איהר אין ליבע ערקלעהרט. זיין פּנים ערנסט, און זיינע קלוגע שמייכלענדיגע אויגען, האָבען מיט אַזוינע מילדע בליקען געקוקט אויף איהר.

—„זאָל איהר ניט פערדריסען— האָט ער איהר געזאָגט מיט אַ ציטער אין זיין שטימע— אַז ער בונין, קאָן שוין מעהר ניט פערשווייגען, דאָס וואָס ער פיהלט אין זיין האַרצען, און ער מוז איהר זאָגען, אַז ער האָט זי ליב״... זי האָט

פלוצים דערפיהלט א פערלאנג ערגעץ אוועקצוגעהן. דער סאלאן, זיין ליכטיגער טומעל, האט געוועקט א וועהטאגליכען אומעט אין איהר הארצען. ווי דורך א זילבערנעם שטויביגען נעבעל, האבען זיך די פאארלעך געדרעהט פאר איהרע אויגען, צווישען וועלכע זי האט זיך באגעגענט מיט בערטא׳ס גרויע אויגען, ווילדע און צופלאמטע. זי איז ארויס פון סאלאן און ניט באוואוסטערהייד, איז זי אריין אין דער גאלעריע, וועלכע איז געווען טונקעל בעלויכטען, מיט האלב פערשאטענטע ווענד און א שטילע קיהלקייט האט פון איהר געוועהעט. די טענער פון דער מוזיק, האבען ווי פון ערגעץ דערגרייכט צו איהר, שטילע און שוואכע, ווי א מעלאדיע וואס האלט שוין אין אויסגעהן.

חיים איז די גאנצע צייט ארומגעגאנגען איבער׳ן סאלאן און זי געזוכט.

—איהר האט ניט געזעהן פאני׳ן?— האט ער בערטא׳ן געפרעגט מיט אנגסט.

—זי איז דוכט זיך ארויסגעגאנגען אין גאלעריע— האט זי געענטפערט— וואס איז דען?

—גאר ניט, וואס זאל זיין— האט ער געענטפערט און זיך געלאזט אוועק־געהן— זי זוכט בונינען...

אריינקומענדיג אין גאלעריע, האט ער זי געטראפען שטעהן אונבעוועגליך ארויסקוקענדיג אויף איהם.

—באלד קומט ער ארונטער, ער זיצט דארטען מיט א סעניאריטא— האט ער געזאגט קאלט און פערצווייפעלט. איהר פנים איז שטארק בלייך געווארען און א פערטראכטע מידקייט האט געשוועבט אויף דעם. ער האט געוואלט אוועקגעהן.

—זייט אזוי פיעל גוט חיים—האבען איהרע אויגען מיט דער זעלבער מילד־קייט זיך געבעטען ביי איהם — טהוט מיר נאך די איינע טובה און שיקט מיר בערטא׳ן. אז ער איז אוועקגעגאנגען, האט זי פון דערוויטענס בעמערקט בונינ׳ען ארונטערקומען פון באלקאן. אז ער איז שוין צוגעקומען נאהענט, האט זי פער־שעמט און מיט א טרויעריגען שמייכעל איהם געזאגט:

—איהר האט מיך שוין אפילו זעהן ניט געוואלט, בונין!

—וואס פאלט אייך איין, קינד מיינס!— האט ער זי צערטליך אנגענומען ביי דער האנד— איך האב אייגענטליך ניט געוואוסט צי איהר זענט דא... נו, ווי פיהלט איהר זיך פאני? איהר זעהט מיר אויס זעהר בלייך...

זי האט אראפגעלאזט די אויגען און שטיל געזאגט:

—איהר וועט מיך אפפיהרען א היים, בונין. איהר ווילט?..

ער האט איהר לאנג אריינגעקוקט אין די אויגען און נאכהער שטיל אהן ווערטער זי ארויסגעפיהרט אין קארידאר.

זיי האבען געטראפען דארטען בערטא׳ן שטעהן און רעדען אין דער שטיל מיט חיים׳ן, וועלכער איז באלד אריין צוריק אין סאלאן און בערטא איז צוגע־גאנגען צו זיי.

— וואס איז דיר פאני? פיהלסט זיך עפעס ניט גוט? האט זי געפרעגט ארומנעמענדיג זי.

— לאָזט זי אפּ בערטא לעבען! — האָט בונין זיך אָנגערופען — געהט בעסער צוריק אין סאַלאָן אַריין, אייער צווייטע העלפט, מוז דאַרטען אוועק׳חלש׳ען נאָך אייך...

— זעהר שעהן, איך האָב איהם שוין אָפּגעמינטערט! — האָט זי געענט-פערט בייז און רויט געוואָרען.

— בראַווא בערטא! — האָט בונין אויסגעשריגען און זיך צולאַכט — אַט דאָס הייסט אַ געראָטען מיידעלע!...

פאַני, האָט מיט אַ קינדישער הנאה געשמייכעלט. זיי האָבען זיך געלאָזט אַרויסגעהן פון קאָרידאָר.

חיים איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויפ׳ן טיר פון סאַלאָן, און זיינע בלויע אויגען, פאַרנעבעלטע און פאַרבענקטע האָבען זיי נאָכגעקוקט מיט אַנגסט, ביז זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן גאַס. ער האָט געזעהן ווי פאַני האָט זיך די גאַנצע צייט געטוליעט ווי אַ קינד צו בונינען, און זיין יונג האַרץ האָט געוועהטאָגט אין איהם מיט קנאה און פאַרדרוס...

אינדרויסען האָט אַ הוים און פייכט ווינטעל געבלאָזען. די לופט איז געווען שווער און שטיקענד. פאַר דעם אַריינגאַנג פון סאַלאָן, זענען געשטאַנען אויסגע-שטעלט אין דער לענג פונ׳ם טראָטואַר, אַ רייהע קאַטשען און אויטאָמאָבילען. אין גאַס איז שוין גאַנץ שטיל געווען, בלויז פון געצעהלטע אָפענע געשעפטען האָט זיך נאָך אַרויסגעלויכטען. פון ערגעץ אַ צווייטער גאַס, האָט זיך פאַרטראָגען דאָס געשריי פון אַ פאַרשפּעטיגטען צייטונגס-פאַרקויפער, און זיין קול האָט הייזעריג אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט.

די ערשטע וואַרעמע טראָפּענס פון אַ אַנקומענדען רעגען, האָבען שוין אָנגעהויבען צו פאַלען.

—מיר וועלען פאָהרען!— האָט בונין געזאָגט און זיך אַריינגעזעצט מיט פאַני׳ן אין אַ אויטאָמאָביל. דער רעגען האָט אָנגעהויבען שטאַרקער צו געהן. דיקע טראָפּענס האָבען געקלאַפּט און גערינען איבער די שויבענפענסטער פונ׳ם אויטאָמאָביל, וועלכער האָט זיך געטראָגען מיט אַ לייכטען גערודער איבער׳ן נאַ-סען הילצערנעם ברוק.

בונין האָט דערפיהלט פאַני׳ס קאָפּ אויף זיין אַקסעל. ער האָט מילד און פאַרזיכטיג איהר דעם קאָפּ אַרומגענומען.

—וואָס איז אייך קינד— האָט ער פאַרפלאָכטען זיינע פינגער צווישען איהרע געקרויזטע לאָקען— האָט דער שלימזל, וואָס פיהלט זיך אַזוי גליקליך נעבען אייך, דאָס ריינע האַרץ אייערס בעאומרוהיגט?.. ער האָט זי ווי אַ קינד גענומען אין זיינע אָרעמס, און ווי אַ געטרייער קלוגער פאָטער, זי צערטליך גע-דרוקט צו זיין האַרצען. זי האָט שטיל אָנגעהויבען צו שלוכצען, פאַרפלעכטענדיג איהרע הענד אַרום זיין האַלדז.

—אָבער וויינט ניט קינד... וויינט ניט!— האָט ער בעטענדיג זיך ביי איהר געמורמעלט. ער האָט ווייך געגלעט איהר דעם קאָפּ און זי געקושט. און וואָס מעהר ער האָט זיך געפּליוועט זי צו בערוהיגען, אַלץ שטאַרקער האָט ער געפיהלט דאָס בליפענדע האַרץ איהרס קלאַפּען און דאָס צוקען פון איהרע אַקסלען...

ברוך זלאטיק

ברוך זלאטיק, נאך א יונגער בחור, האט זיך תמיד בעריהמט, אז געקומען קיין ב. איירעס איז ער ניט צו קיין קרובים און אויך ניט צו קיין בעקאנטע, אויף אייגענער ריזיקע איז ער געפאהרען.

ער האט געוואוינט אין א אידישען הויף, אויף א קליין בוידעם-שטיבעל. מיט די שכנים פון הויף,—זיי האבען זיך געמעגט זיין אפילו פיינע אנשטענדיגע מענשען,— האט ער קיין קענטשאפט ניט געמאכט—אזוי זיך. גוט-מארגען גוט-יאהר און פון דערוויטען.

אלע אווענד צייט, האט זיך ברוך פערקליבען אויף זיין בוידעם-שטיבעל; א קליין צימערעל, מיט א נידריגער אפגעקאלופעטער סטעליע, מיט א סך לעכער און צוועקעס אין די ווענד. אויפ׳ן טישעל אויבענאן, האט א קליין קעראסין-לעמפעל געברענט און ברוך׳ן זיין „קאטרע״ געוויזען:

„דא איז דיין געלעגער, דא איז דיין היים״. און כאטש ער האט גע׳פועל׳ט ביי זיך, אז ער דארף חלילה קיינעם ניט האבען, איז איהם גאר ניט היימליך געווארען אויפ׳ן הארצען; מיט א שטילען זיפץ האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן ראנד פון דער קאטרע, האט בשעת מעשה א הויב געטון מיט זיינע געלע ברעמען און זיך גענומען קייען זיין אווענד-מאלצייט.

פון וואס זלאטיק האט א לעבען געמאכט, האט ער אליין געוואוסט. קומענדיג קיין ב. איירעס, האט ער זיך אלע מאל געכאפט צו אנ׳אנדער בעשעפטיגונג און זי באלד געווארפען. ער האט רק געזוכט א תכלית פאר זיך און ניט געפונען. צו לעצט האט איהם א „קווענטעניק״ מקרב געווען און איהם געמאכט פאר זיינעם א „קאררעדאר״.

אלע פריהמארגען האט שוין ברוך געוואוסט אז ער דארף געהן צום קווענטעניק טהיי טרונקען. דעם קווענטעניקס ווייבעל, א נידריגע און א גראבע מיט א פאר הילצערנע שיך אויף די בארוויסע פיס, האט ברוך׳ן צוגעזעהן ווי א אייגענעם מענשען. ביי יעדער גלאז טהיי האט זי איהם אונטערגערוקט א פריש פראנצויזיש ברייטל, און גוטמוטהיג מיט א זעהר צוקראכענעם קול, צו איהם א זאג געטהון:

— עסט, עסט, סעניאר זלאטיק, וועט איהר כח האבען צו ארבייטען! און זלאטיק ווי ניט האבענדיג קיין אנדער ברירה, האט א הויב געטהון מיט זיינע געלע ברעמען און געפאלגט.

נאך דעם ווי ער האט גאנץ פיין איבערגעכאפט, האט ער פון יוצא וועגען א קוק געטהון אויפ׳ן קווענטעניק, וואס איז דאן געזעסען און גע׳חשבון׳ט, און

נעמענדיג דאס פעקעל סחורה אונטער'ן ארעם, האט ער זיך געלאזט געהן צו דער ארבייט.

געהן, האט ברוך ליב געהאט פאוואליע, טראגענדיג זיינע ברייט-ביינערדיגע פלייצעס, ווי א טרעגער זיין משא. ער האט געוואוסט אז דער טאג איז גרויס און די ב. איירעסער גאסען זענען לאנג און אויב ער וועט זיך איבעראיילען וועט ער שנעל מיד ווערען.

א סך טירען, האט ברוך געזעהן אויף זיין וועג. אבער אפילו אין איינער ניט האט ער אנגעקלאפט; עס האט איהם פשוט געפעהלט דער חשק דערצו. און א מאל טאקע, ווען דער עסק איז איהם נמאס געווארען און די גאוה האט זיך אין איהם שטארק צושפילט, האט ער געברומט:

— קלאפען?... אין פרעמדע טהירען... ווען, וואס קלאפען, ער וועט ניט קלאפען!...

דאך כדי, ניט ארומצוגעהן ווי א מת, אהן א סענט אין קעשענע, פלעגט ער צוטיילען א פאאר „שטיקלעך" ניט מעהר טאקע ווי פאר'ן אויפגאב. בשעת מעשה, האט ער זיך געפיהלט עפעס ניט אינגאנצען. דער יושר פלעגט איהם ווי א קיצעל טהון. ער האט דערזעהן פאר זיך דאס אידישע סוחר'ל, פון „קאזשע אמבו" גראדע ביים מיטאג עסען, גראדע דעמאלט, ווען ער ברוך קייעט אזוי געשמאק די פרישע ברייטלעך, וואס דאס גראבע ווייבעל רוקט איהם אונטער און דאס אידעל טענה'ט צו איהם:

— סטייטש, ברוך, טהוט מען אזא זאך? ס'איז דאך גלאט א רציחה!

—ברוך איז טאקע דאמאלס אביסעל ווייכער געווארען: פארט ניט קיין שלעכט אידעל! און פארבייגעהענדיג א פאאר טירען, האט ער אין זיי אנגעקלאפט...

אהן ישוב הדעת, האט שוין ברוך געהאט זיין שטענדיג מארשרוט. דורכ-קרייצענדיג א פאאר צעהנדליג גאסען, האט ער זיך געלאזט גלייך צו דער „פלאסא", מיט'ן אלטען קלויסטער אנטקעגען און זיך דארט אויף דער ערשטער באנק אוועקגעזעצט.

ווי אלע טאג אין דער צייט, איז ער מיד געווארען און זיך דערפיהלט ניט אינגאנצען צופרידען מיט זיין באשעפטיגונג. ער האט זיך דעמאלט אריינגעלאזט אין זיינע מחשבות, און טאקע אויף אנ'אמת'ען געוואלט דערוויסען זיך, וועגען זיין תכלית אויף דער וועלט. דאס פעקעל סחורה אויף די קניע און האלטענדיג די אויגען אויף די גרויע און צוקראצטע ווענד פון אלטען קלויסטער, האט ער זיך א פרעג געטהון:

—וואס א שטייגער וועט זיין פון דיר זלאטיק? דאס אידעל מיט די דעקען און טישטיכער וועט דיר דעם מאנאט אפשר מוחל זיין, וואס וועסטו אבער נאכדעם טהון? איז די ארבייט פאר דיר א תכלית?— האט אבער דער שטיינער-נער קופאל פון אלטען קלויסטער, איהם קיין ענטפער ניט געגעבען. און קוקענדיג אויף איהם, ווי ער איז שוין פון רעגען און ווינטען פארשווארצט געווארען, פלעגט ער א מרה שחורה'דיגער אנהויבען טראכטען וועגען זיך און וועגען זיין טרויע-ריגען מזל.

נאך אזעלכע מחשבות איז שוין ברוך׳ן, טאקע נמאס געווארען דער עסק. ער האט שוין גענומען דאס פעקעל סחורה אונטער׳ן ארעם, מיט אזא גלייכגילטיג־קייט, ווי עס וואלט שוין קיין אידיש קרעמעל געווען, און זיך געלאזט צוריק אויף „קאזשע אמבו" מיט אזא אנגעזמאראזעטקייט אויפ׳ן הארצען, גלייך מען וואלט איהם פון א בית עולם געפיהרט.

צוקומענדיג צו דער טיר פונ׳ם אידעלס וואוינונג, אויף „קאזשע אמבו", פלעגט ער בלייבען שטעהן א ווייל‏ע, און קוקען לאנג אויפ׳ן ווייסען ציפער בלע־טעל פון זיין זייגער. דער אפעטיט האט זיך דערוועקט אין איהם, דערהערענדיג נאר, ווי דאס גראבע ווייבעל טופעט ארום מיט די הילצערנע שיך אויף די גלאטע ציגעל פון דער פאטיע, ער האט זיך באלד דערמאנט אין איהר גוטהערציגקייט, ווי זי זאגט דאס איהם, מיט איהר צוקראכען קול:

—עסט, עסט סעניאר זלאטיק, וועט איהר כח האבען צו ארבייטען!

אריינגעהענדיג אין קארערדאר, האט ברוך זיך ניט געקאנט איינהאלטען פון א שמייכעל צו טהון:

– ווי־דאס לעבט נעבעך אין טעות— האט זיך איהם הנאה׳דיג געטראכט— ער זלאטיק, וועט צונעהמען די 20 פעזא פאר׳ן מאנאט, וועט אלע טאג אפעסען א גוטען מיטאג. און נאכדעם... זאלען זיי איהם געהען לאדען...

מיטאג צייט זיצט זיך ברוך ביים טיש און קייענדיג קוקט ער בגנבה אויף דעם ווייבעלס בלויע אנגעצויגענע אדערען, פון איהרע גראבע בארוויסע פיס׳ דאס אידעל אנ׳אויפגעלעגטער, מיט די בלויזע ארבעל פון אויבער העמד, זיצט אייבענאן און שטעכענדיג מיט׳ן גאפעל אין טישטוך אריין, רעדט ער צו ברוך׳ן וועגען געשעפט:

קרעדיט האט ער א דאנק גאט. אלע „קאסאס אינטראדוקטאראס" בעטען זיך ביי איהם. זיי ווילען איהם האבען פאר א קונה, און אפילו אין באנק דיס־קאנטירט מען איהם זיינע „פאגארייען".

און זלאטיקען איז ער מבטיח:

מאכט ער איהם ביז צוויי הונדערט קליענטען, דארף ער שוין מעהר ניט „קלאפען" ער וועט שוין לעבען בלויז פון „ענטרעגירען" און „קאבראנסטווא". ער גאראנטירט איהם די צוויי הונדערט פעזא דעם מאנאט..

זלאטיק, אויסהערענדיג, פיהלט זיך געהויבען און שמייכעלט.

—וואס־זשע מיינסטו, אדאלפא— ווערט דאס גראבע ווייבעל צוקראכען פאר תענוג— זלאטיק וועט אפשר ניט אויסכאפען א שעהנע סעניאריטא פאר א כלה? וואס, אפשר נישט אזוי סעניאר זלאטיק?...

זלאטיקען קומט די פארב אין פנים. ער הויבט מיט די געלע ברעמען און שטאמעלט:

—ער וואלט אייגענטליך א סך „וועגטאס" געמאכט, וויל ער אליין נישט... ער ווייסט אז פרעמדם דארף מען גיכער היטען ווי אייגענס...

—ניין, ניין, חס וחלילה! איהר האט א טעות סעניאר — כאפט זיך דאס אידעל — איהר מיינט אז מיך אהרט חס ושלום, וואס איהר מאכט ווענינ קליענ-טען? פארקעהרט, ארבייט אייך סעניאר, ווי אזוי איהר קענט... אבי ברענגט מיר ניט קיין אדרעסען פון דער הפטרה... איהר פערשטעהט, ס'איז טאקע פון אייער טובה וועגען...

ברוך דערפיהלט זיך עפּיס ניט יום טוב'דיג אין הארצען... הלמאי נארט ער איהם, דעם אידעל.

נאך מיטאג, ווייסט שוין דער קווענטעניק, אז זלאטיק שנײדט זיך אויפ'ן וועג פון די גרויסע קאררעדארען: ער „קלאפּט" אין רעכטען צענטער, אין די רייכע „פּארטיקולאר" הייזער, דארטען מאכט מען אמאל דעם אמת'ען קליענט. און דער צענטער הויבט זיך ביי איהם שטענדיג אן, פון דעם אידעלס וואוינונג, אויף קאזשע „אמבו" און ענדיגט זיך ביי דער קאזשע טאלקאהואנא. דארטען ביי זיינעם א בעקאנטען בחור, וואס וואוינט אויך אויף א בוידעם שטיבעל, לעגט ער זיך אוועק מיט'ן פּעקיל צוקאפּענס און כאפּט א דרימעל. דעם בחור'ס א פּאאר אלטע הויזען, מיט א פערשוווייסיגטען וועסט, הענגען שטענדיג געגענאיבער דער „קאטרע" אויפ'ן וואנד. דאס דערמאנט ברוך'ן, אז דער בחור איז א שלאסער און ברענגט יעדע „קינסענא" אהיים אפשר נײנציג פּעזא, פון וועלכע העלפט טראגט ער אין באנק אריין. ער מוז שוין האבען די פיינע פּאאר פּעזעס אין באנק!...

און ברוך איז זיך שטארק מצער פון דעם, נאר עס קען זיך צו קיין תכלית ניט דערשלאגען. אלערליי מחשבות בעפאלען איהם דעמאלט און מיט א דער-שלאגענעם געפיהל אין הארצען, קלעהרט זיך איהם נאכאנאנד פון זיין תכלית. ער בלייבט ליגען ווי אין א דרימלענדער חלשות, און פערשטעלענדיג מיט ביידע הענד דאס פּנים, שטעלט זיך איהם פאר, אז ער געהט איבער די רייכע צענטער גאסען. ער האט קיין בעשעפטיגונג ניט און אין זיין הארצען קלאגט דער צווייפעל. ער קוקט אויף די פערבייגעהער, וואס יאגען זיך הין און צוריק איבער די טראטוארען, און עס ווייזט זיך איהם אויס, אז אלע זענען זארג-לאז און גליקליך. איהם ווילט זיך אויך זיין רייך און גליקליך, האבען געלד, אסך געלד... פּלוצים דערזעהט ער אויפ'ן טראטואר ליגען א טייסטער, א לײדער-נער טייסטער און קוקט גלייך צו איהם. עס פארקלעמט אזש ביים הארצען... ער בויגט זיך פארזיכטיג אן און הויבט איהם אויף... ער לאזט זיך שנעל אוועק, מיט אזא שרעק, ווי ער וואלט האבען בעגאנגען א גנבה... ער בערוהיגט זיך אביסעל, שטעלט זיך אפּ און פּרובט אויפעפענען דעם טייסטער... געלד! סאמע פּאפּיר... פּופציגער... הונדערטער... טויזענדער... עס ווערט איהם אזש היים אין גאנ-צען קערפּער און אין קאפּ הויבט אן צו שווינדלען. ער הויבט זיך אויף מיט אנגעגאסענע פערנעבעלטע אויגען פון דער קאטרע, און לאנגזאם קוקענדיג ווי א צעמישטער איבערן צימערל, נעהמט ער זיך, כמעט אהן זיין ווּיסען זוכען אין די קעשענים פון זיין חבר'ס בגדים...

עס איז א רעגענדיגער זומערטאג. עס איז שטארק פארנע, און זלאטיק אינגאנצען איינגעטונקען אין מרה שחורה, זיצט זיך מיט'ן גראבען ווייבעל נעבען דעם אפענער טהיר פון סאלע און טרינקט מאטע.

ער ווייסט אז עס קומט שוין דער „פין דעל מעס" קיין איין קליענט ניט געמאכט און דאס אידעל מאכט זיך תמ'עוואטע... און ברוך'ס געמיטה איז זעהר א דערשלאגענער: די צוואנציג פעזא ווי קריגט מען ארויס... קוקט ער אויפ'ן ווייבעל מיט אזוינע רחמנות אויגען אז ס'פערכאפט אזש ביים הארצען... א שיטערער רעגען טריפט פון דעם פערמאכטען שטיק הימעל און פאלט אויף די רויטע ציגעל פון הויף. פון געגענאיבערדיגען „קאמעדאר", זעהט זיך א טיש מיט א געלער ציראטע פערשפרייט, און מחנות פליגען טאנצען אויף די נאסע ברעקלעך ארום.

ברוך הויבט אן מיט א הייזעריגען ניט זיכערען קול.

—אך, ווען דער סעניאר אדאלפא זאל זיין א גוטער, וואלט ער איהם די צוואנציג פעזאס געגעבען. ער דארף צאהלען דירה-געלט און האט ניט. דאס ווייבעל זעצט זיך אויפ'ן שטרויענעם בענקעלע און ענטפערט ברוך'ן מיט א ירגזון:

—נו, ער וועט קומען, זאגט איהם. ער דארף זיך מסתמא אפרעכענען מיט אייך!

—ווי מיינט די סעניארא, ער וועט גיך קומען דער סעניאר? — האט ברוך מיט הכנעה א פרעג געטון.

—וואס ווייס איך? ער קומט ווען ער וויל...

און זלאטיק האט נאך הייזעריגער אנגעהויבען.

—ער קען זיך אליין ניט פערשטעהן, טאמער ארבייט ער ניט אטאג, קאן ער ממש ניט איינזיצען... ער האט פיינד די רעגענדיגע טעג...

—וואס ווייס איך, וואס איהר קענט שוין אנווערען... איהר אדאלפא איז שוין צוגעוועהנט צו אזוינע טעג, און אז גאט וויל, שיקט ער צו איין רעכטען קונה, בעצאהלט ער שוין פאר אלע

—ער ווייסט עס גאנץ גוט, אבער אזא מענש איז ער שוין... ער האט זיך תמיד ליב צו זארגען, ער האט פיינד זיך צו פערלאזען אויף נסים...

—ווייזט אוים איהר זענט קיינמאהל קיין סוחר ניט געוועזן?

—איך א סוחר? איך האב ניט געהאט ווען? פון קליינערהייד און בין איך א יתום געוואקסען, און קומענדיג קיין בוענאס איירעס האב איך אפילו קיין רעכ-טען בעקאנטען ניט געהאט.

—וואס-זשע מיינט איהר — האט זי א זיפץ געטאן, — מען פיהלט זיך טאקע גאנץ עלענד, נאך אין א פרעמדע לאנד.

—אט דאס איז דאך אינגאנצען... — און קוקענדיג ווי די סעניארא בייגט זיך אן און קראצט דאס רויטע איבערביינדעל פון רעכטען פוס, איז ברוך'ן די אויגען אנגעגאסען געווארען און געזאגט:

—אך ווען די סעניארא וואלט וויסען זיין לעבענס-געשיכטע... א גראבען בוך וואלט מען געקאנט אנשרייבען!

אבער די סעניארא האט זיך גאנץ געמיטליך פון שטרויענעם בענקעלע

אויפגעהויבען און גענומען קנאקען מיט די הילצערנע שיך איבער די נאסע ציגעל פון הויף. ברוך האט זיך שווער פון בענקעל אויפגעהויבען און א ווינטיגען פייף פון מויל ארויסגעלאזט.

פארפאלען, די צוואנציג פעזא! האט זיין הארץ געקלאגט אין איהם. דער רעגען האט אנגעהויבען נאך שטארקער געהן און ברוך מיט אן אראפגעלאזטען קאפ האט צום בוידעם שטיבעל געצויגען.

א גאנצע נאכט איז שוין ברוך ניט געשלאפען און דער תכלית זיינער האט איהם ווי אנ׳עקבויער און מח גערדרעהט. אין דער פריה האט ער אנ׳אנגעלאדענער געהויבען אפטער מיט די געלע ברעמען, און זיך ביים קווענטעניק געבעטען:

—וואס איז ער שולדיג, אז די קונים זענען „צוועקעס״ און ער האט ניט געוואוסט, אז מארגען וועלען זיי זיך ארויסציהען ערגיץ און צונעמען די סחורה. און דאס אידעל איז גערדיהרט געווארען פון ברוך,ס טענות און געזאגט.

—מילא, איך זעה איהר זענט אנ׳עהרליכער יונגערמאן, אבער קיין „סועלדא״ קאן איך אייך ניט צאהלען!

און ברוך האט ווייטער מיט א פינסטער געפיהל אין הארצען דאס פעקעל גענומען און אוועק אויף טאלקאהואנא. געלעגען דארט ביז מיטאג-צייט ביים בע-קאנטען בחור אויף דער קאטרע׳

ביים עסען איז ברוך שוין געזעסען אויף א שפיץ פון א בענקעל און ניט געזעהן אפילו וואס ער עסט. די הענד האבען געארבייט ביי איהם, אהן זיין ווי-סען, און דאס עסען צום מויל געטראגען.

דאס אידעל מיט׳ן ווייבעל האבען געקוקט אויף איהם מיט גרויס רחמנות און איהם אלע מאל א טרייסט ווארט אונטערגעווארפען.

—אבי ער וויל נאר ארבייטען וועט ער שטענדיג קאנען פערדינען, מען דארף נאר ניט זיין קיין „גרינער״ און זיך לאזען אפנארען.

מיט גרויס הכנעה האט ברוך געקוקט אויף זיינע בעלי-בתים און מיט׳ן פעקיל אין צענטער אוועק.

—וואוהין וועט ער געהן און וואס זאל ער טהון!—האט א קאלטע פוסט-קייט ביי איהם אין הארצען געקלאגט. וואלט ער געהאט כאטש א פאאר פעזא, וואלט ער אויפ׳ן קאמפ געפאהרען, ער וואלט זיך שוין מסתמא צו עפעס צוגע-שלאגען, האט אבער דאס אידעל איהם קיין געלד ניט געגעבען. איז ער אוועק צום בחור אויף דער קאטרע זיך מישב זיין, און דארט ליגענדיג ווי אין הינער-פלעט דעם גאנצען טאג, האט ער בעשלאסען דאס פעקיל צו פערטהון... ער וועט עס פערקויפען אין „קאמבאלאטש״. צעהן פעזא וועט מען איהם געוויס געבען. און ווערענדיג איבערראשט פון זיין אייגענער אידעע, האט ער א דערשראקענער דאס פעקיל ביים בחור אונטער דער קאטרע פערדרוקט. „מארגען קומט ער צוגעהן און טראגט עס אוועק״... האט ער געטראכט מיט שרעק, ביי זיך האט ער עס מורא צו האלטען...

שפעט ביינאכט האט ברוך מיט א שרעקענדיג הארץ, ווי א שאטען זיך אהיים געשלעפט. די גאסען און דאס פייפען פון א ווישילאנט אין א סקינע, האט איהם שיעור ניט משוגע געמאכט, ער וואלט שוין געוואלט ליגען ביי זיך אויף דער קאטרע און שלאפען ווי א קנויל דארטען. און ער רוקט זיך אלץ נעהענטער צו דער היים. אויף דער שוועל האט איהם דער „ענקארגאדא" בעגע- גענט און ברוך האט געקוקט אויף איהם ווי אויף א מלאך המות.

—זאגט נאר יונגערמאן, מען האט אייך געזוכט פון קאושע אמבו—האט דער „ענקארגאדא" איהם געזאגט.

—יא, ער ווייסט... ער געהט ערשט פון דארט—האט ברוך אהן א אטעם געענטפערט און זייענדיג שוין ביי זיך אויפ׳ן בוידעם-שטיבעל, האט ער דורך שייבעל פון טהירעל געקוקט און די צייהן האבען איהם געקלאפט אין מויל.

א גאנצע נאכט האט דאס פעקיל פאר ברוך׳ס קאטרע מיט טויזענרער אויגען אומגעטאנצט, און פיהלענדיג ווי די האר שטעכען איהם אין קאפ, האט ער זיך געגנורעט, באדענדיג זיך אין א טייך פון אנגסט-שוויים אלץ טיפער אין דער קאטרע אריין...

גאנץ פריה ווען ברוך האט די אויגען געעפענט, האט ער געטראפען שטעהן אנטקעגען זיך דעם "ענקארגאדא" פון הויף און דעם קווענטעניק.

—וואס איז אייך זלאטיק, איהר זענט עפעס ניט געזונד? האט דאס אידעל געקוקט אויף זיין טויט-בלאסען פנים.

דעם „ענקארגאדאס" קאלטע אויגען האבען געקוקט אויף איהם מיט חשד, און ברוך, דערזעהענדיג דאס מילדע, רוהיגע פנים פונ׳ם אידעל, האט זיך צופעסטעט:—נעכטען געהענדיג אין גאס, איז איהם נישט גוט געווארען, פון דער היץ איז איהם ניט גוט געווארען, מען האט איהם קוים אבגעראטעוועט...

—וואו איז זשע ערגעץ דאס פעקיל?—האט אראלפא גענומען קוקען אין אלע זייטען.

—איך ווייס ווי ס׳איז.. איך ווייס... איך וועל עס אייך שוין אליין אפ- ברענגען... און ברוך, ציהענדיג נערוועאיש מיט די ברעמען האט ווי א קליין קינד אויסגעבראכען אין א יאמער...

ל. מאס

פון א סעריע „מאַמענטען"

וואס איך האב געזעהן

ביי דער וויטרינע

אין איינעם אַ טאג

וואס איך האב געזעהן

ס'איז געווען ארום פיר אזייגער בייטאג.

עפיס א שרעקליכע מרה שחורה איז מיך דאן בעפאלען. אזוי ווי א ווארעם איז געלעגען ביי מיר אין הארצען און האט גענאגט, געטאטשעט און כ'האב זיך קיין ארט ניט געקענט געפינען.

אין קאפ האבען זיך געפלאנטערט פערשידענע מחשבות איינע שווארצער פון דער אנדערער און כ'האב פאר קיין פאל ניט געקענט פארענדיגען קיין שום געדאנק. אזוי ווי כוואליעס האבען די רעיונות געיאגט איינס אויף דאס צווייטע, זיי האבען מיך אויפגערעגט, געמאטערט און ביי מיר די רוה צוגענומען.

דער קאפ האט ביי מיר נעגליהט ווי א קאלך־אויווען, און פון אנשטרענגען דעם מוח צו רייסען דעם פאדים פון עפיס א געדאנק איז מיר געווארען הייס, נודנע, נאר אויף צו חלש'ן.

פונ'ם הויף וואו איך בין דאן געשטאנען האט דאס מיך מאשינעל ארויסגעטראגען צו דער גאס־טהיר און כ'האב געקוקט מעכאניש אויף אלעם ארום מיר.

מענשען זענען געלאפען פערשמייעט הין און צוריק. אלע האבען מיר אויס־געוויזען פערכמורעט, בייז און די פנים'ער ביי אלע האבען אויסגעזעהן ווי פער־שיכור'טע, געשוואלענע. עפעס מאדנע קליין, האט זיך מיר דאן אויסגעוויזען, זענען אלע—עפעס ווי א וועלט פון קארליקעס... אפילו די אויטאמאבילען, קא־טשען, די פערד, האט זיך מיר געדוכט, זענען אזעלכע קליינינקע, קורצע, גע־שוואלענע.

פלוצים האבען פערביי מיר דורכגעשוועבט צוויי פרויען־פיגורען און איך האב דערהערט כמעט נאך א קינדיש מיידעל קול וואס האט געציטערט, זיך גע־בעטען:

—„כ'קען דארט ניט זיין... כ'וויל אנטלויפען... זשלאבעס קומען אהין"...

קיין פנים האב איך ניט געזעהן, נאר אז כ'האב נאכגעקוקט די צוויי פרויען געשטאלטען וואס האבען פון מיר שנעל אוועקגעשוועבט, האב איך אין טאליע פון איינער דערקענט א קינד, און מערקווירדיג, דורך דער טאליע האב איך כמעט ווי דאס פנים דערזעהן...

און מאמענטאל, ווי דורך א כשוף, זענען פאר מיר פארשווינדען אלע מענשען פון דער גאס. אויטאמאבילען האבען אויפגעהערט פאהרען. די צייטונגס־פארקויפער וואס האבען מיר פריער דאקוטשעט און מיך אויפגערעגט מיט זייערע

קולות — זענען ווי אין וואַסער אַריין. אויף דער גאַס איז נאַכט געוואָרען.

אין דרויסען זעה איך איז שטאַרק פינסטער. אַרום מיר הער איך ניט קיין שאָרך פון קיין לעבעדיג וועזען, און איך אַליין געפין זיך עפּעס אין אַ פרעמד הויז, נעבען אַ צימער אויפ׳ן צווייטען שטאָק, איך שטעה דאָרט, קוק און זעה:

צו דער וואַנט, אַנטקעגען דער טהיר אויף אַ ביינקעל זיצט דאָס מיידעל וואָס כ׳האָב פריהער געהערט זיך בעטען. די האָר זיינען ביי איהר צעלאָזט אין אונאָרדנונג, טהיילווייז פאַלען זיי אַריבער אויף פאַרענט און פון אַ האָר-געדיכטע-ניש זעהט זיך אַרויס אַ ווייס קינדיש פּנים׳ל אין וועלכען ס׳איז איינגעפּאַסט צוויי אויגען, וואָס דריקען אויס שרעקליכען אומגליק און עלענד.

זי זיצט אָהן אַ קאַפּטעל, אויף די אַקסלען אַרויפגעוואָרפען אַ טוך, ערטער-ווייז זעהט זיך אַרויס איהר לייב וואָס איז ווי פון מאַרמאָר געטאַקט און דער גאַנצער קערפּער איהרער ציטערט, ער וואַרפט זיך.

נעבען איהר שטעהט אַ קליינינקער מענש, אַ נאַסער, אַ שמוציגער. די האָר פון זיין לאַנג ניט געגאָלטע באָרד זעהען אויס ווי שטעכיגע בוזיקעס. די האָר אויף זיין קאָפּ זענען שיטער, זעהען אויס ווי פלאַקס און ווי צונעקלעפּט זענען זיי...

איך פיהל דאַכט זיך זיכער אַ ריח פון שלעכטען בראַנפען וואָס טראָגט זיך פון דער בריאה. איך קוק זיך צו און זעה ווי די סלונע רינט פון זיין מויל און אין גאַנצען שאָקעלט ער זיך...

אין צימער ברענט אַ עלעקטריש לעמפּעל מיט אַ מאָדנע פערשייטען קאָ-ליר, אויף די ווענט זענען אויסגעהאַנגען פערשידענע בילדער פון וועלכע עס קו-קען אַראָפּ פער׳שכור׳טע מענער, האַלב נאַקעטע פרויען און לאַכען מיט אַ שרעק-ליך פרעכען געלעכטער.

איין בילד נאָר קוקט אויף מיר מילד און גוט. דאָס איז אַ עלטערע אידי-שע פרוי, וואָס טראָגט אַ זיידען טיכעל אויפ׳ן קאָפּ און פון איהר פּנים שיינט אַראָפּ גוטמוטהיגקייט און צניעות.

און פון אונטען טראָגען זיך ווילדע פּיאַנאָ-טענער וואָס וועקען צו זינד און פערברעכען. ס׳הערען זיך הייזעריגע, פער׳שיכור׳טע, אָפּגעריסענע קולות פון פרויען און מענער, וואָס רופען אַרויס אַ עקעל און אַ שוידער איבער מיין גאַנצען קערפּער.

און דאָס מיידעל זיצט און ציטערט, אַלע ווילע בעהאַלט זי איהר פּנים צו דער וואַנד און דער גאַנצער קערפּער איהרער קאָנוואָולסירט...

— קום, דו, נבילה, מרוקעט אַרויס דאָס קליינע, פער׳שיכור׳טע בריאה׳לע און נרייפט איהר אָן ביי דער נאַקעטער האַנד.

דאָס מיידעל כאַפּט זיך אויף ווי אַן אונטערגעשאָסענע. זי ווערט זיך מיט דער צווייטער האַנד אַזוי גלייך זי זאָל וועלען אָפּוואַרפען פון זיך עפּעס אַ שמוציגע, גליטשיגע זאַך וואָס זי פיהלט אַרומקריכען איבער איהר קערפּער...

— וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס האָט איהר צו מיר? — שרייט דאָס מיידעל ווי ניט מיט איהר קול. גאָט שטאַרקער! וואָס לעב איך אויף דער וועלט?

—הער איך דייטליך א געשריי פון פערצווייפלונג. מאמע! שרייט דאס מיידעל צו דער בילד פון יענער עלטערער פרוי. — האב רחמנות! נעהם מיך צו זיך...

מעהר האב איך שוין גאר ניט געזעהן, אין די אויגען איז מיר פינסטער געווארען. אן אנגסט-שווייס איז ביי מיר ארויס אויפ'ן נאַצען פנים, די פיס האבען זיך ביי מיר ווי אונטערגעהאקט. איך האב געפיהלט, אז איך פאל עפעס ווי אין א טיפען אפגרונד...

— איהר וועט זיין אזוי גוט מיך דורכלאזען — האב איך דערהערט גע-בען מיר א פרויען שטימע.

איך קוק מיך אום און דערזעה, אז נעבען מיר שטעהט א יונגע פרוי וואס וואוינט מיט מיר אין שכנות, זי וויל דורכגעהן און איך פערשטעל איהר דעם וועג. איך האב א ציטער געטהון און זיך פערשעהמט...

אויף דער גאס זענען ווי פריהער ארומגעלאפען די צייטונגס-פערקויפער און געפילדערט. אויטאמאבילען זענען געפאהרען און געלאזט פון זיך א שטיקענ-דען ריח און מענשען האבען זיך געיאגט מענגעסווייז און ניט געזעהן דאס, וואס איך האב געזעהן אין עטליכע מינוט וועלכע האבען פאר מיר זיך אויסגעצויגען ווי א שרעקליכע פינסטערע נאכט...

ביי דער וויטרינע

ערשט דא ניט לאנג איז אויף מיין מזל אויסגעפאלען א טאג פון יענע טעג, וואס אויב א מענש זאל האבען עטליכע אזעלכע כסדר ווערט ער געוויס א גאסט אין א משוגעים הויז.

דאס הארץ האט פיינליך געפרעסט, דאס בלוט פון אלע אברים האב איך געפיהלט, פליסט שטראמען-ווייז צום קאפ און אלעס ארום מיר, מענשען און זאכען, האבען אין מיינע אויגען געקראגען א מאדנעם אויסזעהען; עס האט זיך מיר אויסגעוויזען אז ביי אלע וואס זעהען מיך, שוועבט עפעס א מאדנע שמייכעל אויף די ליפען וואס זאגט — „יונגערמאן איהר זענט א קאנדידאט אויף א משוגעים העמד...

געפיהלט אז ס׳האלט מיט מיר שלעכט, האב איך א מאך געטהון מיט דער האנד אויף אלעם און גענומען שפאנען האסטיג איבער די גאסען אום צו צעשטרייען זיך אביסעל.

ווי איך דערמאן זיך נאך איצט, האב איך דאן געמוזט אויסזעהען זעהר לעכערליך אין די אויגען פון די פארבייגעהענדע. געלאפען בין איך ווי א ווילדער, געמאכט מיט די הענד און מיט אלע אברים, גלייך ווי איך וואלט געהאט א וויכטיגע טענה צו עמיצען.

די זון האט מיך שרעקליך געבריהט און האט מיך אויפגערעגט מיט איהר מאדנע געלען קאליר וואס זי האט פון זיך דאן געווארפען; און אלעס ארום מיר האט דאן אויסגעזעהען ווי בעפארבט מיט א אונאנגענעהמער געלקייט...

מיט א מאל האב איך זיך ווי אינסטינקטיוו אפגעשטעלט נעבען א וויטרינע פון א שיך-קראם און כמעט באוואוסטלאז גענומען בעטראכטען דעם קרעדענץ שיך, וואס איז אין דער וויטרינע געוועזן קונציג אויסגעשטעלט; און מיין אויג איז געפאלען אויף בלומען וואס זענען געוועזן אנגעשטעקט אין דאמען טופלעס.

איך ווייס ניט וואס מיט מיר איז דאן געשעהן, נאר עפעס ווי א עלעקטרישער שטראם האט מיר געגעבען א זעץ אין קאפ און איך בין געווארען שרעקליך אויפגערעגט, — וואס הייסט דאס — האב איך צו זיך גענומען ריידען אויפ׳ן קול - בלומען איינגעשטעקט אין שיך?...

איך האב מיט די אויגען אריינגעדרונגען טיף אין פענסטער און אלע מיינע חושים האב איך אנגעשטרענגט אום זיך צו איבערציייגען צי איך האב ניט קיין טעות; און דערזעהענדיג אז כ׳האב מיך ניט גענארט, האט אזש מיט מיר אנגעהויבען ווארפען פון כעס אויף דעם געמיינעם קרעמער וואס האט די העזה צו בעגעהען אזא אונגעהערטע חוצפה.

— אט דאס הייסט א טעמפער יונג, וואס גיט זיך ניט אפ קיין רעכנונג פון דעם וואס ער טהוט — האב איך זיך געבייזערט — ער האט קוים געפונען ווי אזוי צוזאמענצושפאנען — א שקראב מיט א בלום.

און באלד ווערט פאר מיר כמעט ווי קלאר, אז אט דער שוסטער - יונג ווייסט אפילו ניט דעם יחוס פון בלומען און איך וואלט שוין געגאנגען אין געוועט אז ער מיינט דאס בלומען דופט און לעדער ריח האבען צווישען זיך א שייכות.

און ס׳ווערט ביי מיר אויפ׳ן שטעל געבוירען א פלאן איך זאל אריין אין קלייט און זאל דעם בעל דבר פון אט די שקראבעס גוט אויסזידלען, איך זאל איהם פשוט זאגען, אז ער איז א גרויסער שוויין וואס ער טהוט אזא זאך.

—וואו איז די טהיר, דורך וואנען געהט מען אריין?— שריי איך און קריץ מיט די צייהן.— אה! ער האט צוגענומען די טהיר דער געמיינער סמאלע קאפ, ער האט געוואוסט אז איך וועל קומען... איך ברעך איהם באלד אויס די וויטרינע.

פלוצים האב איך דערזעהן, אז פון יענער זייט פענסטער שטעהט א מענש פון מיטעלען וואוקס, א גראבער מיט א פערבלאזען פנים, מיט בלוט פערגאסענע אויגען און האלטענדיג אויפגעהויבען די רעכטע האנד, דראהעט ער מיך מיט איהר.

—אזוי גאר, ער וויל מיך נאך שלאגען דער טרייפה׳נער ביין? וואו איז ערגעץ א שטיין, איך וועל איהם באלד ווייזען מיט וועמען ער האט צו טהון, איך צעברעך איהם באלד די שויב אז קיין זכר וועט פון איהר ניט בלייבען.

—אבער שטעה! דאס פענסטער ברעכען וועל איך ניט אנווערען, איך מוז איהם פריהער אנזידלען און נאכהער דאס פענסטער צעברעכען אויף שטיקלעך.

—הער, דו, סמאלע קאפ, נעהם שנעלער אראפ די בלומען פון די שיך ווארום איך צעהאק דיר דיין פערבלאזענע מארדע. וואס מאכסטו אויף מיר אזוי מיט דער האנד, מיינסט איך האב מורא פאר דיר? איך זאג דיר אז דו ביזט א שקראב, א שטיק זשיוויצע, א פאדקאווע פון א שטיוועל! אבער כאפט דיך דער טייפעל, האנדעל מיט דיינע נבילה׳שע שיך וויפיל דו ווילסט, אבער די בלומען זאלסטו שוין אראפנעמען, ווארום איך נעהם דיר ארויס דיינע פערשיכורטע אויגען.

—וואס איז מיין עסק זאגסטו? איך וויל דיר באלד ווייזען וואס פאר אן עסק כ׳האב צו דעם, איך וועל דיר צעברעכען די ביינער, אז קיין גאנץ גליד וועל איך דיר ניט איבערלאזען.

—כא, כא, כא, זעה ווי ער קריצט מיט די צייהן!— כ׳האב אבער געוואלט אידיאט איינער, זאלסט מיר זאגען דעם שכל, וואס פאר א מחותנים זענען דאס פרישע בלומען מיט דיינע שיך? דו מיינסט אז דו האסט זיי געקויפט פאר עטליכע סענט קענסטו מיט זיי שוין טהון וואס דו ווילסט, האסטו שוין רעכט צו לעגען זיי נעבען דיינע פארמעטקעס?

—דו ווילסט מיך שלאגען? אבער צי ווייסטו חמור איינער, אז די לעדער פון דיינע טופליעס מיט די הויכע קנאפלען מיט וועלכע דו באריהמסט זיך אזוי, קומען ארויס פון א פער׳עפוש׳טער גראבארניע? אלערליי ווערים קריכען דאך דארט ארום. די לעדער איז דאך פון א פשוט׳ער בהמה וואס האט אפילו ניט

געוואוסט, אז מען וועט וועז ניט איז איהר הויט אפשינדען און מען וועט מאכען פון איהר שקראבעס.

—און בלומען— די פרא אדם— זענען געבוירען אין וואלד, גאט אליין איז ביי זייער וויגעלע געשטאנען.

—ניט מיין עסק זאגסטו? אט וועל איך דיר ווייזען וועמענס עסק דאס איז, דו וועסט מיך האבען צו געדענקען!

איך בויג זיך האסטיג אן אויפצוהויבען א שטיין וואס איז געלעגען ניט ווייט פון מיר און פון דער אויבערשטער רעקעל-קעשענע איז ארויסגעפאלען מיין טאשען שפיגעלע. אויפהויבענדיג דאס גיב איך ניט ווילענדיג א קוק אין דעם און ווער פארשטארט פאר שרעק. איך דערזעה מיין פנים און כאפ זיך, אז די גאנצע צייט האב איך גע'טענה'ט צו מיין שאטען פון יענער זייט פענסטער און דעם שטיין האב איך זיך אליין געוואלט ווארפען...

א מאמענט שטעה איך ווי פערגליווערט, אבער באלד דרעה איך אויס דעם קאפ צו זעהן אויב עמיצער קוקט ניט אויף מיר. ארום מיר איז געוועז רוהיג. נאר הארט ביי דער וויטרינע איז געשטאנען אן אלטער נאפאליטאנער און גע-קוקט אויף א גרויסען מענערשען שוך וואס איז געהאנגען אין פענסטער און אי-בער איהם א גרויסער אויפשריפט אויף א טאוועל „5.50$ א פאר".

דער נאפאליטאנער דרעהט אוים צו מיר דעם קאפ און איך לייען ביי איהם איבער אויפ'ן פנים „5.50 $, ניט קיין שלעכטע שיך"...

איך כאפ א קוק צו זיינע פיס, און זעה אז די שיך זענען ביי איהם צע-פיצעלט אויף שטיקלעך...

איך האב מיך האסטיג אויסגעדרעהט און אנטלאפען ווי פון טייפלען געיאגט.

אין איינעם אַ טאג...

ס'איז געווען אין איינעם פון יענע טעג, ווען דער ניט גוטער וואס כאפט זיך צו מיר אריין פון צייט צו צייט, איז געקומען צו מיר צו גאסט און אהן ער-לויבניש האט ער זיך צעשפרייט אין מיין כח הדמיון גאנץ ברייטלעך...

שוין פון גאנץ פריה אן האב איך אין יענעם טאג זיך קיין ארט ניט גע-קענט געפינען, ס'האט מיך ווי געטראגען אין דער לופטען, דאס ארומיגע וועלטעל איז מיר געווארען ענג כאטש נעהם און אנטלויף ערגעץ אין אן אנדער וועלט...

און ווי אויף צו להכעיס האבען מיך אומעדום וואו איך בין געגאנגען בעגעגענט בעקאנטע, מיך אפגעשטעלט, זיך געוויצעלט און פון זייערע אויגען האט ארויסגעקוקט א מאדנע צופרידענהייט.

מיך האבען די שטראהלענדע פנים'ר פון מיינע בעקאנטע שרעקליך געער-גערט, עפעס האט זיך מיר אויסגעוויזען אז אלע זענען פרעהליך אויף מיין חשבון און דעראיבער האט יעדער בעוועגונג זייערע, דער בליק פון די אויגען און אפילו דעם אינטערעס וואס זיי האבען צו מיר ארויסגעוויזען—מיך מאדנע געררייצט.

כ'האב ביי זיך פעסט בעשלאסען צו אנטלויפען ערגעץ אין א רוהיג שטיל ארט וואו איך זאל קיין מענשען ניט אנזעהן, זייער פרצוף ניט אנקוקען. כ'האב געקראגען א אונגעהייערען בעגעהר צו זעהן פאר זיך גראז, בוימער, בלומען, וואסער, נאר ניט קיין מענשען.

פון מיין לעצטען בעקאנטען וואס האט מיך אנגעטראפען אין גאס און וועלבער האט מיר דערצעהלט וועגען זיינע היימישע אנגעלעגענהייטען און עפיס א רכילות אויף א גוטען ברודער, האב איך מיך ראשיג אויסגעדרעהט, דאכט זיך אפילו איהם קיין זיי-געזונד ניט געזאגט, און האב מיך ווי א גנב, וואס היט זיך פאר א זייטיג אויג געשלייכט איבער הינטערגאסען, געגאנגען הארט ביי די ווענט, אריינגעקוקט כלומרשט אין די פענסטער און וויטרינעס און אזוי ארום האב איך אלע פערבייגעהענדע מענשען אויסגעמידען.

ווי איך געדענק האט דאן געמוזט זיין א שעהנער זומער טאג, ווייל די זון האט געשיינט, מענשען האבען געטראגען זעהר לייכטע קליידער און מיר האט געווארפען א צאהן אן א צאהן; און אויסגעוויזען האט מיר, אז די זון איז ניט מעהר ווי א אין דער הויך הייגנענדער לאמפ וועלכען עמיצער האט איינגעדרעהט מיר אויף להכעיס...

אונבעמערקט בין איך צוגעקומען אויף א „פלאסא". שטיל איז דארט געווען ווי עס קען זיין אויף א שטיק גאטס וועלט וואו ס'איז שיטער פון מענשען. די בענק זענען געשטאנען ליידיג און מיר איז איינגעפאלען, אז נאר וואס האט מען

זיי אפגעליידיגט, אז מענשען האבען זיך דערוואוסט וועגען מיין געשלאָגענעם געמיט און האבען באשטימט מיך אויסצומיידען...

פון ווייטענס איז געשטאנען דער שומר פון דער פלאַסא, מיט איין האנד האט ער זיך אנגעשפארט אויף א גראבען שטעקען און אויפ׳ן ארט פון דער אנדערער איז געהאנגען א פוסטער ארבעל פון זיין מונדיר. דער ווינט האט דעם ארבעל אלע ווײַלע אויפגעהויבען, גלייך ער זאל עמיצען ווייזען די עולה וואס מען איז מיט א מענשען בעגאנגען איבערלאזענדיג איהם אהן א האנד.

נעבען איהם איז געשטאנען א מיטעל יעהריגע שווארצע פרוי, זי האט דעם שומר געוויזען עפּיס אויף א בלאנד מיידעלע וואס איז נעבען איהר געשטאנען. מעכאניש האט ער געלעגט זיין שטעקען צווישען די פיס און מיט זיין האנד דאס קינד א גלעט געטהון; געטהון האט ער דאס, ווי עס האט מיר אויסגעוויזען, נאר פון יוצא וועגען, ווייל בעת מעשה האט ער אויפ׳ן קינד אפילו קיין קוק ניט געטהון נאר געגעסען די שווארצע פרוי מיט די אויגען, גלייך פאר איהם זאל שטעהן א וועלט בעריהמטע שענהייט...

דאס תאוה׳דיגע פנים פונ׳ם איין-האנדיגען מענש האט מיך פערטריבען און עס האט מיך פערטראגען אין א שמאלער אלעע וואו דער אריינגאנג איז געווען משופע׳דיג. פון ווייטען האט זיך געהערט דאס רווישען פון אראפגעפאלענעם פאנטאן וואסער וואס האט צו זיך גערופען, מיר צוגעזאגט עפּיס צו דערצעהלען און איך בין דעם וואסער ענטקעגען געגאנגען.

וואס ווייטער איז די אלעע געווארען שמאלער, דער רויש פונ׳ם וואסער שטארקער און פערצווימט האט מיר דעם וועג א ריזיגער, פון אינוועניג אויס-געהוילטער נאטור-פעלז, וועלכער האט אין זיין ברייט מויל דאס פון אויבענגע-פאלענע פאנטאן וואסער אין זיך איינגעשלינגען. פון אונטען איז אין פעלז געווען אויסגעדובעט א לאך ווי אנגעמאסטען פאר מיין קערפער אריינצושטעקען. עס האט מיך א ציה געטהון און מיט מיין גאנצען אויבערשטען טהייל קערפער בין איך שוין געלעגען אינוועניג.

איך האב באלד פערגעסען, אז ערגעץ עקזיסטירט א וועלט מיט לעבעדיגע מענשען. פאר מיר איז געשטאנען דער אויסגעהוילטער ריזיגער פעלז מיט זיין אייביגער גבורה. דער פאנטאן האט געשלאגען מיט דורכזיכטיג קלאר וואסער אויף די ווענט פונ׳ם פעלז. אין פיל ערטער זענען שוין געווען גרעסערע און קלענערע לעכער וועלפע דאס וואסער האט אויסגעהאקט.

צוהערענדיג זיך צום געחויש האב איך דייטליך געהערט ווי עס פאלען שטיקלעך פונ׳ם פעלז אין טייכעל וואס האט אונטען געפלאסען. דאס וואסער האט מיר אויסגעוויזען טראגט מיט שמחה ערגעץ אוועק די שטיקלעך וואו עס בויעט זיך א נייער פעלז...

די לעבער פון דעם ריזיגען שטיין זענען וואס אמאל געווארען גרעסער, ברייטער, פון זיי האט זיך פלוצים בעוויזען קעפלעך איך וואלט געמענגט שווערען ווי פון שלענג. טויזענדער אויגען האבען אויף מיר גענומען קוקען, פריהער גלייכ-גילטיג, נאכהער מיט אונרוהיגקייט און באלד מיט צארען.

די לעבער פונ׳ם פעלז זענען וואס ווייטער אלץ מעהר פערפולט געווארען מיט די קעפ. פון דער ערד טיפעניש זענען זיי ארויסגעקראכען צו בעטראכטען א מענשען וואס איז געקומען שטערען זייער רוה. דער פעלז האט זיך אלע ווילע עפים ווי איינגעצויגען, דער אויסגעהוילטער שטח איז וואס אמאל קלענער גע-ווארען און די בעשעפענישען האבען גענומען שטרעקען צו מיר זייערע פיסקעס...

א טוידט שרעק האט מיך ארומגענומען; עס האט זיך מיר געדאכט, אז נאך א רגע ציהען זיי מיך אריין אינוועניג און זיי וועלען פון מיר מאכען א שפייז פאר זייער שלאנגען פאמיליע.

דאס וואסער האט זיך פאר מיר באלד פערוואנדעלט אין שטיקער קרים-טאליזירטע מאסע וועלכע זענען פאלענדיג אויפ׳ן פעלז אויסגעשארפט געווארען אין מעסערס. א האגעל פון מעסערס זענען געפאלען אויף די קעפ און מאסענווייז זענען זיי געפאלען אונטען אין טייכעל.

איך כאפ א קוק אונטען און דערזעה ווי אין טייכעל טריפען זיך א מאסע מענשען-קעפ, פון די פריהערדיגע לעבער האט געפלאסען שטראמענווייז בלוט, פערדומפטע מענשליכע קולות האבען צו מיר געשריען און ס׳האט מיך געריסען צו זיי אראפצושפרינגען...

הינטער מיר האט אפגעקלינגען א הילכיגער קוש.

מאמענטאל האב איך זיך דערמאנט, אז דער הינטערשטער טייל קערפער געפינט זיך פון יענער זייט וועלט. כ׳האב דעם קאפ פונ׳ם פעלזען-לאך אדויסגע-נומען און האב דערזעהן ווי ניט ווייט פון מיר, נאר פערשטעלט מיט׳ן ראנד פונ׳ם פעלז, שטעהט א יונג פאארעל איינגעקלאמערט ווי איין מענש. מויל צו מויל זענען זיי געשטאנען און האבען זיך קיין ריהר ניט געטהון.

אויסגעקומען זענען זיי מיט׳ן פראפיל צו מיר און איך האב געזעהן ווי זייערע אויגען זענען איינגעגראבען איינס אין צווייטען און זיי דויכטען פון גליק.

איך האב אנגעפאנגען צו זוכען אן ארט וואוהין ענטרינען צו ווערען. עס האט מיר הארציג באנג געטהון, אז די יונגע מענשען זאלען זיך אויפכאפען פון זייער גליק און דערזעהן, אז א זייטיג אויג האט ארייגעדרינגען אין זייער קדשי קדשים...

אויף די שפיץ פינגער האב איך זיך גענומען ארויסשלייכען פון דער אלעע, אבער ווי אויף צו להכעים האבען זיך מיינע פים פערטשעפעט אין א אפגעבראכען צווייגעל וואס האט זיך געוואלגערט אויף דער ערד און דאס יונגע פאארל האט זיך אויפגעכאפט. זיי האבען פון אנפאנגס א ציטער געטהון, נאכהער שטיפעריש זיך צעלאכט און אנטלאפען געווארען...

אין דרויסען האט שוין אנגעפאנגען נאכט צו ווערען. די פלאסע איז שוין געווען איבערגעפולט מיט מענשען. יונגע פאארלעך האבען אויפגעלעבט די אלעען מיט א קלינגענדען געלעכטער וואס האט מיך הינגעריסען און איך האב פאר זיך מיטגעלאכט.

ביי דער זייט פון דער פלאסע איז געשטאנען דער פריהערדיגער שומר און האט קאקעטירט מיט אן אנדער פרוי, וועלכער ער האט ווי מיר האט געדוכט געשווארען אייביגע ליבע...

ארויסגעהענדיג פון דער פלאסע, האב איך אנגעטראפען דאס יונגע פאארל וועלכען איך האב פריהער א שטיק גליק איבערגעשלאגען. זיי האבען צו מיר געשמייכעלט ווי צו אן אלטען בעקאנטען, ווי צו אן עדות; איך האב זיי אין הארצען פיעל גליק געוואונשען...

אט אזא טאג האב איך דעמאלט געהאט.

א. בראָדסקי

ערצעהלונג

סאלאניא

סאַלאָניאַ

יעדעס מאל, ווען עס איז געווען א מארק=טאג אינ׳ם קליינעם שטעדטעל און ווען שלומ׳קע דער יתום איז אהיים געקומען פון חדר מיטאג עסען, פלעגט ער אפט טרעפען ביי זיי אין שטוב זייער׳ן אנ׳אלטען בעקאנטען דארפס פויער, וועלכען ער, שלומ׳קע, געדענקט כמעט שוין אזוי פיל צייט ווי זיין אייגענעם טאטען.

דער אלטער איז געווען זעהר היימיש און בעפריינדעט מיט שלומ׳קעס עלטערען. אפט מאל האבען זיי איהם פערבעטען טהע טרינקען, וואס איז ביים אלטען געווען א זעלטענער תענוג און אויך אנ׳אפקומעניש. ער פלעגט זיך נעבעך בריהען און מאטערען ביי יעדער גלאז טהע וואס ער ה:ט אויסגעטרונקען. מעהרסטענטייל איז דער אלטער אליין געקומען. נאר ווען דאס האט געטראפען אונטער א קריסטליכען יום טוב, פלעגט ער מיטברייגגען מיט זיך זיינס א קינד א יונג דארפס מיידעל פון א יאהר זעכצען אויף מיטצוהעלפען איהם איינקויפען די שטוב זאכען.

דאס איז געווען א יונגע חן׳עוודיגע ברונעטקע, מיט צוויי געדיכטע לאנגע צעפ און מיט שווארצע מונטערע קארשען=אויגען. גערופען האט מען זי סאלאניא דעם אלטען איז פון זיינע אלע קינדער פערבליבען ניט מעהר ווי די איינע, און נאך א קינד, א יונגעל, וועלכער איז געווען מיט שלומ׳קען כמעט אין איינע יאהרען, נאר יענעם האט דער אלטער זעלטען ווען מיטגעבראכט.

און א מאל ווען עס האט געדויערט א לענגערע צייט און סאלאניא איז ניט געקומען, פלעגט שלומ׳קע צוגעהן צום אלטען און ווי מיט געבעט פרעגען.

— פאר וואס קומט ניט סאלאניא?— און זיין פרעגען איז ניט געווען קיין אומ- זיסטיגעס. ווארום יעדעס מאל ווען סאלאניא איז געקומען, האט זי עפעס מיט= געבראכט פון דארף פאר שלומ׳קען. ווען דאס איז אויסגעקומען אום ווינטער, האט זי געבראכט פערשידענע געטרוקענטע פרוכטען, פלוימען, נים און וויינ= טרויבען, און אום זומער האט זי אויסגעקליבען די שעהנסטע שמעקענדיגע בארען און אבריקאסען, און געגעבען שלומ׳קען אז קיינער זאל ניט וויסען... און ווען זי איז געבליבען אליין אכטונג צו געבען אויפ׳ן וואגען, האט זי צוגערופען צו זיך שלומ׳קען און צערטלענדיג איהם, פלעגט זי שטילערהייד פרעגען: צי ער וואלט וועלען פאהרען מיט איהר צו זיי אין דארף און איהם דערצעהלען, ווי שעהן ס׳איז ביי זיי אין דארף און פרעהליך. און ווען עס קומט א יום=טוב, נעהמען זיך צונויף יונגלעך מיט מיידלעך, זינגען און טאנצען, און גערטנער איז דא אזוי פיל אויף אלע זייטען פון דארף און מיט די פרוכטען האדעוועט מען די קיה און די

אקסען, און זיסער ווײַן איז דא בײַ זיי, רויטער און ווײַסער. זי וואלט איהם גע-בראכט, נאר זי ווייסט, אז בײַ זיי טאהר מען דעם ווײַן ניט טרינקען...

און סאלאניא האט נאך פיל, פיל איהם דערצעהלט פון זייער שעהנעם דארף. און שלום׳קע האט ווי פערכשופ׳ט געהערט און געפיהלט יעדעס ווארט, און אין זיין הארץ האט מיט אמאל אויפגעוואכט א ברענענדע בענקשאפט נאכ׳ן דארף און נאך אט דער ווייטער פאר איהם אונבעקאנטער וועלט.

עס איז שוין געווען אין טיפען זומער ווען עס איז אויסגעקומען דער בר-מצוה-טאג פון שלום׳קע דעם יתום. זיין פאטער איז גראדע אין דער היים ניט געווען, ער האט געהאנדעלט מיט גערטנער, א גאנצע וואך איז ער געווען אין דארף און נאר פון שבת צו שבת איז ער אהיים געקומען. און דער טאג נאר איז געווען דער איינציגער, ווען שלום׳קע האט זיך געפיהלט א גליקליכער בײַ זיך אין דער היים, ווייל זיין ארט לעבען איז געווען פונקט דער געגענטייל פון זיינע חברים וואס האבען מיט איהם צוזאמען געלערענט. יענע האבען זיך געפיהלט גליקליך, ווען זיי האבען פארלאזט דאס חדר און געגאנגען אהיים, און ער, פער-קעהרט, איז געווען גליקליך, ווען ער האט פערלאזט די היים און געגאנגען אין חדר.

אין חדר איז געווען זיין וועלט; דארט איז ער געווען דער חשוב, ווייל אלע האבען איהם גערופען מיט דעם נאמען „יענקעלע דעם רב׳ס גאון". און מיט וואס פאר א קנאה די חברים פלעגען קוקען אויף איהם! עס איז געווען פאר וואס, ווארום מיט איהם צוזאמען האבען געלערנט פיל עלטערע און רייכערע קינדער, דאך האט קיינער פון זיי אלע ניט פאררדינט נושא חן צו זיין, אזוי ווי ער, אין די אויגען פונ׳ם רב׳ס זוהן.

יענקעלע דעם רב׳ס איז געווען איינער פון זיין רבי׳נס נאהענטע פריינד, און יעדעס מאל ווען ער איז געקומען, האט ער ליב געהאט צו פערהערען איי-נעם פון זיינע תלמידים. אמבעסטען אבער, האט בײַ איהם תמיד אויסגעקומען שלום׳קע דער יתום, מעהרסטענטיילס איז עס געשעהן ביים תהלים, ווען שלומקע האט מיט זיין יונגען קלינגענדיגען קול, אנגעהויבען זאגען דאס ערשטע קאפיטעל: — „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים" (וואויל איז דעם מענשען וואס איז ניט געגאנגען אין דער עצה פון די רשעים); און ווען ער האט געענדיגט דאס קאפיטעל, פלעגט יענקעלע צו געהן, און מיט זיינע דיקע פינגער, איהם א פריינד-ליכען קניפ טהון אין באק, און זאגען צום רבי׳ן מיט א שמייכעל:

— איי גוט! אויסגעצייכענט! וואקסט א גאון! — און בײַ די אנדערע קינדער וואס פלעגען עס הערען, האבען אויפגעציטער׳ט פון קנאה די הערצער.

די צייט האט אבער אנדערש געפיהרט... פון דעם טאג אן וואס שלום׳קע איז בר מצוה געווארען, איז זיין לעבען געווארען פאר איהם פיעל ערגער און שווערער, אין דער היים האט איהם די שטיפמאמע פערפאלגט, און געשאלטען פאר יעדע מינדסטע זאך, און איהם געטריבען פון שטוב, און אין חדר, האט די

שנאה פון זיינע חברים צו איהם געשטיגען פון טאג צו טאג, און זיין קינדישער מח האט בעדארפט אנהויבען טראכטען פערשידענע מיטלען ווי אזוי דאס אלעס אויסצומיידען.

דאס איז געווען איינמאל אין א זונטאג באלד נאך „שבת נחמו”. דער פאטער האט געהאלטען ביים אפפאהרען צוריק אין דארף. דער וואגען איז שוין געווען געשפאנט. עס האט נאר געפעהלט איינינע זאכען מיטצונעהמען. און אזוי ווי דאס האט געטראפען שוין פיל מאל, וואס ער פלעגט בעטען דעם פאטער איהם מיטצונעהמען אין דארף, און ער פלעג איהם אליץ ענטפערען „אן אנדערם מאל” איז ער איצט אויך צוגעגאנגען, און כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען האט ער זיך געבעטען:— טאטע, איצט פאהרט א ליידיגער וואגען, נעם מיך אויך פאהרען. — און ווי ער איז געשטאנען, איז פונקט ארויסגעקומען די שטיפמוטער דאס איצטיגע מאל האט זי איהם מיט איהר שרייען גראדע פארריכט: — נעהם איהם מיט! נעהם איהם מיט זיך א ביסעל! איך באדארף איהם דא ניט — האט זי מיט כעס געשריען. דער פאטער האט א קנייטש געטהון מיט די אקסלען, און געהייסען זיך איהם אויפזועצען. אין א ווײַלע ארום האט ער א טרייב געטהון די פערד, און ווען דער וואגען האט שוין געהאלטען אין גאנג האט ער זיך ארויפגעכאפט.

די זון איז נאך געשטאנען געגוג הויך און די לופט איז געווען הייס און שווער, נאר ווען זיי זענען ארויפגעפאהרען דעם לאנגען בארג וואס ארום פון שטעדטעל, איז פון ערגעץ אנגעקומען א קיהל דערפרישענד ווינטעל, וואס האט שלום׳קען געגלעט איבער זיין פערפלאמטען פנים, און געקיהלט זיין דערהיצטען שטערען, זיי האבען זיך א ווײַלע אפגעשטעלט, געלאזט די פערד אביסעל אפ-רוהען, און אין א פאאר שעה ארום. ווען די זון האט שוין געהאלטען ביי אראפ-לאזען זיך צום ראנד פון בארג אין מערב-זייט, זענען זיי אנגעקומען אין דארף.

דער וואגען האט זיך אפגעשטעלט ביי א ברייט געפלאכטענעם טויער. באלד האט זיך דערהערט דאס בילען פון הינד. פון הינטער א הויכען סטויג היי איז ארויסגעקומען אן אלטער פויער און דערזעהענדיג דעם בעקאנטען וואגען, האט ער גערופען אין שטוב אריין: — געהט עפענט דעם טויער! אויף דער שוועל פון טיר האט זיך בעוויזען א יונג מיידעל, זי איז געווען בארוויס. איהר אנטהון איז בעשטאנען פון א לייוועגטען ברייטען העמד און א לייכט סיטצען קליידעל. זי איז צוגעגאנגען, האט געעפענט דעם טויער, און ווען זי איז געקומען נעהנטער צום וואגען, האט שלום׳קע צו זיין גרויס איבערראשונג דערקענט זיין בעקאנטע, סאלאניא!

דערזעהענדיג איהם האט זי מיט א הילכיגער פרייד אויסגעשריען: א, שליאמקא! א גאסט!, א גאסט!,—דערנאך האט זי צוגערופען דאס קלענערע ברודער׳ל און איהם אנגעוויזען. ווען דער פאטער האט גענומען אויסשפאנען די פערד און

זיי בעזאָרגען אויף ביינאַכט. האָט סאָלאַניע צוזאַמען מיט׳ן ב־ודער׳ל און שלומקען אַראָפּגענומען די זאַכען פון וואַגען, און אַריינגעטראָגען אין שטוב.

דאָס הויז פון סאָלאַניע׳ס עלטערען איז בעשטאַנען פון דריי צימערען מיט אַ קיך. איין צימער האָט מען שטענדיג אָפּגעגעבען פאַר שלום׳קעס פאָטער, ווען ער איז געקומען פון שטאָדט. דאָס איז שוין געווען אַן אַלטע סטאַנציע ביי איהם, וואו ער האָט זיך געפיהלט אַזוי ווי ביי זיך אין דערהיים.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פאָטער אַריינגעקומען, האָט אַרויסגענומען ברויט און פרישען קעז. סאָלאַניע האָט אַריינגעבראַכט אַ קרוג פרישע מילך צום טיש.

ווען זיי האָבען געענדיגט דאָס עסען האָט שלום׳קעס פאָטער גענומען צו־גרייטען אַלעס אויף מאָרגען, וואָס מען דאַרף מיטנעהמען אין גאָרטען צו דער אַרבייט. סאָלאַניע האָט דערווייל צוגעגרייט אַ געלעגער און דערביי געפרעגט שלום׳קען מיט אַ שמייכעל, צי ער וועט ניט מורא האָבען דאָ צו שלאָפען אַליין ווען דער פאָטער וועט אַוועקגעהן... און שלום׳קע האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף — ניין.

ווען דער פאָטער האָט זיך שפּעטער אין אַ פּאָאַר שעה אַרום אומגעקערט פון דאָרף, וואו ער האָט געדאַרפט בעזאָרגען די פּיהרלעך אויף מאָרגען, איז שוין שלום׳קע געשמאַק געשלאָפען, און האָט אַפילו ניט געפיהלט ווי העכער אַ האַלבע קאָלדרע האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון זיין בעטעל אויף דער ערד, נאָר ווען ער האָט זיך נעבען איהם אַוועקגעלעגט, און גענומען איהם צוריק איינדעקען, האָט ער דערשפּירט זיינע הענד, וואָס האָבען איהם פאַרזיכטיג בעריהרט כדי איהם פון שלאָף ניט אויפצואַועקען.

אויף מאָרגען אין דערפריה האָט דער פאָטער גענומען איינשפּאַנען, און געזאָגט שלום׳קען אַז ער פאָהרט אַראָפּ אין גאָרטען מיט די אַרבייטער, און ביז ער וועט דאָרט צוגרייטען אַ וואוינונג פון זייערטוועגען, זאָל ער דערווייל זיצען דאָ אין שטוב, אַכטונג געבען אויף די זאַכען, און ניט פערגעסען דאַוונען אין דערפריה און פאַרנאַכט.

דאָס האָט געדויערט איינינע טעג. יעדען פריהמאָרגען איז שלום׳קעס פאָ־טער אַוועקגעפאָהרען אין גאָרטען און סאָלאַניע׳ס פאָטער מיט׳ן ברודערל אין פעלד צו דער אַרבייט, קיין מוטער האָט סאָלאַניע ניט געהאַט, זי איז אויך גע־ווען אַ יתומה אַזוי ווי שלום׳קע, מיט דעם אונטערשיד, וואָס שלום׳קע האָט גע־האַט אַ שטיפמוטער וואָס האָט איהם געהאַסט און פערפאַלגט, און סאָלאַניע איז געווען אַ פרייער פויגעל און געטון אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט.

דורך אָט דער קורצער צייט פון איינינע טעג, איז סאָלאַניע מיט שלום׳קען היימיש געוואָרען. שוין צו היימיש... זי פלעגט איהם קנייפען און די באַקען, און אָפט מאָל אויסרייסען ביי איהם דעם סדור פון האַנד ווען ער האָט געדאַוונט, כדי ער זאָל איהר נאָכלויפען. און ווען זי האָט איהם געכאַפּט, פלעג זי איהם שטייף אַרומנעהמען מיט ביידע הענד, איהם אָנקנייפען אַ פּאָאַר פייערדיגע באַ־

קען און ערשט דערנאָך איהם צוריקגעבען דעם סדור, דאָס האָט געטראָפען זעהר אָפט, סיי אין דערפריה, סיי פאַרנאַכט, ווען זי האָט איהם נאָר דערזעהן מיט'ן סדור אין האַנד.

איינמאָל, אין אַ שטאַרק הייסען טאָג, ווען ניט שלום'קעס און ניט סאַלאַניאַס פאָטער זענען אין דער היים געווען, איז שלום'קע אַרויסגעקומען פון שטוב און דערזעהען פון ווייטען, ווי סאַלאַניאַ ליגט אויף אַ פאַס ווייך מיט'ן פנים אַראָפּ, זי האָט געהאַלטען אַ טשערעטעל אין מויל וועלכעס איז געווען אַריינגעשטעקט אין פאַס און האָט געזופּט, זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן שלום'קען פון ווייטען, האָט זי איהם צוגערופען מיט אַ וואונק... זי האָט אָפּגעלאָזען פון מויל דאָס טשערעטעל, און זיך אָנגערופען צו איהם:

— קום אַהער שליאַמקאַ! ווילסט טרונקען?

— ניין, פון דיין מויל וויל איך ניט... האָט שלום'קע מיט אַ ברוגזין שמייכעל געענטפערט.

— נו, וועל איך דיר ברענגען אַן אַנדער טשערעטעל, זיי דאָ שליאַמקאַ, געה ניט אַוועק. — האָט זי זיך אָנגערופען און איז שנעל אַראָפּ פון פאַס.

זי איז צוגעגאַנגען צום דאַך, אַרויסגעשלעפּט אַ נייעם טשערעט, האָט אויסגעבראָכען אַ שטיק פון דער מיט, דורכגעבלאָזען און געבענדיג דאָס איהם זיך אָנגערופען: — נו פּרואוו, אַט דאָס וועט זיין גוט.

ער האָט גענומען ביי איהר דאָס טשערעטעל, איז אַרויף אויפ'ן פאַס, האָט עס איינגעשטעקט און אָנגעהויבען ציהען דעם ווייך דורך דעם. אַזוי ווי דאָס פאַס האָט פון אויבען געהאַט צוויי לאָפּטשיקעס, איז סאַלאַניאַ אַרויף אויף דער אַנדערער זייט פאַס, האָט אויך איינגעשטעקט דעם טשערעט און גענומען זופּען. עס האָט געדויערט איניגע מינוט און ווען סאַלאַניאַ האָט זיך אויפגעהויבען און געוואָלט צוריק אַראָפּגעהן, האָט זיך איהר פאַרדרעהט דער קאָפּ און זי האָט זיך אַראָפּגעקייקעלט פון פאַס... אין אַ ווייל אַרום איז דאָס זעלבע געשעהן אויך מיט שלום'קען... ווען סאַלאַניאַ האָט איהם דערזעהן ליגען נעבען זיך אויף דער ערד, האָט זי אויסגעהילכט אין אַ הויכען קלינגענדיגען געלעכטער: — "אָ, דו אויך"! און באַלד האָט זי זיך אויפגעהויבען, זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און אַ זאָג געטהון מיט אַ שמייכעל:

— קום נאָמיר זעהן ווער ס'איז שטאַרקער, ווער עס וועט וועמען אַנידערלעגען... דו מיך אָדער איך, דיך. קום אַט דאָ אויפ'ן גראָז. דאָ איז ווייך.

— נו, קום נאָמיר זעהן! — האָט שלום'קע ווי פאַרשעהמט אַרויסגערעדט. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף איהר ווי וואַהנזיניג... ס'האָט איהם עפּעס ווי געצויגען צו איהר, און דאָך געשראָקען...

ביידע פאַר'שכור'טע פון ווייך און פון פרייד, האָבען זיך פעסט אַרומגענומען זיך שטאַרק איינגעקלאַמערט איינס אין אַנדערען, זיך אַ שנעלען דרעה געטהון אַרום זיך, און אַנידערגעפאַלען איינס אויפ'ן אַנדערען, פון אונטען איז

געבליבען ליגען שלום׳קע, און אויף איהם סאלאניא, וועלכע האט איהם ליגענדיגערהייד געקנייפּט אין די באקען, און ווען ער האט זיך געוועהרט און געוואלט זיך אפּ-רייסען פון אונטער איהר, האט זי איהם צוגעפּרעסט צו איהר ברוסט. ער האט דערפיהלט ווי עפּעס א הייסע שטארק אנגעגליהטע זאך וואלט פארשטעלט זיין מויל און געבריהט זיין פּנים אויף ביידע זייטען... איהם איז געווארען שטארק הייס, און עס האט איהם געשטיקט דער אטהעם. האט ער אנגעכאפּט מיט די צייהן איינע פון איהר ברוסט און א לייכטען קלעם געטהון... זי האט א קוויטש געטהון: — אוי! האט א ציטער געטהון און זיך ווילד אויפגע-הויבען, — אזוי, בייסט זיך גאר! — האט זי האלב צארנדיג, האלב לאכענדיג, איהם געפּרעגט, — אז דו ביזט יא אזעלכער, קום זשע אהער צו מיר! נו קום אהער!

און אין איין אויגענבליק האט זי אנגעכאפּט שלום׳קען, איהם אנידערגע-זעצט אויף דער ערד, און איהם אראפּגעצויגען דאס גאנצע אנטהאן. ווען ער איז געבליבען אין הוילען העמד, האט זי איהם אפּגעלאזט. ער האט זיך געשווינד אויפגעהויבען, איז אריינגעלאפען אין שטוב און האט זיך צעוויינט. באלד איז אריינגעקומען סאלאניא מיט׳ן אנטהאן און דערזעהענדיג אז ער וויינט, איז זי צו-געגאנגען צו איהם און מיט א שמייכעל זיך אנגערופען:

— א, וועסט נאך בייסען... איך וועל נאך דאס העמד אויך אראפּנעמען וועסט בלייבען נאקעט...

— איך וועל שוין מעהר ניט בייסען, גיב מיר אפּ מיין אנטאהן סא-לאניא, איך בעט דיך.

— נא זעה! זעה ווי דו האסט מיך געביסען... אלע צייהן שטעהן...

זי האט ענטבלויזט די ברוסט און איהם געוויזען די סמנים...

— איך וועל שוין מעהר ניט... גיב מיר מיין אנטהאן סאלאניא — האט זיך שלום׳קע מיט רחמנות ביי איהר געבעטען.

— נו קום אהער קוש אט דא... אויף דעם ארט וואו דו האסט געבעסען, וועל איך דיר אפּגעבען דאס אנטאהן, נו, קום, קום שליאמעטשקע אהער צו מיר!..

ער איז געשטאנען פון ווייטען, האט זיך געקווענקעלט און זיך געווישט די אויגען. סאלאניא איז געשטאנען געגען איהם אין איין האנד האלטענדיג דאס אנטהאן און מיט דער אנדערער האט זי איהם גערופען, און ווי אומבעוויניגט איז ער לאנגזאם צוגעגאנגען, האט אנגעבויגען דעם קאפּ און א קוש געטהון איהר קלאהרע ברוסט.

—איצט ביזטו א וואויל יונגעל! נא טהו דיך אן,— האט זי איהם שמייכ-לענדיג געזאגט, האט איהם צוריקגעגעבען דאס אנטהון, און געהאלפען איהם זיך צושפּיליען.

אויף דעם אנדערען טאג ווען ער האט זיך אויסגעניכטערט, און גענומען זיך דערמאנען אלעס וואס מיט איהם איז נעכטען פארגעקומען, האט א שטארקע חרטה אנגעהויבען צו פּייניגען זיין קינדישען געוויסען, ער האט געפיהלט ווי ער וואלט

האבען בעגאנגען א גרויסע זינד, די שרעקליכסטע עבירה פאר וועלכער עס קומט די ערגסטע שטראף... און איצט וועט ער שוין אליין מוזען ליידען... ווארום ער איז שוין אריבער דרייצעהן יאהר, ער לעגט שוין תפילין...

ער האט זיך דערמאנט אין דאווענען און ער האט געטראכט: אז היינט מוז זיין דאווענען זיין אזוי אמת, אזוי ריין און הייליג, אז זיין הייסע תפילה זאל זיך צוזאמענגיסען מיט׳ן פיין פון זיין פערביטערטען הארצען און קומען פאר גאט, פאר׳ן אל רחום, ער זאל איהם מוחל זיין... מוחל זיין אויף דער ערשטער עבירה וואס ער איז בעגאנגען כמעט ווי אהן זיין ווילען...

ער איז צוגעגאנגען צום קאסטען, האט ארויסגענומען פון דארט דאס סדור, און די תפילין, און זיך אוועקגעשטעלט דאווענען, ער האט מיט א טיפען גלויבען, און איבערגעגעבענהייט, אפגעזאגט די תפילה פון פאר „תפילן לעגען" און גענעמען אויפוויקלען די תפילן, ביים אנטהון דעם „של יד" האט ער אזוי שטארק איינגע-צווינגען די רצועה אויף זיין לינקער האנד, אז די גאנצע האנד איז פערטערפט געווארען... און דארט וואו ער האט געקענט אויף אויסוועניג דאווענען, האט ער מיט א כיון צוגעמאכט די אויגען כדי ער זאל ניט זעהן די פעסער וויין וואס זענען געגען פענסטער געשטאנען, פון וועלכע ער האט נעכטען געטרונקען... און אויך יענעם שרעקליכען ארט, וואו ער האט זיך געשפילט מיט סאלאניא׳ן.

א טיפע בעגייסטערונג האט בעהערשט זיין קינדישע נשמה און אין זיין מח איז ארויפגעשוואומען אלע בילדער פון זיין געבורט שטעדטעל, און צווישען זיי, זיין ליבע חדר-וועלט:—

...און אט עפענט זיך די טיר פון חדר, עס קומט אריין זיין ליבלינג יענ-קעלע דעם רב׳ס, אנגעטהון אין א לאנגער אטלעסענער קאפאטע, אין א גרויסען קאפעלוש פון אונטער וועלכען עס הענגען אראפ צוויי געקרייזעלטע לאנגע פאות, ער געהט צו ווי תמיד צו איהם, מיט זיין ווייכען שמייכעל אין די אויגען, און גיט איהם א פריינדליכען קניפ אין באק. דערנאך ווענדעט ער זיך צום רבי׳ן, אנדייטענדיג אויף איהם: ער קען! ער קען! אנו, וויזט אהער דעם תהילים!— ער מישט אויף דאס ערשטע קאפיטעל, און הייסט איהם זאגען. ער הויבט אן ווי תמיד, מיט זיין יונגער קלינגענדיגער שטים:— „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת..."

נאר פלוצלינג דערפיהלט ער, ווי א ווארימע ווייכע האנד האט זיין האלז ארומגענומען... און עפעס א פעטע א נאסע זאך האט בעריהרט זיינע ליפען... ער האט געעפענט די אויגען און דערזעהן נעבען זיך סאלאניא׳ן... זי האט געהאלטען איהר האנד ארום זיין האלז, און איהם אריינ-געלאכט אין פנים מיט א מילדען פרעהליכען געלעכטער. די אנדערע האנד האט זי געהאלטען אויף ארונטער, דערנאך האט זי זיך געשווינד א וויז געטהון פאר איהם, און שלום׳קע האט דערזעהן א ווייסע שטיק פעטס... זי האט איהם ליבליך אנגעקוקט מיט איהרע שמייכעלדיגע קארשען-אויגען, און געפרעגט:

—ווילסט לאטקעס מיט שמאלץ? כ׳האב נאר וואס אפגעבאקען פרישע, ווילסט שלום׳קע?

איהר פרעהליכע שטים האט איצט ווי עפעס א שארפע זאך געשניטען זיין

הארץ, ער האט זי אפגעשטויסען פון זיך מיט צארן און געענטפערט:— גערה! איך וויל גארניט, גארניט...

נאר אין דער רגע ווען סאלאניא האט געוואלט אוועקנעהמען איהר האנד פון זיין האלז, האט זי זיך פערפלאנטערט אין דער רצועה... און דער „של ראש" איז ארונטערגעפאלען.

ווען עס וואלט אין יענער מינוט געווען ארונטערגעפאלען דער דאך, אדער די סטעליע, וואלט זיך שלום׳קע ניט געווען אזוי דערשראקען, ווי דאן ווען ער האט דערזעהן דעם „של ראש" אויף דער ערד.— און וואס וועט איצטער זיין? וואס קען ער איצט טהון! וועה, וועה! פערפאלען, פערפאלען אינגאנצען זיין תפילה! ער וועט מוזען פאסטען עטליכע טעג... און ווי אזוי וועט ער עס קענען? ווען ער איז איצט שוין הונגעריג, איצט בעת ער דאווענט.— ער האט אויפגע-הויבען דעם „של ראש" האט איהם געקושט און געוויינט, און גענומען ווייטער דאווענען. נאר איצט האט ער געפיהלט אז אלעס איז אומזיסט... עס וועט איהם שוין גארניט העלפען, ער וועט מוזען ליידען! און אין דעם אלעס איז שולדיג נאר זי, סאלאניא, זי וועט איהם פארפיהרען אין „שאול תחתיה"...

דעם גאנצען טאג האט שלום׳קען געפייניגט א שווערע פערצווייפלונג. פארנאכט איז געקומען דער פאטער און האט מיט זיך מיטגעבראכט עטליכע קוישען פרוכטען פון גארטען. ווען סאלאניא האט דערזעהן די קוישען איז זי צוגעקומען, בעטראכט די פרוכטען, פון וועלכע א גרויסע טייל זענען שוין געווען במעט איבערצייטיגט, זי האט זיך אנגעבויגען און אויסגעקליבען די גרינסטע, האט אפגעווישט אן עפעל אין קליידעל און גענומען בייסען.

— אט די זענען צייטיגע, צו וואס דארפסטו עסען גרינע? — האט זיך שלום׳קעס פאטער אנגערופען. ער האט גענומען צוויי צייטיגע עפעל און איהר געגעבען.

— די ליב איך ניט. פע, זיי זענען ווייך... אט די הארטע, די ליב איך זיי זענען גוט. — האט זי מיט א שמייכעל געענטפערט, און האט אריינגעגראבען איהרע ווייסע שארפע צייהן און האסטיג דעם עפעל געביסען, זיך געקוויקט און דערביי געוואונקען צו שלום׳קען. דערנאך האט זי שטיל שמייכלענדיג זיך צו איהם אנגערופען: — קום שליאמקא, ווילסט זיך פרואווען אויף צו לעגען? — און זיך געלאזט נאהענט צו איהם.

— גערה אוועק! סאלאניא, הער אויף! דער טאטע וועט דערזעהן... האט שלום׳קע איהר אנגעוויזען.

אין א ווײלע ארום ווען דער פאטער האט פארענדיגט די ארבייט, האט ער צוגערופען שלום׳קען און איהם געזאגט, אז מארגען וועט ער איהם מיטנעהמען אין גארטען, דערווייל דארף ער צוגעהן אין דארף, ער זאל דא ניטווארטען אויף איהם, זאל אפעסען און זיך לעגען שלאפען און ניט פארגעסען קריאת־שמע צו לייענען.

עס איז נאך געווען פריה. ווען דער פאטער איז אוועקגעגאנגען שלאפען האט שלומ׳קע ניט געקענט, איז ער ארויסגעגאנגען אין דרויסען, האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פריזבע, האט געפונען א גרינעם טשערעט, און גענומען מאכען א פייפעל פון דעם.

אין איניגע מינוט ארום ווען סאלאניא איז פארטיג געווארען מיט דער שטוב ארבייט, און איהר פאטער מיט׳ן קלענערען ברודערל זענען אוועקגעגאנגען שלאפען, האט זי פון שטוב ארויסגעבראכט א קילים, האט אויסגעשפרייט אויף דער פריזבע און זיך אוועקגעזעצט אפרוהען.

— דו ווייסט סאלאניא, איך פאהר שוין מארגען אוועק, — האט שלומ׳קע פלוצלינג זיך אנגערופען.

— מארגען?! קום אהער שליאמקא, זעץ זיך דא, אויפ׳ן קילים, דא איז בעסער.. האט סאלאניא איהם אנגעוויזען.

— איך וויל ניט.

— פאר וואס? נאר, קום אהער! איך וועל דיר עפעס דערצעהלען...

— דערצעהל אזוי איך וועל הערען..

— ניין.. איך וויל ניט, דער טאטע שלאפט...

— ער וועט ניט הערען..

— נו קום שוין! קום אהער! ווילסט איך זאל דיך ארעפשלעפען? און זעהענדיג אז זי וויל זיך אויפהויבען, איז ער צוגעגאנגען שעמעוודיג, האט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, — נו, דערצעהל: — האט ער אין דער שטיל געזאגט.

סאלאניא איז פלוצלונג אומעטיג געווארען... האט אראפגעלאזט די ברעמען און א טיפען זיפץ געטהון... דערנאך האט זי אנגענומען שלומ׳קעס האנד, און מיט א שטילען נאאיווען קול אנגעהויבען דערצעהלען:

— דו ווייסט איך האב געהאט א ברודער א גרויסען... א גרעסערער פאר דיר... שלאמקע.

— וואו זשע איז ער?

— ער איז געשטארבען!

— געשטארבען! ווען? פרעגט שלומ׳קע, און קוקט אויף סאלאניאן מיט טיפען מיטלייד, סאלאניא ענטפערט ניט... זי טהוט ווידער א טיפען זיפץ און פאנגט אן:

— געדענקסט שלאמקע ווען איך בין געווען ביי אייך, פאר א יאהרען ווינטער, און האב געקויפט א לאמפאדע און ליכט... דאס איז געווען פאר מיין ברודער... דעמאלט איז ער געשטארבען. איך האב איהם אזוי ליב געהאט מיין ברודער, שטענדיג ווען איך שלאף קומט ער צו מיר... איך נעהם איהם ארום און טוליע איהם צו מיר, אזוי שטארק... ער וויינט און בענעצט מיך מיט זיינע טרעהרען... און איך בעט איהם: „בלייב דא מיט מיר" נאר ער רייסט זיך אויס און אנטלויפט ווייט, ווייט פון מיר... דערנאך בענק איך אזוי נאך איהם, איך בענק שטענדיג נאך איהם...

— און ווען איך וועל אוועקפאהרען וועסטו בענקען נאך מיר סאלאניא? פרעגט ער שטיל.

ער דערפיהלט ווי סאלאניא זיצט צוגעטוליעט צו איהם און בריהט איהם מיט איהר הייסען ארעם. און ער פרואווט מאכען א בעוועגונג זיך אפצורוקען עטוואס.

— יא.. כ׳וועל בענקען נאך דיר שליאמקא, אזוי ווי נאך מיין ברודער.. אבער געה ניט אוועק, זיץ דא מיט מיר.. וואס וועסטו מיר ברענגען שליאמקא, זאג, וואס וועסטו מיר ברענגען?

— איך וועל דיר ברענגען א שנור קארעלען.. האסט ליב קארעלען?

— יא, נאר א גרויסען שנור זאלסטו ברענגען, איך זאל קענען צוויי מאל ארומנעהמען ארום האלז — און שרעקענדיג זיך, טאמער וועט ער אוועק געהן, נעהמט זי איהם צערטליך ארום, דריקט איהם פעסט צו זיך, און הייסט איהם צומאכען די אויגען, דערנאך זאגט זי שטיל:

— ווילסט שליאמקא, וועל איך דיר נאך עפעס דערצעהלען...

— יא, ענטפערט ער,— און שטיל אונבעוועגליך ליגט זיין קאפ אין איהרע ארעמס. א זיסער אנגענעהמענער געפיהל שטראמט א דורך איבער זיין גאנצען קערפער, און ברענגט איהם אין א לייכטען ציטער.. און פון זיינע ליפען קען ער קוים ארויסברענגען דאס איינציגע ווארט — דערצעהל!

— דו ווילסט נאך ניט שלאפען, שליאמקא?

— ניין.

— וועסט אויסהערען?

— יא!

— נו, שא, הער! שפעטער... גאר שפעטער, איבער א יאהר זומער, ווען דו וועסט ווערען א גרויסער.. און וועסט קומען צו אונז, וועל איך בעטען מיין פאפא, און ער וועט מיר קויפען א נייע פלאטיע... איך וועל רופען מיינע חבר׳טעס און מיר וועלען געהן אנרייסען בלומען, פרישע בלומען, א סך בלומען, ביי אונז איז דא אזוי פיל! אלערליי: רויטע רויזען, און ווייסע רויזען, ליליען און מאר-גאחיטעס אהן א שיעור! מיר וועלען אויסבינדען לאנגע קרענץ און אויסהענגען ביי אונז אין שטוב. איך וועל אנטהון די נייע פלאטיע, דערנאך וועל איך אויס-קלייבען די שעהנסטע קילימעס, מיר וועלען אויפשפרייטען און זיך אוועקזעצען, איך וועל אנטהון די קארעלען אויפ׳ן האלז, און זאגען מיינע חבר׳טעס: „אז דאס האט מיר מיין חתן געבראכט!“ און איך וועל זיצען נעבען דיר און וועל זיין דיין כלה... ווילסט איך זאל זיין דיין כלה?..

פלוצלינג האט עמיצער א קלאפ געטהון אין טויער, זי האט זיך דערשרא-קען אומגעקוקט, און גיך איינגערוימט שלום׳קע׳ן אין אויער: — דיין פאפא!

ער האט זיך געשווינד אויפגעהויבען און אריינגעלאפען אין שטוב, האט זיך א ווארף געטהון אויפ׳ן בעטעל און זיך געמאכט שלאפענדיג...

אויף מארגען אין דערפריה ווען דער וואגען איז שוין געווען איינגעשפאנט און זיי האבען געהאלטען ביים ארויספאהרען, האט סאלאניא פערנארט שלום׳קען אין שטוב אריין, האט איהם ארומגענומען און א קוש געטהון, דערנאך האט זי געזאגט שטילערהייד: „זאלסט קומען צו אונז“, האט זיך געזעגענט מיט איהם און מיט׳ן פאטער און זיי ארויסבעגלייט פון טויער.

ברוך בענדערסקי

ערצעהלונגען פון בהמה'שען לעבען.

„שאַינאַ"

„לאַפּאַ"

דער יתום

די ווישע קות

„סאַינאַ"

און סאינא איז געקומען און די יאהרען, געווארען אלט, ניט געהאט קיין ציין און ניט געקאנט מעהר ארבייטען.

מילא, דאס טרעפט מיט יעדען פערד, ווען ער לעבט אפ א פופצעהן, צוואנציג יאהר; נאר זיין גרעסטער אומגליק האט זיך גענומען דערפון. וואס ער האט שוין מעהר ניט געקאנט ארבייטען.

דאס איז געווען אין אנהויב ווינטער, מ׳האט צוזאמענגעטריבען אלע פערד אין „קאראל". זיי איבערצוקוקען וועלכע צו שפאנען און פלוג, און ווען מ׳איז געקומען צו איהם, איז ער געשטאנען בעזונדער אין א ווינקעל, דעם קאפ אראפגעלאזט, פון די אויגען איז איהם גערונען טרעהרען, די אונטערשטע ליפ איז איהם שטארק אראפגעהאנגען און געשטאנען איז ער אויף דריי פיס, איינעם א אונטערשטען האט ער געהאלטען אין דער לופטען, נאר אנגעשפארט אויף דער שפיץ קאפעטע. בעטראכטענדיג איהם אין אזא פאזע, האט מען גלייך בעשלאסען איהם ארויסצוטרייבען אויף דער קאושע, מיט דער בעמערקונג: ער פארדינט שוין ניט דאס עסען.

און גלייך האט מען איהם ארויסגעטריבען אויף דער קאושע, און פערמאכט דעם טויער פון פאטרערא.

תחילת האט ער געמיינט, אז דאס איז נאר אויף א געווים שטיקעל צייט, ווי מ׳פלעגט אפט מיט איהם טון פריהער, פארשפארען אין קאראל אויף א נאכט, אדער צובינדען אויף א שטריק, כדי מיט איהם אין דערפריה אריינצוטרייבען די בהמות, איז ער געבליבען שטעהן פון יענער זייט טויער און אריינגעקוקט אין פאטרערא.

אזוי איז ער געשטאנען א טאג מיט א נאכט, און ווען עס האט איהם שוין גוט אנגעהויבען הונגערען, האט ער אנגעבויגען דעם קאפ, פילייכט וועט ער געפינען עפעס א גרעזעל, אבער אויפ׳ן וועג איז ניט געווען קיין גראז, ביים זייט וועג איז יא עפעס געוואקסען אבער ניט אין מויל צו נעמען, ביטער און פול מיט שטעכערעס, אי דאס הארטע, דארע, גארניט פאר זיינע ציין.

האט ער גענומען שפאנען ווייטער. מיט׳ן קאפ ביי דער ערד, זוכענדיג מיט עפעס זיך צו דערקוויקען, אזוי איז ער אפגעגאנגען א היבשע צייט, און ווען ער האט דעם קאפ ווידער אויפגעהויבען איז ער שוין געווען נעבען אן אנדער פאטרערא; אריינגעקוקט אינעווייניג האט ער דארט דערזעהען נייע פנים׳ער, נייע פערד, אומבעקאנטע האבען זיך געפאשעט אויף טייערע פאשע. ער האט געגעבען א שטילען הירזשע. יענע האבען די קעפ אויפגעהויבען, איהם

אנגעקוקט א ווײַלע און ווידער זיך גענומען פּאַשען; און סאינא איז אוועק ווײַ־טער.

די וועגען האָבן זיך פֿערקירעוועט אין אַלע זײַטן צווישן די פֿעלדער, און איהם איז געווען אַלץ איינס וואוהין ער זאָל געהן, אומעטום האָט ער געזעהן גוטע פּאַשע אויף וועלכער עס האָבן זיך געפּאַשעט בהמות אומבעקאַנ־טע, און האָט ער זיי א רוף געטהון, האָבן זיי איהם גלייכגילטיג, מיט א בהמה׳־ישען בליק אנגעקוקט און ווייטער געפּאַשעט.

אזוי איז אוועק איייניגע טעג. ער האָט זיך קוים ארומגעשלעפּט פֿאַר מאַ־גערקייט און הונגער, און דאָס ערגסטע איז געווען וואָס איהם האָט זעהר געבערענט א טרונק. עסען האָט ער קיינמאָל צו זאַט ניט געהאַט, גאָר דאָך האָט ער פֿאַרט אזוי פֿיעל געפֿונען, אום ניט צו שטאַרבען פֿון הונגער, אָבער וואַסער האָט ער בשום אופֿן ניט געקאָנט בעקומען, אַפילו ניט די ליפּען צו בענעצען, א סך מאָל, ווען ער פֿלעגט אויפהויבען די אויגען אויף די פּאַטעראַס וואו ער איז דורכגע־גאַנגען, האָבן פֿאַר זיינע אויגען זיך אָפּגעשפּיגעלט געגען דער זון גרויסע טײַ־כען, פֿול מיט לויטערע וואַסער, און ער פֿלעגט זעהען ווי אַלע מאָל געהט צו אן אנדער פֿערד צום טײַך, געהט פּאַמעליך, פֿאַרזיכטיג אַריין אין טײַך מיט די פֿעדערשטע פֿיס אום זיך ניט צו פֿערגעצען, בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ און מיט דער שפּיץ מאָרדע בעריהרט ער דאָס וואַסער, ער פֿלעגט אַפילו זעהען ווי אַרום מויל ווערען אויפ׳ן וואַסער רעדעלאַך, וואָס אַמאָל גרעסערע, און די נייע קליינע, נאָר וואָס געבוירענע רעדעלאַך פֿלייסען זיך צו דעריאָגען די גרויסע, וועלכע ווערען וואָס אַמאָל גרעסער, גרעסער׳ ביז זיי פֿערשפּרייטען זיך כמעט אויפ׳ן גאַנצען טײַך. ווען ער האָט געענדיגט טרינקען, הויבט ער אויף דעם קאָפּ, רינט פֿון מויל צוריק אין טײַך דאָס ניט פֿערשלונגענע וואַסער; תחילת רינט עס שטאַרק, נאָר וואָס אַמאָל דינער, ווענינער ביז עס פֿאַלען נאָר אַראָפּ אייינציגע טראָפּען, און די רעדלאַך אויפ׳ן וואַסער הערען ניט אויף צו פֿאַרשפּרייטען זיך, יאָגען נאָך איינס דאָס אנדערע.

סאינא פֿלעגט דאַן מאַכען מיט׳ן מויל און מיט דער צונג, אזוי ווי ער זאָל זיך בעלעקען מיט די טראָפּען, וואָס רינען דאָרט אַראָפּ ביי יענעם פֿערד, טראַכ־טענדיג דערביי פֿון דעם גרויסען טײַך, וואָס ביי איהם אין פּאַטעראַ, וואו ער איז אויפגעוואַקסען און וואו ער איז געווען דער, וואָס האָט געהאָלפֿען מאַכען די בריק צו יענעם טײַך. די גאַנצע ערד האָט ער איבערגעשלעפּט אויף א פֿעל פֿון אן אנדער פֿערד צוגעבונדען מיט א שטריק צו דער זייט, ס׳איז ניט געווען אזא גרינגע אַרבייט, דערפֿאַר אָבער מיט וואָס פֿאַר א פֿערגעניגען ער פֿלעגט טרינ־קען די וואַסער, ווען מ׳האָט איהם אָפּגעלאָזט פֿון דער אַרבייט. אך אביסעלע וואַסער! וואָלט כאָטש געדעגענט, וואָלט ער שוין ווי ס׳ניט איז א לעק געטהון א קאָפּ וואַסער.

אויפ׳ן וועג פֿלעגען אָפֿט איינגלאַך דורכרייטען אויף פֿערד און אזוי ווי סאינא איז תמיד געשטאַנען אונטער דער האַנד, פֿלעגט איהם יעדער מכבד זיין מיט א בייטש, אין ער האָט זיך אַפילו ניט פֿערקרימט, האָט נאָר א ציטער

געטהון מיט דער גאנצער אפגעקראכענער פעל, און ווייטער געבליבען שטעהן, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען.

איינמאל אזוי ארומבלאנזענדיג אויף די וועגען, פון איין טויער צום צווייטען, איז ער אנגעקומען צום טויער פון זיין געוועזענער היים, געוועזענע פאטרעראָ; האט אריבערגעלעגט דעם קאפ איבערן טויער אין פאטרערא אריין און שטיל געהירזשעט צו זיינע פריערינע „קאמפאניעראס", יענע האבען זיך אפילו ניט אומגעקוקט; אזוי האט ער א פאאר מאל גערופען ווי ער זאל וועלען זאגען: איי פערד וואס איהר זענט! איהר זענט יעצט יונג, קאנט ארבייטען, זענט איהר מיוחסים, האלט מען אייך אין פאטרערא. ווארט, ווארט! איהר וועט אלט ווערען ווי איך, ניט קענען מעהר ארבייטען. ניט קענען אויף זיך פערדינען דאס עסען וועט מען אייך ארויסטרייבען, וועט איהר מיר צו גלויבען קומען.

דערווייל האט זיך דער טויער געעפענט. א רייטער איז דורכגעפאהרען, סאינא האט געוואלט בענוצען די געלעגענהייט און אריין אינעווענינ, דער רייטער האט אבער שנעל צוגעמאכט דעם טויער, און סאינא האט געכאפט א זעץ אין דער מארדע מיט'ן טויער, מיט אזא קראפט, אז עס איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען; האט פעררייסען דעם קאפ ארויף, פערקאטשעט די אויבערשטע ליפ און עס האבען זיך ארויסגעזעהן רויטע יאסלעס מיט א פאאר פענקעס, סימנים פון ציין, איינגעטונקען אין בלוט, א ווייל איז ער אזוי געשטאנען, נאכהער האט ער גענומען דרעהען מיט'ן קאפ אהין און צוריק אויף „ניין" און שטארק געפארשקעט.

פונ'ם מויל איז איהם גערונען בלוט, אזוי ווי ביי יענעם פערד וואס האט געטרונקען וואסער. תחילת האט עס גערונען שטארק, נאר וואס אמאל ווענינער דינער, נאכהער האט נאר געקאפעט איינציגע טראפען...

אין ווידער האט ער ארומגעבלאנזעט אויף די וועגען. וואס אמאל איז ער געווארען מאגערער, האט זיך קוים ארומגעשלעפט.

איינמאל אין א פארנאכט האט זיך שטראק פארכמארעט. סאינא האט דערקענט, אז ס'וועט רעגענען, און אנשטאט ארומצולויפען, שפרינגען, בריקעווען ווי פערד טוען עס פאר א רעגען, האט ער זיך בענוגענט נאר מיט שפאנען א ביסעל זיך האסטיגער ווי געוועהנליך. די נאכט איז צוגעפאלען, דער הימעל וואס א מאל שווארצער, און עס איז שטארק פינסטער געווארען, פון צייט צו צייט האט דורכגעשניטען די פינסטערניש פון דער נאכט א שארפער בליץ, פון ווייטען האט זיך געהערט דונערען. תחילת שטיל אין וואס א מאל נעהענטער און שטארקער. א לייכטער ווארעמער, פוילער נארד ווינד האט געבלאזען, עפעס שוין אזוי ווי מיד פון אזוי פיל יאגען, און קעמפפען געגען שטורם, און פלוצים האט ער זיך אונגאנצען אפגעשטעלט, אזוי ווי ער זאל זיך האבען אינטערגעגעבען און זיך מיאש געווען.

א ווייל איז געווארען שטיל, אזוי ווי אלעס וואלט פלוצים פערגליווערט געווארען אין דער לופט, און געבליבען הענגען אויף גארניט. די נאכט האט איינגעהאל-

טען דעם אטעהם, זיך איינגעהערט אין דער פינסטערניש צו דאס גרויסע, שרעק־ליכע וואס דארף באלד קומען.

אויך סאינא האט אויפגעהויבען דעם קאפ, געעפענט זיינע פערלאנגערטע אויגען און געקוקט מיט איינגעהאלטענעם אטהעם אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

באלד האט זיך געלאזט הערען אין דער לופט עפעס אזעלכעס ווי דאס פאכען פון טויזענדער אונגעהויערע גרויסע פליגעל. תחילת האט עס אויסגעזע־הען ווייט, נאר וואס א מאל נעהענטער, בעגלייטעט מיט א פייפען און קנאקען, גאוצע כוואלעס זאמד, אפגעפאלענע בלעטער פון נאהענמען וואלד האבען אנגע־פולט די לופט. איינינע גראבע טראפען וואסער האבען גענומען פאלען איינציג־ווייז, שיטער, דא און דארט, און וואס א מאל געדיכטער און שנעלער ביז עס האט אנגעהויבען גיסען ווי מיט עמער.

סאינא האט קיין ארט ניט געקענט געפינען, זיך גדערעהט אויף איין ארט, געגעבען א פאאר שפאן און ווידער זיך אומגעדרעהט, און אזוי כסדר ביז ער איז צוגעקומען צו א טויער און איז געבליבען שטעהען ווייל ער האט שוין פשוט ווייטער ניט געקאנט געהן.

און דער רעגען האט אלץ געגאסען ווי מיט עמער, געטריבען פון א קאל־טען ווינט, וועלכער האט זיך איהם איינגעגעסען אין די ביינער, דעם קאפ האט ער אראפגעבויגען כמעט ביז דער ערד, אזוי אז די אונטערשטע ליפ האט די נאסע ערד בעריהרט, די אויגען האלב פערמאכטע פון וועלכע עס האט געטריפט טרעהרען מיט מאטעריע, און וועלכע האבען זיך מיט די טראפענס רעגען פער־מישט און אויף דער ערד געפאלען, א אונטערשטען פוס געהאלטען אויפגעהויבען, נאר אויף דער שפיץ קאפעטע אנגעשפארט און געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער, וועלכער איז געוועזען נאר פעל און ביינער.

און ניט ווילענדיג איז איהם זיין פערגאנגענהייט געקומען אויף די געדאנ־קען, ווען ער איז נאך א לאשיקעל געוועזען, געזויגען ביי דער מאמען, געגעסען גרינע, זאפטיגע פאשע, ווי גוט עס איז איהם דאן געוועזען! נאכהער ווען ס'זענען אריבער דריי זומערען האט מען איהם אין פלוג געשפאנט ווי ער האט עס דאן געשפרונגען, געטאנצט און כח האט ער געהאט פאר אנדערע דריי, געטוהן אלע שווערע ארבייט, פערטריבען די קעלבלעך, געלאפען נאך פלייש, געשלעפט ערד צום טייך אייף א פעל, און ווען עס איז קיין וואסער אין טייך ניט געוועזען, אנגי־סען די קארעטעס מיט וואסער; דער רוקען איז איהם פונ'ם זאטעל אפגעריבען געווארען, עס פלעגט איהם אפט בייסען, און אפילו קראצען זיך האט קיינער מיט איהם ניט געוואלט..

מעהר האט ער ניט געקאנט טראכטען, האט זיך פלוצים דערפיהלט אזוי גוט, האט מעהר ניט געפיהלט די קעלט, האט נאר געפיהלט א מידקייט אין גאנצען קערפער און א שטארקען חשק צום שלאפען, און פאמעליך האבען זיך איהם גענומען בויגען די קניה פון די פיס, איינער נאכ'ן אנדערען. ער האט זיך אנידערגעלעגט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אן אויסגעוואשענע פונ׳ם רעגען איז גאנץ פריה די זון אויפגעגאנגען־האט געשמייכעלט מיט א ליבליכע ווארימקייט, זיך אפגעשפיגעלט אין די טייכ, לאך וואסער אויף דער ערד. אויך די פעלדער האבען אויסגעזעהען גרינער, פרישער, יונגע גרעזעלאך האבען זיך צו דער זון געצויגען.

צוויי רייטער זענען דורכ׳ן טויער דורכגעפאהרען, דערזעהן ווי סאינא ליגט אויסגעצויגען אין דער בלאטע א פערשטארצטער, מיט׳ן מויל אפען, פול מיט ערד, האבען זיי זיך אפגעשטעלט, א ווייל האבען זיי געשוויגען, נאכהער האט זיך איינער אפגערופען: די פעל וועט זיין גוט צו שלעפען ערד צו פעררכטען די בריק פון טייך, וואס דער רעגען האט די נאכט אפגעריסען.

„לאבא"

ווען ער איז אנגעקומען צו זיין בעל הבית איז ער נאך געווען גאר א קליין הינטעל, א בלינדס; מען האט איהם צוגענומען פון זיין מוטער, ער זאל אפזויגען די ברוסט ביי זיין בעל הבית׳טע, וואס האט דאן געבוירען א קינד און עס האט ניט געקענט אנגעמען די ברוסט. תחילת האט ער אפילו געבענקט נאך דער מאמען, ווען ער פלעג ליגען צוזאמען מיט זיינע ברידערליך און שוועסטערלאך אלע אויף א קופע, זיך איינגארען אין דער מוטערס אייטער. עס פלעגט איהם אפילו אנקומען אביסעל שווערלאך, בלינדערהייט און מיט שוואכע פיסלאך, זיך דראפען און זוכען מיט׳ן פיסקעל אזוי לאנג ביז ער פלעג דערטאפען א פופקע, דערפאר אבער, אבי ער קאט נאר דערטאפט האט ער דאס שוין אזוי גיך ניט אפגעלאזט, און די מאמע־צויג פלעגט אויף איהם ארויפלעגען א פוס אבער אזוי גרינג, אז ער האט דאס כמעט ניט געפיהלט, און מיט דער צונג איהם לעקען, לעקען, אויסלעקען יעדען אבר און דאס איז געווען אזוי גוט, אזוי גוט...

ער האט זיך אבער באלד צו דעם אויך צוגעוועהנט. עס איז איהם אויך ניט געווען אזוי שלעכט. געלעגען אין א ווארעמע בעט, און אלע מאל האט מען איהם צוגעטראגען א ווייכע, ווארעמע ברוסט פול מיט מילך. דאס האט אבער ניט מעהר געדויערט ווי עטליכע טאג, ביז דאס קינד האט די ברוסט געקאנט אנגעמען, האט מען איהם ארייגעווארפען אין א „אראזשע" וואו ער איז אפגעלעגען גאנצע דריי טאג, געהאלטען אין איין קווישען און וואויען, ביז ער האט שוין מעהר קיין כח געהאט צו ריהרען זיך פון ארט און איז נאר געלעגען מיט א פאאר קליינע בלויע אויגעלעך, נאר וואס געעפענטע און געקוקט, געקוקט אויף גאטס וועלט, און די זייטלעך האבען זיך בעוועגט נאר ווי א מינוט פאר׳ן טויט.

צו זיין גליק זענען איבער איהם געקומען די קינדער פון דעם זעלבען בעל הבית און איהם א האלב טויטען צוריקגעבראכט צו דער שטוב. חברה האבען זיך גענומען איהם אפמינטערען; דער האט געבראכט אביסעל מילך, א צווייטער אביסעל סעראוואטקע, ביז ער איז ווידער געקומען צו זיך, ער האט באלד גענומען ארומקריכען, זיך געשטעלט, געלעקט די הענטלעך און אזוי איז ער באלד געווארען גאר היימיש.

אויך זיי, די קינדער האבען איהם דאן געקרוינט מיט׳ן נאמען „לאבא".

און אזוי ארום איז לאבא אויסגעוואקסען א גרויסער, שעהנער הונט, מיט שווארצע און ווייסע פלעקען.

נאר עפעס גאר קיין הונט ניט געווען, דאס הייסט א הונט איז ער געווען ווי אלע, נאר האט ניט געהאט אין זיך קיין הינטישע גענג. פלעגט אמאל צו קומען צו דער שטוב א פרעמדער מענש, פלעגען די אנדערע הינט איינלעגען די וועלט,

יענעם געוואלט ממש צורייסען אויף שטיקער, פלעגט זיך לאבא שטעהן פון ווייטען, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען, גלייך ווי ער איז קיין הונט ניט.

איין מאל האט זיך געמאכט, דאס דער צווייטער הונט „פיטשע", וואס האט אויך געדינט ביים זעלבען בעל הבית, האט איינעם א ביס געטון אין א פוס, אויף די געוואלדען וואס יענער האט אנגעמאכט, לויפט ארויס דער בעל הבית אין כעס אויף די הינט און גענומען שעלטען מיט טויטע קללות: פארברענט זאלען זיי ווע-רען! איין אויסכאפעניש אויף זיי! ס'איז גארניט אויסצוהאלטען! קיין מענשען לאזען זיי ניט דורכגעהן, און גענומען בעטראכטען די וואונד וואס „פיטשע" האט געמאכט.

„לאבא", וואס האט קיין איינטהייל אין דעם אנפאל ניט גענומען, איז אויך צוגעקומען, זיך געלאשטשעט צום פרעמדען, געדרעהט מיט'ן עק, זיך געבויגען אין דרייען, און אלע מאהל געמאכט אזוי מיט דער צונג, ווי ער זאל וועלען זאגען: „איין עולה כ'לעבען, איין עולה, א גרויסע עולה!"

דער בעל הבית, וועלכער האט נאך געהאלטען אין בעטראכטען די וואונד, האט איהם גענומען טרייסטען, אז ס'וועט גארניט זיין, ער זאל נאר צולעגען קאלטע וואסער און מעהר גארניט וועט עס איבערגעהן, נאר די הינט וועל איך שוין לעגען אין דער ערד אריין, און דאס זאגענדיג, כאפט ער א שטעקען און דערלאנגט לאבא'ן איבער די פיס. נא! ווערסטו וויסען ווי ניט דורכלאזען קיין מענשען, בייסען גאר! האסטו געהערט אזוינס?

לאבא האט זיך עטליכע מאהל איבערגעקאטשעט און אנגעמאכט אלערלעי קולות, גלייך מ'זאל איהם געווען דער'הרג'נען, האט א כאפ געטהון דעם פוס אין מויל אריין און אנגעהויבען זיך פעסטען אויף א יאמערליך קול: אי-אי-אייי, נאר כדי ער זאל ניט כאפען נאך א שטעקען, האט ער זיך אפגעטראגען לויפענ-דיג אויף דריי פיס, און דעם צוקלאפטען פוס האט ער געטראגען פאראויס אין דער לופטען, עפעס אזוי ווי ער זאל זיך וועלען פאר עמיצען קלאגען: נאט זעהט וואס מ'האט מיט מיר געטהון, און פארוואס? אי-אי-אי... פאר וואס? אי-אי-אי...

א צווייטען מאהל האט זיך געמאכט, איז דורכגענאנגען א אומבעקאנטער הונט, א פערבלאנדזשעטער ווייזט אויס, פון א צווייטער קאלאניע, דערזעהען א פרעמדען הונט, האבען זיך אלע הינט פון דער גאס צו איהם א לאז געטהון מיט אויסגעשטערעטע צייהן, דער פרעמדער, דערזעהען ארום זיך אזא חברה, האט זיך גלייך אפגעשטעלט, דעם עק פארבויגען צווישען די פיס, אליין האט ער זיך אנ-געבלאזען אזוי, אז די האאר פונ'ם רוקען האבען זיך אזש אויפגעשטעלט, פאר-קאטשעט די אויבערשטע ליפ, געוויזען די ציין, אבער ניט מיט כעס, נאר ווי עפעס געשמייכעלט, ווי ער זאל וועלען זאגען: עליכם שלום הונט, ווי געהט עס.

באלד האבען איהם אלע הינט גענומען ארום שמעקען פון אלע זייטען, אזוי ווי זיי זאלען וועלען זיך נעהענטער בעקאנען מיט איהם. איינינגע האבען אפילו ווי עפעס א בורטשע געטהון, ווי איינער רעדט: נעהמט איהם חברה! און טאקע באלד איז אונטערגעשפרונגען פיטשע און האט איהם א ביס געטהון פון הינטען. דער פרעמדער הונט האט זיך מיט אמאל געגעבען א דרעה אויס, באלד שפרינגט

אונטער א צוויטער, א דריטער, א פערטער, און אזוי האבען זיי איהם גענומען רייסען פון אלע זייטען. פון אלע הינט איז געווארען איין קנויל, האבען זיך גע-דרעהט, געקאטשעט, יעדער האט געוואלט דעם פרעמדען מכבד זיין מיט א גרעָ-סערען חלק, האבען מיט א שטיל איינגעהאלטענער רציחה געהאוקעט, געווארטשעט געביסען, געריסען, געקנאקט מיט די ציין.

לאבא, וואס איז אויך צוגעקומען מקבל שלום זיין דעם פרעמדען, דערזעהן אזא חתונה, האט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן אונטער חלק, אונטערגעשפארט מיט די פעדערשטע פיס, די מארדע פעררריסען ארויף צום הימעל, און גענומען בילען אויף א קול, עפעס אזוי ווי ער זאל וועלען פרעגען ביים הימעל: פאר וואס? פארוואס אזא אויפנאהמע? וואו איז הינטישער יושר, וואו איז הינטעשקייט, פאר-וואס זאלען אפילו הינט ניט קאנען לעבען צווישען זיך בשלום?

—וואס וואויען די הינט? געה נאר זעה,—האט עמיצער א זאג געטהון און א שטיק האלץ איז געפלויגען לאבא׳ן אין קאפ. לאבא האט שוין פערגעסען אין פרעמדע צרות און איז אוועק מיט א געוואלד, מיט א קוויטש, אויף זיין שטייגער, זיך אוועקגעלעגט אויף א בערגעל מיסט און שטיל, איינגעהאלטען אין זיך, געקוויטשעט אויף א דין קול־כעל.

פיטשע, וואס האט זיך אפגעפערטיגט מיט׳ן דורכגעהער, איז באלד געקומען צוריק, שטאלץ ווי א גבור וואס קעהרט זיך אום פונ׳ם שלאכט-פעלד נאך א זיג. די פעל איז איהם געווען פול מיט בלוט פערפלעקט, די פיס אין בלוט איינגעטונקען, בלוט פונ׳ם שונא... פון גרויס צופרידענהייט האט ער זיך אזש בעלעקט.

דורכגעהענדיג נעבען לאבא׳ן, וואו ער איז זיך געלעגען איינגעקארטשעט אויפ׳ן מיסט און פערטיפט אין געדאנקען, רופט ער זיך אפ צו לאבא׳ן:

וואס וועט זיין פון דיר דער תכלית לאבא? ביזט עפעס גאר א אפגעזונ-דערטער נפש, גלייך ווי דו ביזט גאר קיין הונט ניט.

לאבא האט איהם דערויף גארניט געענטפערט, האט נאר אויף איהם א ווארף געגעבען א פעראכטענדען בליק, און זיך ווייטער געבליבען ליגען רוהיג.

—אלטער נאר! זאגט ווייטער פיטשע, געבענדיג זיך מיט גדלות א דרעה, אלטער נאר וואס דו ביזט, דו האסט ווייזט אוים א טעות אין גאנצען חשבון, דאס וואס דו רעכענסט פאר א מעלה, איז פונקט פערקעהרט, א גרויסער חסרון, דו גע-דענקסט ווען איך האב איינעם צוביסען א פוס און דער בעל־הבית איז געווען מלא רציחה דערפאר, האט געשאלטען, און איינגעלעגט די וועלט? אבער דעם שטעקען האסטו געכאפט, און ווייסטו פארוואס? דאס איז דערפאר וואס דו האסט ניט געביסען, און איך, וואס האב דעם ביס געגעבען, האסטו געמעגט זעהן מיט וואס פאר א ליבשאפט ער האט מיך געגלעט, און וואס פאר א שטיק קעז ער האט מיר דאן געגעבען. ווילסטו זיין א הונט צווישען הינט? ניט ווערען געביסען, געשלאגען פון יעדען? זיין בעליבט ביים בעל הבית? זיין רעספעקטירט פון אלע-מען? טהו ווי איך, לאז ניט דורך קיין געלעגענהייט צו רייסען, בייסען וועמען עס

מאכט זיך נאר, עס מעג אפילו זיין דיינער א חבר; זאל דיך ניט הארען יענעמס קולות, יענעמס יאמערען און קלאגען. א הונט זאל מען זיין!.. און ניט אזא פער־שלאפענער ווי דו, א פערוויינטע נשמה.

פיטשע האט נאך עפעס געוואלט זאגען, האט זיך אבער געזעהן אין עק גאס א רייטער דורכפאהרען, האט ער אפגעהאקט אין מיטען און איז אוועק.

תחילת איז ער געלאפען שטיל אהן לשון, מיט אן ארויסגעשטעקטען לעקער און שווער געאטעמט, נאר קומענדיג נעהענטער, האט ער אנגעהויבען האווקען, און נאר געוואלט אנכאפען דעם פערד ביים עק.

לאבא איז זיך געבליבען ליגען ווי פריער אויפ'ן מיסט, דעם קאפ אויף דער ערד אנגעשפארט, און נאכקוקענדיג פיטשען האט ער זיך ווידער פערטיפט אין הינטישע געדאנקען.

דער יתום

יעצט איז ער שוין א גרויסער, ער דארף שוין צו קיינעמס לאסקע ניט אנקומען, נאר דאך מאכט זיך נאך אפט, בלייבט ער שטעהן א פערטראכטער, לאזט אראפ דעם קאפ, און פערטיפט זיך אין געדאנקען; דערמאנענדיג זיך אין זיינע קינדער יאהרען, ווי ער איז אויפגעוואקסען אין צרות, און וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן, געהט איהם דורך א שוידער דורכ׳ן גאנצען קערפער.

ער געדענקט דאס נאך ווי היינט, ווען ער האט צום ערשטען מאל דער־זעהן די ליכטיגע שיין; תחילת האט איהם דאס שטארקע ליכט פון דער זון כמעט ווי בלינד געמאכט. ער גאיז עלענען א נאסער אויסגעצויגען אויפ׳ן גראז. זיין מוטער איז געשטאנען מיט׳ן קאפ איבער איהם, און מיט צערטליכער ליבע אויף איהם געקוקט. די זון האט איהם געוואָרעמט יעדען אבר, אז ס׳איז געוועזן א מחיה. און ווען ער האט זיך אביסעל אפגעטרי־קענט, און זיך צוגעוואוינט צו דער שיין, האט ער זיך געפרובט אויפ־הויבען, תחילת האט ער זיך געשטעלט אויף די פעדערשטע פיסלעך, און גע־בליבען זיצען אזוי אויפ׳ן הינטער־חלק אין א ווילדע ארום האט ער ארויפגעשלעפט פון אונטער זיך א אונטערשט פיסעל, און באלד דאס אנדערע, און געבליבען שטעהן אויף אלע פיער, האט זיך א ווילע געוואקעלט, די פיסלעך האבען זיך איהם געבויגען, די קאפעטקעלעך זענען געווארען צו ווייך, באלד אבער האט ער זיך געפיהלט שטארקער, האט געגעבען א שפאן, א צווייטען, און זיך צוגעטולעט צו דער מוטער, זי האט איהם שטיל צוגעהירזשעט, ווי זי זאל איהם וועלען זא־גען: נעם עפעס אין מויל אריין מיין קינד, עס קעהר דיר חלש׳ן דאס הערצעל, און ער האט געפאלגט, האט געגומען זוכען מיט׳ן מארדעלע ביי דער מוטערס פעדערשטע פיס; ניט קענענדיג געפינען, האט זי זיך צו איהם אויסגע־דרעהט אזוי זי האט איהם כמעט די אייטער אין מויל אריין געלעגט, ער האט מיט פערגעניגען א כאפ געטוהן א פיפקע, באלד א צווייטע, האט פון יעדער געגעבען ניט מעהר ווי א לעק און באלד אפגעלאזט, און זיך גענומען ארום קו־קען אויף אלע זייטען.

געבען זיי זענען געשטאנען זיינע דריי עלטערע ברידער און פון איהם קיין אויג ניט אראפגענומען, ווייטער אביסעל, זענען געשטאנען פערד, זשעגואס, און מיט פערדישע אויגען אויף איהם געקוקט און זיך געחידוש׳ט.

ווען די זון האט זיך אנגעהויבען אראפלאזען צום וואלד צו האבען זיי אלע גענומען ערגעץ געהן, די מאמע איז געגאנגען פאראויס, טריט ביי טריט, און ער איז כמעט געלאפען ביי דעם זייט, אונטערשפרינגענדיג צו ביסלעך, יעדע ווילע פלעגט די מוטער בלייבען שטעהן, זיך אומקוקען צי לויפט ער נאך, און ווייטער

געגאנגען, הינטען זענען זיי נאכגעגאנגען די עלטערע ברידער זיינע, ביז זיי זענע אנגעקומען צום טייך.

א גייע וועלט האט זיך דארט פאר איהם ענטפלעקט, די גאנצע געגענד ארום איז געווען א גלייכע, אז מ׳האט געקאנט קוקען עט ווייט, ווייט! אין דער מיט איז געשטאנען דער טייך, אומעטום האבען זיך געפאשעט פערד, זשעגואס, לאשיקלאך, יעדע ווילע איז צוגעגאנגען אנ׳אנדער פערד צום טייך, א זופ געטוהן אביסעל וואסער, און טרינקענדיג בעמערקט נאך א פערד אין וואסער... וואס ווען ער טרינקט לעגט צו יענער זיין פיסק צו זיינעם, און ווען ער ענדיגט טרינקען, וועלענדיג מיט יענעם פערד זיך דורכשמועסען, שארפעט ער מיט א פעדער-שטען פוס אין וואסער, דאס וואסער בעוועגט זיך, שפריצט, עס ווערט קאלע מוטנע, און יענער פערד פערשוואונדט...

די לאשיקלאך האבען איהם באלד בעמערקט, זענען צוגעקומען גענטער, איהם ארומגעשמעקט, זיך בעקאנט מיט איהם, און זיך גענומען שפילען, בייסען זיך כלומרשט, שפרינגען, בריקעווען, ווארפען מיט די הינטערשטע פיסלעך, און אז ער פלעגט הונגעריג ווערען פלעגט ער צולויפען צו זיין מוטער וועלכע איז געשטאנען און זיך געפאשעט, אין פון איהם קיין אויג ניט אראפגענומען און זיך אנגעזויגען. און דאס איז געווען אזוי גוט...

אזוי פלעגט ער פערברענגען אלע טאג, און האט גארניט בעמערקט ווי זיין מוטער, זיינע ברידער און אנדערע פערד פון פאטרערא, געהן עפעס ארום פערזארגטע, יעדע ווילע הויבען זיי אויף די קעפ, שמעקען אין די לופט, ווילען עפעס אויספארשען און מיט טרויעריגע בליקען זיך אנגעקוקט איינס דאס אנדערע ער איז נאך געווען צו יונג כדי צו פערשטעהן אז א גרויסער אונגליק ערוואַרטעט זיי: ערשט ווען ער האט בעמערקט אז וואס טאג ווערט ווייניגער מילך ביי דער מו-טער אין די אייטער, האט ער זיך אנגעהויבען צוקוקען, נאכזוכען די אורזאכע דערפון. באלד האט ער בעמערקט אז דער טייך איז עפעס קלענער געווארען, דאס וואסער טונקעלער און ארום טייך א גרויסע בלאטע, אויך פעלדער האבען אנגעווארען זייער גרינקייט, עפעס ווערען זיי ווי וואס א מאל מעהר געל, און אויף איינינגע ערטער איז נאר שווארץ געווארען. אויך האט ער מיט שרעק בעמערקט אז זיין מאמע איז עפעס קלענער געווארען, די ביינער שטעקען איהר ארויס, עפעס ניט דאס וואס פריער... די עלטערע ברידער האבען עפעס אנגעווארען זייער פרעהליכקייט, זענען שטארק מאגער געווארען, נאר פעל און ביינער און אלע אין פאטרערא געהען ארום פערזאָגטע, מען הערט ניט קיין פרעהליכען הירזשען, און איינינגע קוים וואס זיי שלעפען זיך; און ער האט דאס ניט געקענט פערשטעהן, ביז איינמאל אין א טאג, די זון איז געשטאנען אין מיט׳ן הימעל, האט געברענט ווי פייער, זענען אלע פערד געשטאנען אונטער א גרויסען בוים, איינינגע האבען גע-דרימעלט, אנדערע האבען געטריבען די פליגען פון זיך האט ער געהערט ווי די מאמע האט געזאגט ווי פונ׳ם שלאף: אך! ווען ס׳זאל געהן א קאפ רעגען..

און וואס א טאג איז געווארען ערגער. צום טייך איז ניט געווען צו צוטרעטען; אין דערמיט איז נאך געווען אביסעל גרינע וואסער, און די בלאטע ארום איז

געווארען אזוי געדיכט אז מ׳האט קיין פוס ניט געקענט ארויסשלעפען. ווען דער דארשט האט שוין שטארק צוגעטראטען פלעגען איניגע אריינגעהן אין דער בלא-טע, ראטשקעווען אויף אלע פיר, ביז זיי פלעגען דערגרייכען צום וואסער, און אנטרינקענדיג זיך פלעגען זיי ווילען ארויסגעהן, און וואס מעהר זיי פלעגען זיך אנשטרענגען ארויסצושלעפען א פוס, פלעגט דער צווייטער פערזינקען אין גאנצען, ביז זיי פלעגען בלייבען ליגען אויפ׳ן בויך און זיך ניט געקענט ריהרען; פלעגען קומען רייטער מיט שטריק און זיי ארויסשלעפען אויפ׳ן ברעג. אייניגע פלעגען זיך נאך אויפהויבען די גרעסטע טייל אבער, פלעגט שוין דארט בלייבען ליגען אויף אייביג... און וואס א טאג פלעגען אלץ בלייבען ליגען נעבען טייך מעהר טויטע פערד.

זיין מוטער פלעגט אויך אלע טאג צוקומען צום טייך פלעגט אריבער קוקען צום וואסער און זיך באלעקען, אבער בעטראכטענדיג די בלאטע, און די פילע קרבנות וואס ליגען ארום, פלעגט זי מיט וועהטאג אין הארצען זיך אויסדרעהען און אוועקגעהן—איידער אריינצוקריכען אין דער בלאטע און שטארבען א פערשמיר-טע... שוין בעסער שטארבען אויפ׳ן גראז, א ריינע.

די נויט איז אבער אפט מאל געסער אפילו פונ׳ם ווילען פון א פערד. עס איז שוין אזוי ווייט געקומען, אז זי האט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראגען, און האט זיך אינגאנצען פערלוירען, האט פלוצים גענומען לויפען מיט איהרע לעצטע כחות צום טייך צו, איז אריבער די בלאטע און גלייך גענומען טרינקען מיט גרויס געעפענטע אויגען, די נאז עטוואס פערקארטשעט, האט זי געשלונגען גאנצע שטרא-מען וואסער, וועלכע האבען זיך געטראגען דורך׳ן האלדז אונטער דער פעל און זענען ערגעץ פערשווינדען געווארען, און וואס אמאל האט זיך דער בויך מעהר געהויבען, פערפולט געווארען, האט אויסגעזעהן ווי געשוואלען, און ווען זי האט דעם דארשט געשטילט, איז זי אזוי פערמאטערט געווארען, אז זי האט בשום אופן ניט געקאנט אפילו א ריהר טהון מיט א פוס. זי האט זיך יא עפעס אנגע-שטרענגט, אבער דאס האט נאר געהאלפען אז די פוס איהרע זאלען אינגאנצען פערזונקען אין דער בלאטע, און זי איז געבליבען ליגען אויפ׳ן בויך אהן קרעפטען.

אין א ווײַלע ארום זענען געקומען די רייטער מיט שטריק, און זי אויף דער טריקענעש ארויסגעשלעפט.

תחילת אין זי געבליבען ליגען אהן בעוועגונג, א פער׳חלש׳טע און ווען זי איז עטוואס געקומען צו זיך האט זי געפרובט זיך אויפשטעלען. זי האט עס אבער ניט געקענט בעוויזען און איז צוריק געפאלען מיט א קרעכץ, א מידע, האט נאר גע-ווארפען מיט די פיס און מיט׳ן קאפ געשארט די ערד.

אלע קינדער איהרע זענען ארום איהר געשטאנען מיט אראפגעלאזטע קעפּ.

אויפ׳ן צווייטען טאג זענען די עלטערע געגאנגען זוכען פרנסה, איינער איז אוועק אקערען, געשלעפט דעם פלוג, דער צווייטער איז אוועקגעפאהרען געשפאנט אין א וואגען. געבליבען נעבען דער מוטער זענען נאר דער גאר קלייניקער לאשיקעל, און זיין עלטערער ברודער א צוויי יעהריגער לאשיק זיי זענען די גאנצע צייט געשטאנען מיט אראפגעלאזטע קעפּ און זיך כמעט ניט גערירט פון ארט,

נאר ווען דאס הארץ האט זיי שטארק גענומען קלעמען, פלעגט דער ערשטער אוועקגעהן אויף א צוויי שפאן, מיט׳ן קאפ אויף דער ערד זוכען כאטש א טרוקענעם קארין, און זיך באלד אומקעהרען. דער גאר קליינינקער פלעג צו־געהן און נעמען ציהען די ליידיגע אייטער ביי דער מוטער, און באלד אפגעלאזט, דארט איז גארניט געווען. פון צייט צייט פלעגט די מוטער ארויסלאזען א שטילען קרעכץ און מיט די אויגען געזוכט איהר קינד און זעהר שוואך געצייגען איהר אטעם. אויפ׳ן דריטען טאג אין דער פריה האט זי שטארק געווארפען מיט די פיס, דעם קאפ אלע מאל פעריסען אויף ארונטער, געקריצט מיט די ציין און שטארק געקרעכצט, און פלוצים האט זי שטארק א ציה געטהון דעם אטעם, די אויבערשטע זייט האט זיך שטארק אויפגעהויבען, און ארויסלאזענדיג דעם אטעם. האט זיך די זעלבע זייט ארפגעלאזט און מעהר זיך ניט בעוועגען... גע־בליבען שטיל, רוהיג, די אויגען זענען איהר געבליבען שטארק געעפענטע, פאר־גלעזטע און געקוקט אין דער זייט וואו איהר קינד איז געשטאנען׳ און ער האט זיך פון דעם קוק ניט געקענט אפרייסען, פון דעם מוטערליכען קוק, וואס קוקט אפילו נאכ׳ן טויט.

א גרויסער פויגעל האט זיך פון דער הויך אראפגעלאזט, און אויף איהר קער־פער זיך געשטעלט, און נאך א פאאר מאל ארומקוקענדיג זיך ,איז ער צוגע־שפרינגען צום קאפ, האט א צוויי פיק נעגעבען אין די אויגען, און אויף זייער פלאץ זענען צוויי רויטע מיט בלוט פערגאסענע לעכער געבליבען, וואס האבען אלץ ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף איהם.

און ער איז אלץ געשטאנען, אין ניט נעקענט זיך אפרייסען פון ארט אויך האבען איהם די כחות געפעהלט דערצו. ער האט די לעצטע צייט אזוי פיל גע־הונגערט, אזוי פיל געליטען...

און ווער ווייסט צו וואלט ער ניט געבליבען ליגען דארטען נעבען זיין מוטער, ווען זיין עלטערער ברודער זאל איהם ניט געוועןן אוועקנעהמען פון דארט, דער עלטערער ברודער איז געגאנגען פאראויס, און ער פון הינטען טולענדיג זיך צו איהם.

אזוי פלעגט ער ארומבלאנדזען אין פאטרערא א הונגעריגער, א מאגערער און א בענקענדער, פלעגט אלע מאל צוהירזשען אויף זיין דין קולכ׳על, ווי ער זאל וועלען שרייען: מאמע! מאמע!

זשעגוואס פלעגען דאס הערען, פלעגען זיי אויפהויבען די קעפ, צוהירזשען שטילערהייד ווי זיי זאלען וועלען זאגען: נעביך, א רחמנות!

ער פלעגט אפט צוקומען צו יענעם פלאץ ווי די מוטער איז געבליבען ליגען און יעדעס מאל פלעגט ער געפינען וויינגער: חיות, פויגעל און ווערים זענען בע־פאלען איהר קערפער און זיך מיט איהם געזעטיגט, דאס איבריגע האט שוין די זון געטון, האט געהאלפען פערניכטען, אויסטרוקענען, אזוי אז אין עטליכע טעג ארום איז פון איהר נאר טרוקענע ביינער געבליבען.

פינסטערע טעג זענען דאס פאר׳ן יתום געוועןן.

עס האט שוין נאכהער גראדע גערעגנט, די פעלדער האבען זיך ווידער מיט גרינס בעדעקט. דער טייך איז ווידער פול געווארען מיט וואסער ווידער האט די פרעהליכקייט געהערשט אין פאטרערא, און ווידער האבען זיך לאשיקלאך גע-שפילט נעבען טייך.

ניט פאר איהם אבער, איז דאס אלעס בעשאפען. ער איז תמיד ארומגעגאנגען א הונגעריגער א דערשלאגענער, געווען שטארק מאגער, האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיסלעך, האט כמעט גאר ניט געוואקסען, דאס גראז האט ער נאך ניט געקענט עסען. פלעגט ער זיך ארום בלאנקען אין פאטרערא ווי א פרעמדער און געבענקט נאך א מוטערליכען לעק, אדער כאטש א ווארעמען בליק.

אלע לאשעקלאך פון פאטרערא האבען איהם געוויכט האבען זיך געמיאוס׳ט מיט איהם צו שפילען. ווען עס פלעגט זיך אמאל מאכען, זשעגוואס זענען זיך צוזאמענגעקומען, שמועסען שטילערהייד, זיך געקראצט, פלעגט ער אויך צוגעהן זיך דרעהען פאר די אויגען, און אייניגע פלעגען פאר רחמנות איהם שענקען א קראץ, פלעגט ער דאן שטעהן מיט צוגעמאכטע אויגעלאך און חלומ׳ן מיט זיי מאמען, און אזוי חלומ׳ענדיג צוגעהן און נעהמען זויגען, פלעגט ער כאפען א בריקע מיט א אונטערשטען פוס אז ס׳פלעגט איהם פינסטער ווערען אין די אויגען. אויף פערדיש לשון האט אזא בריקע געקאנט הייסען, ווי זי זאל וועלען זאגען: א חוצפה אביסעל פון א יתומ׳ל! אז מ׳ווייזט איהם א פריינדליכע מינע קריכט ער שוין אויפ׳ן קאפ! גלייך מיר האבען קיין אייגענע קינדער ביז הונדערט און צוואנ-ציג יאהר.

און דער יתומ׳ל פלעגט דאן אנטלויפען ניט וויסענדיג אליין וואוהין, און ווע ער איז שוין געווען עט וו[...]יט אין פאטרערא. פלעגט ער אויפהויבען דעם קאפ גע-בען א צוויי הירזשע מיט אזא דחמנות׳דיגען קול ווי ער זאל וועלען שרייען מאמע! מאמע! און פונ׳ם נאהענטען וואלד פלעגט איהם אפענטפערען דאס ווי-דער קול מיט די זעלבע ווערטער: מאמע! מאמע?

. . . .

יעצט איז ער שוין א גרויסער. ער דארף שוין צו קיינעמס לאסקע ניט אנקומען. נאר דאך מאכט זיך נאך אפט, בלייב ער שטעהן א פארטראכטער. און לאזט אראפ דעם קאפ און פארטיפט זיך אין געדאנקען. און דערמאנעדיג זיך אין זיינע קינדער יאהרען. וואו ער איז אויפגעוואקסען אין צרות. און וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן געהט איהם דורך א שוידער דורכ׳ן גאנצען קערפער. און ער ציט אציטער מיט דער גאנצער פעל...

די רויטע קוה

אונטער דער וואנט פון גאלפאן, פערשטעלט פון ווינט, שטעהט די רויטע קוה, דעם רוקען איינגעבויגען, דעם קאפ אראפגעלאזט, די אויגען האלב פערמאכט, יעדע וויילע דרעהט זי אויס דעם קאפ אין דער זייט, און קוקט זיך צו צום בויך, וואו זי פיהלט עס ווארפט זיך אלע מאל דאס קעלבעלע וואס דארף באלד געבוירען ווערען. דערביי דערמאנט זי זיך אין איהר ערשטען זוהן, באלד שטרעקט זי אויס דעם האלדז, און הויבט אן צו רעווען מא-מא! מא-א-א! און צוריקציהענדיג דעם אטעם לאזט זיך הערען פון איהר האלדז עפעס א מין מארנע פייף, עהנליך צו א לאנגען קרעכץ אויסגעמישט פון וועהטאג און בענקשאפט.

און ווידער פערמאכט זי האלב די אויגען, בויגט אראפ דעם קאפ און פערטיפט זיך אין געדאנקען:

„איך וועל קיינמאל פערגעסען דאס אונגליק וואס האט פאסירט מיט מיין ערשטען זוהן, אויך א רויטער געווען, מיט א ווייסען פינטעל אויפ׳ן שטערען, וואס האט איהם צוגעגעבען פיל חן, און געזונד איז ער געווען! אינגאנצען גע־ראטען אין טאטען, ברייט געוואקסען, אין צוויי קורצע, אבער שטארקע הערנער, אלע ביקעס פון דעם געגענד האבען פאר איהם געציטערט. ווען עס פלעגט זיך אמאל מאכען, אז ער האט זיך איבער עפעס געפונען מיט זיינע חברים אין פאט־רערא, האבען זיי אפילו געמעגט זיין צעהן שטיק, פלעגט ער זיי אלע בייקומען, זיך נאכיאגען נאך זיי, ביז זיי פלעגען זיך אונטערגעבען. איך פלעג איהם נאכלויפען, בעטען זיך ביי איהם: לאז אפ! וואס טויג דיר! און ער, פלעגט זיך אלץ זיינס טון, און ביז ער האט זיינס ניט אויסגעפיהרט, האט ער ניט אפגעלאזט, און דאס הארץ פלעגט אין מיר קוועלען פון נחת... א קלייניגקייט, צו האבען אזא ביק פאר א זוהן, אזא געזונדטען, אזא פרעהליבען.

אבער ניט אויף לאנג האט אנגעהאלטען זיין פרעהליכקייט.

דאס איז געווען ווען די פעלדער הויבען ווידער אן צו גרינען, די זון הויבט אן בעסער צו ווארעמען, איבעראל וואו מ׳געהט, שפראצען פרישינקע, יונגע רגעזעלאך, אומעטום איז צו כאפען א לעק, און אויפ׳ן הארצען איז אזוי פרעהליך אז ס׳גלוסט זיך אזש צו בריקעווען, דורכשפרינגען זיך אביסעל. מילא, פאר אונז עלטערע, איז די צייט שוין לאנג אריבער, יונגווארג אבער, ווערען גאר לעבעדי־גער, נעמען זיך צוזאמען א גאנצע חברה, און בריקעווען, שפרינגען, אט צולאזען זיי זיך אלע בארג אראפ, צום טייך צו, און פלוצים בלייבען זיי שטעהן, מאכען א ראד, שפרינגען אויף אלע פיר, איינער געגען צווייטען, איינינע גראבען איין די הערנער אין דער ערד, ווארפען שטיקער ערד איבער זיך אויף ארונטער, און ווידער צעלאזט מען זיך אין א גאלאפ.

איך, און נאך אנדערע זענען געשטאנען פון ווייטענס און צוגעקוקט, געקליבען נחת פון די קינדער.

פלוצים זענען אנגעקומען צוויי רייטער— איך געדענק דאס נאך ווי היינט —אנפאנגס זענען זיי געפאהרען פאמעליך, און נאכהער האבען זיי די פערד געלאזט לויפען גאלאפ, און פארטריבען דאס גאנצע יונגוואַרג אין קאראל. געקומען צום קאראל זענען די רייטער אראפ פון די פערד, האבען אפגעבונדען צוויי גראבע שטריק, און גענומען דרעהען מיט זיי איבער די קעפ. אין קאראל איז געווארען א שטופעריי, א לויפעריי אין אלע זייטען, איינינע האבען זיך געווארפען צום טויער, אבער דער טויער איז געווען גוט פארמאכט, קיינער האט ניט געקענט ארויס, און די צוויי האלטען אין איין דרעהען מיט די שטריק, ביז א שטריק איז געפאלען אויף מיין זוהנ׳ס קאפ, און זיך פערצויגען ארום זיינע הערנער, ער האט זיך געווארפען, געשפרינגען אויף אלע זייטען, געוואלט לויז ווערען פונ׳ם שטריק, באלד אבער האט זיך דער צווייטער שטריק ארומגעדרעהט ארום זיינע הינטערשטע פיס, נאך מעהר האט ער געשפרינגען, גערעוועט... א שוים ארום מויל... די צונג אין דרויסען... אז איך האב דאס דערזעהן, האב איך גענומען לויפען ארום קאראל, געוואלט אריין, פיליכט וועל איך איהם קאנען אפראטעווען, אבער עס איז געווען אומזיסט מיין לויפען, מיין רעווען, מיין קלאגען און וויינען,

און באלד איז ער געלעגען אויף דער ערד ווי א לעמעלע, איך בין געבליבען שטעהען א פערציטערטע, און געקוקט וואס וועט זיין די ענדע.

נעבען קאראל האט געברענט א פייער וואו א שטיק אייזען האט זיך געגליהט, ווען עס איז גוט רויט געווארען ווי פייער, האט איינער גענומען און עס צוגעלעגט צו זיין פעל, און עס גוט צוגעקוועטשט אזוי, אז ס׳איז אזש געגאנגען א רויך, און א ריח פון געבראטענע פלייש מיט פעל צוזאמען האט זיך געלאזט פיהלען, און ער, מיין זוהן, איז געליגען, האט זיך אפילו קיין טריפע געטהון, האט נאר אויפגעעפענט א פאאר גרויסע אויגען, וואס האבען אויסגעדריקט פארצווייפלונג און פעראכטונג צו זיינע פייניגער. און ווען מ׳האט איהם אפגעבונדען די שטריק פון די פוס, האט ער געגעבען אזא שפרינג, אז איך האב געמיינט אז באלד ווערט ער איננאנצען פריי, אבער דער שטריק פון די הערנער איז באלד צוגעבונדען געווארען צו זאטעל פון איינעם פון די רייטער, און דער צווייטער האט איהם גענומען שלאגען גאר אומדערבארעמליך. דער טויער פון קאראל איז אויפגעעפענט געווארען, און די רייטער האבען איהם גענומען שלעפען, און ערשט אויפ׳ן פרייען פעלד האט זיך אנגעהויבען די רעכטע מלחמה, ער האט זיך געווארפען אויף אלע זייטען, דא אויף די רייטער, דא אויף די הונט וואס האבען איהם געביסען, איינער האט איהם געריסען ביים עק, און די אנדערע צוויי האבען איהם געביסען אין דער מארדע, אין דער צונג, וואס איז געווען כמעט אינגאנצען ארויסגעשטעקט, און פונ׳ם מויל האט געזעצט א פינע מיט בלוט אויסגעמישט, רויטע, ווארעמע בלוט! און איך, ארעמע מוטער, האב ניט געוואוסט וואס מיט מיר טהוט זיך, איך בין נאכגעלאפען, גערעוועט, געבעטען, און אויף מיר האט געהאגעלט מיט בייטשען פון אלע זייטען, אבער איך האב קיין זאך ניט גע-

פיהלט און ניט געזעהן, איך האב נאר געזעהן מיין זוהן וואו ער ווערט געשלעפּט, געשלאגען, געביסען פון הונט, און דאס בלוט רינט ריקעסווייס...

איך געדענק נאר, אז באלד זענען מיר אזוי אנגעקומען צו א הויז מיט א גרויסען קאראל, וואו ס'האט זיך געפיהלט א שטארקער ריח פון בלוט, און א מאסע בהמה־ביינער און הערנער האבען זיך געוואלגערט אומעטום. מיין הארץ האט נאך שטארקער גענומען קלאפּען, און מיינע אויגען האבען געזעהן, ווי א שטריק איז ווידער ארומגעבונדען געווארען ארום זיינע פיס, און ווידער איז ער געליגען אויף דער ערד. איינער איז צוגעלאפען, האט האסטיג א כאפּ געטהון זיין שעהנעם קאפּ, און איהם איבערגעדרעהט אזוי, אז די הערנער האבען זיך איינגע־גראבען אין דער ערד, און מיט'ן האלדז אויסגעצויגען ארויף, און מיט זיינע איבערגעקעהרטע אויגען האט ער געקוקט אויף מיר, אויף זיין מאמען...

באלד איז ארויסגעקומען איינער מיט פערקאטשעטע ארבעל, און מיט פער־גלאנצטע אויגען, אין דער האנט האט ער געהאלטען א לאנגען שארפען מעסער, דאס מעסער האט ער געטראגען אין דער הויך, די שטראהלען פון דער זון הא־בען זיך אפגעשפיגעלט אין מעסער, און האבען געגרייכט צו מיינע אויגען, און מיך געשטאכען. און מיט איין „מאך" הין און צוריק, האט ער דעם האלדז איבער־געשניטען... א שטראם רויטע, הייסע בלוט האט געגעבען א זעץ ווי די וואסער אין אראושע נאך א שטארקען רעגען, און דאס איז געווען מיין בלוט... דאס בלוט פון מיין זוהן... איך האב געקריצט מיט די ציין, געטופעט מיט די פוס, איינגע־גראבען די הערנער אין דער ערד, און דערמיט געוואלט אלעמען פארשיטען. אבער די זעלבע רייטער האבען מיך באלד פארטריבען מיט די בייטשען...

פון ווייטען האב איך געזעהן ווי עס ברענט דארט א פייערל, און געפיהלט א ריח פון געבראטענע פלייש...

א שטיק צייט נאך יענער פאסירונג, פלעג איך אפט קומען אויף יענעם פלאץ, ווען קיינער איז דארט ניט געווען, גראבען מיט די הערנער אין דער ערד, שארען מיט די פוס, אום אויפצוגראבען דאס פארגאסענע בלוט, און שמעקען, שמעקען. איך האב דערקענט דאס בלוט. . . . .

. . . .

. . . .

און ווידער דרעהט די רויטע קוה אויס דעם קאפּ, צו דער זייט בויך, וואו זי פיהלט אז עס ווארפט זיך אלע מאל דאס קעלבעלע וואס דארף באלד געבוירען ווערען, און באלד שטרעקט זי אויס דעם האלדז, און הויבט אן צו רעווען: מאַ־אַ־אַ! מאַ־אַ־אַ! און צוריקציהענדיג דעם אטהעם, לאזט זיך הערען פון איהר האלדז, עפּעס אמן מאנגע פייף, עהנליך צו א לאנגען קרעכץ, אויסגעמישט פון וועהטאג און בענקשאפט...

שפאנישע ווערטער

אלאמברע — א דראטענער צוים ארום פעלד.
אקריאזשירט—געווארען א "קריאזשא" אנגענומען די זיטען פון א איינגעבוי־רענעם ארגענטינער.
אמבו — א צווייגהאפטיגער בוים, וואס וואקסט אין די ארגענטינער פאמפאס און אין אורוגוואי.
אראזשא — א גראבען, וואו עס לויפט וואסער נאך א רעגען. א טייכעל.
ארעגלירען — איינארדנען.
אלאמעדען — א וועג פארפלאנצט מיט בוימער פון ביידע זייטען; א סקוועד פון טאפאלען.
אדולאדאר — שמייכלער, חניפה'ניק.
אוועניידא אלוועאר — א בולוואר־גאס אין בוענאס איירעס.

באמביזשא — א רעהרעל דורך וועלכער מען ציהט די פארקאכטע מאטע.
באילע — באאל.

גאאוטש — אן ארגענטינער רייטער, אן איינגעבוירענע וואס שיידט זיך כמעט ניט מיט זיין פערד.
גאלפאן — א בלעכענער שייער אדער מא־גאזין; אין שטאדט דינט אלס ווערק־שטאט.
גווארראניעס — א אינדיאנער שבט, וואס האט געוואוינט אין דער געגענד פון לא פלאטא טייך, איצט שוין פאר־שוואונדען.
גראסיאס — א דאנק.

דעסאלאכא — ארויסווארפען א שכן פון דער דירה.
דיגא — זאג נאר ! הערט נאר אוים". זייט אזוי פיל גוט.
צוועקעס — פאראדישטע איבערזעצו ג פון שפאנישען "קלאווא"), א ספעציעל ווארט ביי קוועטעניקעס, מיט וועלכען עס ווערט באצייכענט א קונה, וואס צאהלט ניט זיין חוב.

וועגטאס — פדיון — פארקויפט סחורה.
ווישילאנט — (פון וויגילאנט) א פא־ליצמאן.
וואוטאן — א נאמען פון א אינדיאנער העלד.
זשעגווא — שקאפע.

טאזשער — ווערקשטאט, א קליין פאברי־קעל, וואו עס ארביטען וויניציג ארביי־טער אפטמאל מיט בעלי בתים צוזאמען.

טאנגא — אן ארגענטינער טאנץ; דער נגון פון דעם טאנץ.
טאלקאהואנא — א נאמען פון א בוענאס איירעסער גאס.
טריפוס — שבטים.
טשאקא — א ריזיגע וואלד געגענד אין דער נארד פון ארגענטינא.
טשארואס — א נאמען פון א אינדיאנער שבט אין ארגענטינא, איצט שוין פאר־שוואונדען.
טעועלטשעס — " " "
טעקלא — קלאווישען.
טעקום־או־מאן — א נאמען פון א אינדיא־נער העלד און א שבט. פון דעם קומט דער נאמען טוקומאן — א שטאדט אין פראווינץ אין צפון פון דער רעפובליק.

כועגא — א גאנג, א סערוויז, א צוזאמענ־שטעלונג פון מעבעל פאר באשטימטע צימערען.
כועס — פרידענס ריכטער.

לאבא —(א וואלף), א נאמען פון א הינד.
לוסטראדאר — א פאליטורער פון מעבעל.
לאוואטאריא — וואש־טיש; א טואלעט־טישעל.
לאנסא — א לאנגע הילצערנע פיקע וואס די אינדיאנער פלעגען באנוצען אין קאמפף.
לעמפירא — א אינדיאנער העלד.

מאטע — אזא גראז פון פאראגוואי, וואס ווערט פארפארעט און געטרונקען אין זיד אמעריקא ווי טיי.
מאנקאראן — א קריאזשע פערד, וואס לויפט שנעל.
מאסאאיקעס — קאלירטע שטיינער־פלי־טעס; מאזאאיקען.
מעמברעטע — א פירמע פון א הויז גע־דרוקט אויף איהר פאפיר.
מענדאזא — א נאמען פון א שטאדט און א פראווינץ אין ארגענטינא.
מיראמבא — א הילצערנער מוזיקאלישער אינסטרומענט פון די אינדיאנער.
מערקאדא — א געדעקטער מארק.
סימאררען (על פי טעות אנשטאט מאנ־קאראן) זעה מאנקאראן.
סאינא — א ברוינער פערד. א נאמען פון א פערד.
סאלע — א זאאל, דער ערשטער צימער פון הויף וואס האט א פענסטער צום גאס.
סעניאריטא — פרייליין.
סעניאר — הערר.
סאסיעדאד — פאראיין.

סעניארא — מאדאם.
סועלדא — געהאלט, לוין.
סאנדא — א ווינט פון די בערג.
סעקיאס — גראבענס פאר באוואסערונג. דיטשקעס.

ענקארגאדא — דער הויפט שכן פון הויף וואס נעמט א הויף אין ארענדע ביים בעל הבית און פארדינגט אנדערע שכנים.

ענטרעגירען — ליפערען באשטעלונגען פון סחורה צו די קונים.

עמבוסטערא — ליגנער.

עסטאפאדאר — שווינדלער.

פלאטא — (זילבער) דער נאמען פון טייך וואס באוואשט די ברעגען פון ארגענטינא און אורוגוואי.

פאראנא — א טייך, וואס לויפט צווישען ענטרע-ריאס און סאנטא פע, צוויי פראווינצען אין ארגענטינא פון זיין צוזאמענגוס מיט'ן אורוגוואי ווערט גע-בוירען דער "לא פלאטא".

פאטרערא — א ליידיגע שטרעקע ניט באארבייטע ערד מיט גראז באוואקסען, וואו עס פאשען זיך פערד און בהמות.

פאמפא — ברייטע ארגענטינער סטעפעס.

פיטשע — א נאמען פון א הינד.

פלאסא — א ברייטער אפענער פלאץ פארפלאנצט מיט בוימער און בלומען.

פעזא — אן ארגענטינער מטבע פון 100 סענט.

פאטיא — א אינוועניגסטער פארמאכטער הויף.

פאנארעען — וועקסלען.

פארטיקולאר — פריוואט.

פין דעל מעס — ענדע מאנאט, א טער-מין פאר אפצאהלונגען.

פערסיאנאס — הילצערנע גראטע לא-דענס. פערסישע לאדען.

פאלערמא — א גרויסע פארק-געגענד אין בוענאס איירעס.

פערסאנא סעריע — א ערענסטע פערזאן, א סטאטיק.

קאמפאניערא — א חבר.

קאראל — א אפגעצוימטער מיט דראטען שטיק הויף וואו מען פאטרייבט די פיה.

קאמיסעטא — א לייבעל, א געארבייטע העמד אהן א קאלנער.

קינסענע — דער צוויי וואכען טערמין. דער טאג פון צאהלען פאר ארבייט.

קאכאנעס — שיפלאדען, קעסטלעך.

קאמפ — פעלד, פראווינץ.

קאברירען — איינמאנען, איינקאסירען.

קווענטעניק — א פעדלער. דער וואס פאר-קויפט אויף אויסצאהלען.

קארעדאר — דער וואס באט אן די סחורה פון קווענטעניק און זוכט קונים, אנ-קלאפענדיג אין די טירען.

קאטרע — א שער-בעטעל.

קאזשע — קאלליע, א גאס.

קאסאס-אינטראדוקטאראס — געשעפטען וואס פיהרען אריין סחורות פון אוים-לאנד.

קאבראנסטווא — (פאראידישט פון קאב-ראנצא) איינקאסע, איינגעמאנטע געל-דער.

קאמעדאר — עס-צימער.

קאמבאלאטש — א רונדוק, א געשעפט פון אלטווארג.

קאציק — אינדיאנער הויפט.

קע לאסטימא! — א רחמנות נעבעך.

קאוואזשערא, על מאטע עסטא סערווידא. —קאוואליער די מאטע איז שוין גרייט.

ריא-פלאטענסא — וואס געהער צו דער געגענד פון פלאטא.

רעמאטע — א ספעציעל געשעפט, וואו מען פארקויפט אלערליי סחורות דורך טארג.

ריוואדאוויא — א נאמען פון א הויפט גאס אין בוענאס איירעס.

דרוקעריי פון קראסילאווסקי און פערצאווסקי.